STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05719

# FUN EYGENEM FELDZ

L. Olitsky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# ל. אליצקי / פון אייגענעם פעלדז

## די מיטגלידער פון ל. אָליצקי־קאָמיטעט אין ישראל

חיים הזז,

יוחנן טברסקי,

פרופ׳ דב סדן,

אבא גאָרדין (ז״ל),

אורי אלפרט,

אריה אבטיחי,

בן־ציון אילון,

צבי אסף

משה בורקו

בילה טולפין־ונגרוב.

לאה מושינסקי,

שמחה לביא,

חיים רבין,

גור אריה שדה.

ל. אליצקי

# פון אייגענעם פעלדז

אַרויסגעגעבן פון ל. אַליצקי־קאָמיטעט אין ישראל
מיטן אָנטייל פון „איגוד עולמי של יוצא ווהלין״

תל־אביב                    תשכ״ה — 1964

L. OLITSKY

FUN EJGENEM FELS

©

Printed in Israel 1964

נדפס בישראל תשכ"ה

הדפוס הכללי בע"מ, רחוב השוק 26, תל־אביב, טל. 821801.



ל. אליצקי

דאָס דאָזיקע בוך פון אַ גרויסער יידישן דיכטער פון וואָלין
ווערט געשטעלט ווי אַ

## מצבה

אויף די אומבאַקאַנטע קברים פון די אויסדערווײלטע זין און טעכטער
פון דעם וואָלינער יידנטום, וואָס איז פאַרשניטן געוואָרן דורך דעם גרעסטן שונא, דעם נאַצי, ימח־שמו, — פון

ל. אָליצקי־קאָמיטעט אין ישראל
און דעם **אויטאָר**.

## וואלין

וואָלין, געבוירנלאַנד פון גרויסן חיים נחמן,
ווען דײַנע יידן האָט געסמט די ברוינע שלאַנג,
מיט זיי — די שכינה מיט איר טויבנברום־געזאַנג, —
האָט קאַלט פון דיר אַוועקגעקוקט דער אַב־הרחמן;

ווי ס'וואָלט אים ניחאַ זיין, זאָלסט גיין פאַרלוירן.
דײַן פּנים פינצטערט זיך, ווי חשונדיקע נאַכט:
„אויף תּמיד איז פאַרשאָלטן שוין מיין מוטערטראַכט —
קיין גרויסן יידן כ'וועל שוין נישט געבוירן".

אויף די בית־עלמינס די מצבות דײַנע,
וואָס קײנעמס האַרצקלאַפּ וועקט שוין מער נישט אין געוויין, —
זיי שטאַרן אין דער לופט, ווי קריצנדיקע ציין,
און זינקען אין דער ערד מיט שטומער טענה.

נאָר מיר — דאָס רעשטל — טראָגן אין זכרון
דעם זכר פון די יידן אונדזערע, וואָלין,
ווי ס'טראָגט דעם ברכה־שטויב פון בלום־באָקאַל די בין,
צו שאַפן פון אים האָניק לויטער־קלאָרן...

ל. אָליצקי

גבעתיים. אָקטאָבער, 1963

# ווהְלין

ווהְלִין, מוֹלַדְתּוֹ שֶׁל חַיִּים נַחְמָן,
בְּהַרְעִיל יְהוּדַיִךְ הַנָּחָשׁ הַמְזֹהָם
— יוֹנָה הוֹמִיָּה הַשְּׁכִינָה עִמָּם —
הֶעֱלִים עֵינוֹ מִמֵּךְ אָב הָרַחֲמָן

כְּעוֹנָה אָמֵן לְאָבְדָנֵךְ כִּבְיָכוֹל..:
כְּלֵיל חֶשְׁוָן מֵרֹאשׁ הָשַּׁחַר:
„לְעוֹלְמֵי עוֹלָמִים רַחֲמַי נִסְגַּר —
לֹא עוֹד יִוָּלֵד בִּי יְהוּדִי גָּדוֹל״:

עַל בָּתֵּי עוֹלָמֵךְ מַצְּבוֹתַיִךְ שַׁמָּה:
לֹא בְּכִי, לֹא מְנוֹד-לֵב אוֹתָן יָעִיר.
מִשְּׁנַיִם חוֹרְקוֹת נִצָּבוֹת הֵן בָּאֲוִיר
עַד בְּלוֹעַ אֵלֶם טַעֲנָתָן הָאֲדָמָה.

אַךְ אֲנִי, הַשְּׁאֵרִית, בְּלִבֵּנוּ נִשְׁמֹר
זֵכֶר יְהוּדַיִךְ-יְהוּדֵינוּ, ווהְלִין,
כִּבְכוֹס הַפֶּרַח הַדְּבוֹרָה תַּטְמִין
אֲבַק-הַבְּרָכָה לַדְּבַשׁ הַטָּהוֹר.

מְיִידִישׁ: ש. שָׁלוֹם

יצחק למדן

# יהדות ווהלין

קיבוצי ישראל בארצות אירופה שנמחו בידי תלייני־הגויים מעל מפת העולם — אם כי בדרך כלל אחת היתה מסגרתם, מסגרת „עם לבדד ישכון" בין הגויים — לא אחד היה פרצופם. קיבוץ קיבוץ ופרצופו, סגנון חייו, תכונותיו וסגולותיו. שוני זה רבים מקורותיו, מהם גלויים ומהם נעלמים והבויים במעבה דורות ובמסתרי נופים ואקלימים. מה שחסר היה באפיו של קיבוץ פלוני ניתן לקיבוץ אלמוני, זה שעשיר היה בתחום אחד עני היה בתחום שני וההפך בחברו. וכך השלימו זה את זה והיו ביחד אותה כנסת־ישראל גדולה באירופה שהיתה במשך דורות לא רק רוב מנינה ובנינה של האומה, אלא גם הבאר הראשה שלה, באר מימיה החיים והמחיים של האומה.

יהדות ווהלין, כחלק ניכר מיהדות אוקראינה הגדולה, לא דל היה חלקה במסכת מגוונת זו של כנסת ישראל. תכונותיה היקרות הפרו בהתמדה את חיי ישראל בנכר דורות אחרי דורות, וסימני עקבותיה ניכרים יפה בדרכי שיבת־ציון החדשה ובחזונה. לא הבריקה יהדות ווהלין בחריפות וגאונות תורנית, אינטלקטואלית, כיהדות ליטא; לא עוטרה לה עטרת יחש ולא נתנאתה בגנוני־רחבות כיהדות פולין, אך תחת אלה נתברכה בתום־לב, בפשטות עממית ושרשית, הדבקה ביסודם ובעיקרם של דברים ולא בעיטורי הנוי והקישוט שלהם. היתה זו יהדות־שבלב, ששפעה הרבה אהבה ונאמנות, שהילכה את סגולותיה לים של כנסת־ישראל הגדולה בהשקט, בנאמנות מתמדת וללא התבלטות, כאותם נחלים שוקקים בווהלין העושים דרכם המוצנעת בצל יערות. יסוד הלב הוא בעיקר הנותן אותותיו היקרים בכל יצירות רוחה של היהדות הווהלינית, הוא ההומה בין השיטין הנכאים של „יון מצולה" לרבי נתן נטע הנובר ומזדכר ממוסרו ומשליו של המגיד מדובנא; הוא הרקע לאורח חייהם ותורתם של אבות החסידות; הוא לא נפגם גם בהשכלה הווהלינית, אשר בניגוד לפניה הזועפים וקפדנותה הרציונלית של ההשכלה במקומות אחרים, נתגלתה בווהלין בדמותו התמה, הלבבית־אצילית של ריב"ל; והוא שאצל מאור־מעמקיו על גזע נופו רב־השרשים של ביאליק ונשקף מעיניו העצובות והחולמות של פיארברג.

יהדות של לב. וכמה לבבות חולמים, שופעי חיים ויצירה וזורעי אור נאמן יכלה עוד יהדות זו להוציא מתוכה! והנה באה מפלצת־גויים־אין־לב זו ורמסה בטלפיה את הלב היקר הזה יחד עם לב חייה הגדול של כנסת ישראל באירופה.

## יצחק למדן

# דאָס וואָלינער יידנטום

די יידישע קיבוצים אין די אייראָפּעישע לענדער, וועלכע זענען אָפּ־ווישט געוואָרן דורך די גויִישע תלינים פון דער וועלטמאַפּע — הגם אין אַלגעמיין איז זייער ראַם געווען די זעלבע, די ראַם פון „עם לבדד ישכון״ — אַ פֿאָלק וואָס רוט באַזונדער — איז אָבער זייער פיזיאָנאָמיע געווען נישט די זעלבע. יעדער קיבוץ האָט זיך געהאַט זיין פיזיאָנאָמיע, זיין לעבנסטיל, זיינע אייגנשאַפטן און אייגנטימלעכקייטן. אָט די אַנדערשקייט האָט געהאַט אַ סך מקורות, טייל אָפּענע און טייל פֿאַרבאָרגענע און באַהאַלטענע אין דער געדיכטעניש פון דורות, און אין די פֿאַרהוילעניש פון פייזאַזשן און קלימאַטן. וואָס ס׳האָט אויסגעפעלט אין כאַראַקטער פון איין קיבוץ, האָט זיך געפונען אין צווייטן קיבוץ. דער יעניקער, וואָס איז רייך געווען אויף איין געביט, איז אָרעם געווען אויף אַ צווייטן, און דאָס פֿאַרקערטע ביים אַנדערן. ״, אַזוי האָבן זיי זיך משלים געווען איינער דעם אַנדערן און צו־זאַמען געבילדעט יענץ גרויס יידיש פֿאָלק אין אייראָפּע, וואָס איז אין משך פון דורות געווען נישט נאָר דער רוב מנין און רוב בנין פון דער נאַציע, נאָר אויך דער קוואַל פון די לעבעדיקע און באַלעבנדיקע וואַסערן פון דער נאַציע.

דאָס וואָלינער יידנטום, ווי אַן אַנזעעוודיקער טייל פון גרויסן אוקראַינישן יידנטום, האָט נישט קיין קנאַפּן חלק געהאַט אין אָט דעם פילקאָליריקן געוועב פון דעם יידישן פֿאָלק. זיינע טייערע אייגנשאַפטן האָבן דויערהאַפט באַפּרוכפּערט דאָס יידישע לעבן אין דער פּרעמד דורות־איין, דורות־אויס, און זיינע טריטשפּורן זענען היפּש קענטיק אויף די וועגן פון דעם ביי־עם שיבת־ציון און איר וויזיע. דאָס וואָלינער יידנטום האָט נישט געבליצט מיט שאַרפזין און דער תורהדיקער, אינטעלעקטועלער געניאַליטעט, ווי דאָס ליטווישע יידנטום; מ׳האָט עס נישט באַקריינט מיט קיין יחוס־קרוין, און ס׳האָט זיך נישט אויסגעפיינט מיט ברייטע מאַניערן, ווי דאָס פּוילישע יידנטום, — עס איז אָבער דערפֿאַר געבענטשט געוואָרן מיט האַרציקער ערלעכקייט, מיט פֿאָלקסטימלעכער און וואָרצלדיקער פשטות, וועלכע איז באַהאַפטן מיטן יסוד און עיקר פון זאַכן, און נישט מיט זייערע שיינקייט־אָרנאַמענטן און פֿאַרצירונגען. דאָס איז געווען אַ האַרץ־יידנטום, וואָס האָט אַרויסגעשפּרודלט אַ סך ליבשאַפט און טריישאַפט, אַריינגעבראַכט זיינע

אייגנטימלעכקייטן אין גרויסן פאָלקס־ים מיט באַשיידנקייט, מיט דויערנדי־
קער טריישאַפט און אַן אַרויסשטעלעניש, ווי יענע וואָלינער לויפנדיקע טייכן,
וועלכע מאַכן־דורך זייער פאַרבאָרגענעם וועג אין שאָטן פון וועלדער. דער
האַרץ־יסוד ווייזט זיך בעיקר אַרויס אין אַלע גייסטיקע שאַפונגען פונעם
וואָלינער יידנטום, ער זיפּצט עס צווישן די טרויעריקע שורות פון רב נתן נטע
האַנאָווערס „יון מצולה״, און טויכט־אויף אין געדאַנק פון דעם דובנער
מגידס שטראָפרייד און משלים; ער איז עס דער הינטערגרונט פונעם לעבנס־
שטייגער און דער לערע פון די אָבות פון דעם חסידות; ער איז אַפילו
נישט קאַליע געוואָרן דורך דער וואָלינער השכלה, וואָס האָט זיך, אין קעגנ־
זאַץ צום בייזן פנים און דער ראַציאָנעלער פעדאַנטישקייט פון דער השכלה
אין אַנדערע מקומות, באַוויזן אין וואָלין אין דעם תמימותדיקן, האַרציק־
איידעלן געשטאַלט פון ריב״ל; און ער האָט עס געוואָרפן דאָס ליכט פון
זיינע טיפענישן אויף דעם פילוואָרצלדיקן שטאַם פון ביאַליקס לאַנדשאַפט
און אַרויסגעקוקט פון די אומעטיקע און טרוימערישע אויגן פון פייערבערגן.

אַ האַרץ־יידנטום. און וויפל קלאַפּנדיקע הערצער, שפּרודלענדיקע מיט
לעבן און שעפערישקייט און פאַרשפרייטנדיקע אומאויפהערלעך אמתדיק ליכט
וואָלט אָט דאָס יידנטום נאָך געקאָנט אַרויסגעבן! איז געקומען דאָס דאָזיקע
געשפּענסט פון גוים־אָן־הערצער און האָט צעטרעטן מיט זיינע קאָפּיטעס אָט
דאָס טייערע האַרץ צוזאַמען מיטן גרויסן לעבנסהאַרץ פון דעם יידישן פאָלק
אין אייראָפּע.

„כִּי מְסַלְּאַי וְצוּרַי נִקַּרְתִּיו
וַחֲצַבְתִּיו מִלְּבָבִי"

ח. נ. ביאַליק

פון פעלדז פון אייגענעם געהאַקט זי,
פון אייגן האַרץ זי אויסגעשלאָגן.

דאָס דאָזיקע בוך איז נישט קיין אָפּקלייב פון מיינע שאַפונגען, נייערט אַ זאַמלונג. עס גייען דערין אַריין:

א. לידער, נאָך נישט געדרוקטע און געדרוקטע, אָבער נישט אַריינגענומענע צווישן טאָוולען פון אַ בוך, ווי אויך געציילטע שוין יאָ אַריינגענומענע, נאָר דורכגעגאַנגענע דאָס אויג און די פּען פון אַ טענדענציעזער רעדאַקציע, כדי זיי צוריק צו שטעלן אין זייער ערשטן נוסח;

ב. פאָלקסטימלעכע באַלאַדן, אַ המשך פון מיין בוך „פאָלקס־טימלעכע באַלאַדן", דערשינען אין וואַרשע אין יאָר 1957;

ג. משלים, נייע ווי אויך אַלטע, וועלכע זענען נישט אַריין אין מיינע משלים־ביכער, און

ד. עפּיגראַמען און אַפאָריזמען.

דאָס דערשיינען פון דאָזיקן בוך אין ישראל דורך אַ קאָמיטעט פון דער וואַלינער שארית־הפליטה אין ישראל, ווי אַ מ צ ב ה אויף דער אומגעבראַכטער „סלתה ושמנה" פון דעם וואַלינער יידנטום. באַטראַכט איך און פיל עס אָפּ פאַר אַ גרויסער אומפאַרדינטער זכיה פאַר זיך; און מיין האַרץ איז פול מיט דאַנק פאַר די אַלע פריינד, וועלכע האָבן מיר אָט די זכיה דערמעגלעכט, באַזונדערס פאַר מיין פריינד גור אריה שדה דעם איניציאַטאָר און פאַרזיצער פון דעם קאָ־מיטעט, און — אחרון אחרון חביב — די זייער חשובע שרייבער: חיים הזז, יוחנן טווערסקי, דב סדן און אבא גאָרדין ז"ל.

זאָלן זיי זיין געבענטשט!

ד ע ר   א ו י ט אָ ר

**נשיא מדינת ישראל**

ירושלים, כא׳ אלול תשכ"ג
10 בספטמבר 1963

אישי המשורר,

א הארציקן דאנק פאר דער שיינער מתנה. כ׳האב געלייענט די לידער מיט גרויס אינטערעס. דער אויפריכטיגער און פערזענליכער טאן האט מיך זעהר גערירט און אזא אמת׳ע אהבת ציון איז היינט א זעלטענער ארטיקל.

זייט מיר געגריסט און באדאנקט און האט איר, און לאמיר אלע האבן א גוט גליקליך יאר.

אייער

זלמן שזר

לכבוד
מר ליב אליצקי,
רחוב המאבק 39,
גבעתיים

# אין מיין אלטער־נייער היים

## מיין לאנד

לכבוד דעם נשיא, שניאור זלמן שזר —
איינעם פון די „כוכבי בקר"

.1

דיין יעדער נייער טראַטואַר
זינגט לידער אונטער מיינע טריט;
ס׳וועפּט־אויס זיך פון מיין האַרץ דער צער,
און פרייד וועבט־איין זיך אין מיין ליד.

דיין יעדער פרישער יונגער פלאַנץ
צינדט אָן אין מיר אַ גרינע ליכט;
ס׳נעמט גיין אין מיר דאָס בלוט אַ טאַנץ
און פאַרבט אויף ראָז מיין וועלק געזיכט.

דיין יעדעס שטיקל נייער כביש,
ווי ווייכער האַנטעך, טוט אַ וויש
פון מיינע האָר דעם גרויען שטויב;

איך הער: סע זינגט אין מיר אַ ליד
אַן אָפּגעראַטעוועטער ייִד, —
מיין גאָט! איך בין דאָך שוין נישט טויב...

.2

שטייגסט שטאָלץ, אַ גאָרן אויף אַ גאָרן,
אויף דיינע זאַמדן גרינס האַלט אָפּ אַ זיג,
נאָר שונאים רינגלען דיך אַרום — שוואַרציאָרן
מיט מערדערישן צאָרן אינעם בליק.

איז איבער דיר איך ציטער, ווי אַ מוטער,
פאַרוויגנדיק איר עופּעלע אין וויג:
ס׳זאָל פלוצעם נישט אַ קום טאָן אַ נישטגוטער
צו קוילענען זיין קלאָרע, ווייסע ציג.

איז איבער דיר איך ציטער, ווי אַ מוטער,
ווען ס׳גייט איר יונגער זון אין קריג אַוועק;
איר האַרץ זיך וויגט אויף שוואַרצע כוואַליעס שרעק:

ער גייט אַ דרייסטער, שטאָלצער און באַרוטער —
צי וועל איך פאַר דעם אויסגעשפּילטן קריג
נישט צאָלן מיט מיין אויסגעווייטיקט גליק?...

.3

סע קלאַפּט מיין האַרץ, צה״ל, צום טאַקט פון דיינע טריט
און טרינקט פון דיין מוזיק די האַפּערדיקע טענער;
בליט אויף ביי מיר אין בלוט פון פרייד דער ווייסער צוויט,
און מיין נשמה פלאַטערט־מיט מיט דיינע פענער.

ווי שטאָלץ סע שפּרייזן דיינע זעלנער — פרויען, מענער!
ווי אַ געגאָסענע פון שטאָל, די ברוסט פאָרויס,
אַ גרייטע אויפצונעמען יעדן שונא, ווען נאָר
ער וויל מיט ווילדע הערנער טאָן די היים אַ שטויס.

די אויגן קוקן הייס און שטרענג — זיי פּראָזשעקטירן
און דרינגען דורך די ווייט, אַזש ביזן פיינטס געהירן
און וואָרענען: — דערוועג זיך נישט! מיר זענען גרייט!

סע פלאַטערט מיין נשמה מיט מיט דיינע פענער
און טרינקט פון דיין מוזיק די פייערלעכע טענער, —
איך ש י ט פאַר דיינע ט ר י ט מיין ווייסן צ וו י ט פון פרייד.

.4

מיין לאַנד פון ליכט און בלומען־פאַרבן,
דו טריפסט אין מיר דיין זאַפט, ווי האָניק זיס,
וואָס היילט מיין האַרץ פון וווּנד־און־ווײי און ריס, —
אין דיר וועט גוט זיין מיר אויך שטאַרבן.

צעבליסט מיין האַרץ — אַ רויטע בלום פון מוט,
און מיין נשמה שפרייט פאַנאַנד די פליגל;
ס'איז דיין חמסין פאַר מיר אַ לייטער־טיגל, —
אין דיר וועט אויך צו שטאַרבן זיין מיר גוט.

אין דיר וועט אויך צו שטאַרבן, לאַנד מיינס, גוט זיין.
ווען ס'וועט פאַרגליווערט־פּראָסטיק שוין מיין בלוט זיין,
כ'וועל שפּירן: ס'נעמט דער טויט מיך אין זיין צוואַנג, —

וועט אויסשפּילן דיין ליכט אַ רעגנבויגן
אין דער פאַרוואָלקנטקייט פון מיינע אויגן,
וואָס לעשן־אויס זיך צו מיין איבערגאַנג.

גבעתיים, מערץ—יולי, 1963.

## פאר א שול אין געבוי

נאָך רויע, שטומע זענען דיינע ווענט,
די פענצטער, נישט־באַרעמטע — בלינדע לעכער; —
געבענטשט זייט, אומדערמידלעך־פרישע הענט,
וואָס הייבן די געביידע העכער, העכער!

נאָר דמיון טראָגט פאָרויס מיך אין דער צייט
און איבער דיר, — כ'זע פאַרטיק דיך פון אויבן
און הער דיך זינגען קינדעריש־פאַרשייט,
מיט שמייכלענדיקע, זונצעשטראַלטע שויבן.

און תיכף ווערסט דורכויס אין גלאָז פאַרקערט, —
דו שטייסט פאַר מיר אַנטבלויזט מיט דיינע קלאַסן:
די קינדער — פלאַמענדיקע־איינגעהערט,
די לערער — גליענדיק, באַהערשט־געלאַסן;

אַ לערער מיט אַן אויסגעשאַרפטן בליק,
ווי פאַרשטן וואָלט ער אויפן הימל שטערן;
פון שילער־אויג צו לערער־אויג — אַ בריק
פון שטראַל פאַר קעגנזייטיקע באַגערן...

און דאָרט — אַ לערערין... איר שמייכל טריפט
מיט גוטסקייט מאַמעשער, מיט מילך און האָניק —
דאָ הילכט אַ גלאָק, פילקעלערדיק, צעשטיפט —
אַ קינדער־רויש צעשיט זיך טויזנט־טאָניק — —

און פּלוצעם: כ׳שפּיר, אַ שוואַרצער וואָלקן ציט
אַריבער דעם געוועלב פון מיין זכרון,
ווו ס׳האָט זיך איינגעקריצט און איינגעהיט
דער לויף פון מיינע לערער־וואונדער־יאָרן...

זיין שיין האָט זיך פאַרלאָשן פּלוצעם־ווילד
אין פיינטלעכן, שטיפמוטערישן פוילן:
דער נאַצי האָט מיין שול דאָרט איינגעהילט
אין פלאַמען־ליילעכער און רויכנקנוילן...

איך הער פון זיי... אוי! צאַפּל, צאַפּל, האַרץ
צוזאַמען מיט די שילערס ציטער־גלידער;
לעש־אויס זיך, מיין נשמה, פינצטער־שוואַרץ
אין יאָמער פון פאַרקוילטע קינדער־לידער! — - - - —

נאָך רויע, שטומע זענען דיינע ווענט,
נאָר אין מיין דמיון שטייסטו — טרייסט אַ בעכער,
און תּפילהדיק איך שטרעק צו דיר די הענט:
„ביז מיין נשמה שטייג... שוים־אויף אַלץ העכער...״

גבעתיים, מערץ—יולי, 1963.

## א פרעמדער אויפן ברעג פון אונדזער ים

פאַרגליווערט הענגט דער פליגל פונעם ווינט.
ס׳ליגט רויק, איינגעוויגט אין נאַכט, ישראלס ים —
אַ ריז אַ קינד;
ס׳לבנה־ליכט אויף אים — אַ זייל פון זילבערפלאַם;
ער אָטעמט מעכטיק, אָבער איינגעהאַלטן־שטיל
און קושט דעם זאַמדבערג מיט אַ צאַרט געפיל.

דאָ זיצט, פאַרקוקט אין אים, אַ פרעמדער מאַן,
פאַר'טראַכט,
ווי איינגעשפּאַנט אין אַ מחשבותדיקן שפּאַן;
פון הימל די לבנה קוקט אויף אים אַראָפּ,
פאַרוועבנדיק מיט זילבער־פעדעם ים, און נאַכט,
און אים — —
ווי מיט אַ מאָל דער פרעמדער זיך צעכעסט
און טוט מיט גרים
אַ הייב,
פאַרוואַרפט דעם קאָפּ,
מיט טשופּרינע, אַ כלומרשטיקע גריווע פון אַ לייב,
און אויפן ים־שפּיגל אַ שפּיי:
— דו ביסט, ישׂראלס ים, דעם אָרעם־מענטשן אומגעטריי
און מיטן אשמדאי
אַקעגן אים פאַרקנסט...

אַז אויגנבליק לבנה ווערט פאַרבלאַסט
און טונקל — בליי,
נאָר באַלד אויפס ניי —
בלוי־זילבערדיק, און אויף דער ים־ברוסט — זילבערפלאַם:
„אַ, שטערנדלעך, קוקט אַן דעם פרעמדן מאַן, קוקט אַן אים!
באַטראַכט זיין אָפּשפּיגלונג אין ים!
בלויז זיך אַליין, זיין פּנים —
אַן אָפּגעריבן־אָפּגענוצטער מעשן־זיגל
אין זילבער־שימערדיקן שפּיגל —
ער האָט באַשפּיגן,
דער פרעמדער, צאָרנדיקער מאַן,
וואָס נישט קיין ליבשאַפט האָט געפירט אַהער זיין שפּאַן...״
— — — — — — — — — — — —
דער ים ליגט ווייטער רויק, שטיל־פאַרשוויגן;
ער שפּירט נישט אויף זיין הויט דער קילער
דעם פרעמדנס זידנדיקן שפּייעכץ־פלעק
און קושט אַן איבעררייס דאָס זאַמד פון ברעג:
מיט אים באַהעפטן זיך אין ליבשאַפט וויל ער...
דער פרעמדער טוט אַ שטעל זיך אויף און גייט אַוועק,
און דורך זיין נאַז זיך רייכערט־אויס אַ שנאה־ניגון — —
ישׂראלס ים האָט אים מיט גלייכגילט אויסגעשפּיגן...

גבעתיים, אָקטאָבער, 1963

## מיין פריינד, דעם טרויעריקן דיכטער אין ישראל

.1

אַדורך די שורות פון דיין ליד זיך שפּאַרן טרערן,
איך שפּיר דעם ווײ־צאַפּל ביי דיר אין האַרץ: —
די יעסט אַ שוואַרצע נאַכט, נאָר נישט — קיין שטערן,
די זעסט אַ הימל, נאָר — זיין זון איז שוואַרץ.

אויך מיין געמיט די זעלבע צערן צערן,
נאָר פון דיין ליד מיך דאַרנט יעדעס אות; —
מיר מוזן, ברודער, קעגן דעם זיך ווערן:
פון טרויער־בעכער טרינקען מיט אַ מאָס.

ס'איז שוואַרץ די נאַכט, נאָר — ס'בליען אין איר שטערן,
ס'איז וואָר, די זון האָט פלעקן, נאָר איר קערן —
אַ לויטערער, אַ היילנדיקער קוואַל;

און ס'וועלן אירע שטראַלן זיין די רערן,
דורך וועלכע ס'פליסט באַלזאַם... און זאָלן ווערן
גענעזן, ווער סע קרענקט אויף „שוואַרצער גאַל"...

.2

כ'פאַרשטיי דיין טרויער, ווייל... איך פיל אַליין אים,
און יעדער מענטש אַ רעכט האָט אויף זיין קרעכץ.
ס'איז אָבער נישט דערלויבט דיר, ווי נישט קיינעם,
צו טייטלען מיטן פינגער בלויז אויף שלעכטס.

צו גאָר די שלעכטסן גיסטו צו נאָך איינעם —
רויבסט צו ביי ברידער האָפענונג און מוט.
באַשענקט דער האַרבסט דיך מיט אַ טאָג אַ שיינעם,
זינג אויף: „ווי שיין! ווי ס'איז דאָס לעבן גוט!

און לאָמיר וואַרטן אויפן הויך פון פרילינג,
וואָס ווערט געבוירן מיט דער פרייד אַ צווילינג, —
דער טרויער וועט ווי כמארע־וועבס אַוועק" — —

כ׳פאַרשטיי דיין טרויער, ווייל... איך פיל אַליין אים,
נאָר לאָמיר אים נישט אָנהענגען אויף קיינעם, —
דערמאָן זיך יאַנוש קאָרטשאַקס לעצטן וועג...

3.

ווייל וואָס זענען דען מענטשן? — קינדער, אומבאַהאָלפֿן,
אפילו ווען זיי פליען צו דער הייך,
ווען ס׳וואָלט זיי נישט די לעבנספרייד געהאָלפֿן,
געטריבן און באַמוטיקט: — פלי! דערגרייך!

און וואָס איז טרויער? — אָפּגעזענקטע פליגל,
וואָס אויך אַן אָדלער פליט שוין נישט מיט זיי;
און „פליט" ער — קרייזט ער בלויז אַרום אַן עיגול
און פאַלט אַראָפּ פאַרחלשט אין געדריי.

צי איז דערויף דיין כוח דיר געגעבן,
דו זאָלסט פאַרכמאַרע־פינצטערן דאָס לעבן
און אָפּשלאָגן ביי ברידער שוואַכע הענט?

אויב קאָנסטו נישט באַפרייען זיך פון טרויער,
איז נעם אים און ביי זיך אין האַרץ פאַרמויער,
ער זאָל דאָרט אויסגיין צווישן שטומע ווענט...

גבעתיים, מאַי 1963

## פאַר די אַראָפּגעלאָזטע וויעס מיינע

1.

אַ מאָל דער ד אָ ר ט איז מיר אַ הינטערגרונט אַ ווייטער:
דורך בלוט און פייער אַ זיך־לעשנדיקע שקיעה;
עס שווימט אַריין אין פינצטערניש אַ רויטער רייטער
און לעשט זיך אויס — אַ ברוינער בלוט־פלעק אין מיין ראיה...

אין פאָדערגרונט — די גאַס, ווו כ׳וווין, אין גבעתיים:
די הייזער טאָגן־אויף מיט אויפגעשטראַלטע שויבן;
אין בלויער האַנט — ווי אַ באָקאַל, די זון: „לחיים
פאַר אַלע די, וואָס בויען אונדזער היים אין גלויבן!"

די כבישים שטעלן גערן שטייפֿע רוקנס אונטער
און לאָזן קייקלען איבער זיך דאָס ראָדוואָרג מונטער:
„גוואַלד! איילט! אַ שאָד אַ רגע צו פֿאַרלירן!"

די טראָטואַרן ווערן ערדיש־ווייך און בליען
מיט שוימענדיקע צוויטן: מחנות קינדער ציען
אין שול אַריין אין בונטע, קלינגענדיקע שנירן.

2.

שוימט אויף מיין בלוט אין די געפֿעסן,
און כ'טאַנץ אַריין אין קינדערס מיט;
מיין עלטער ווערט, ווי טויט, פֿאַרגעסן,
און יוגנטלעך — מיין וואָך געמיט.

איך גיי מיט זיי אין שול פֿון לעבן,
וועל נעמען נאָך און געבן פֿיל;
דער טויש פֿון נעמען און פֿון געבן —
וואָס פֿאַר אַ יובלדיקע שפּיל!

איך ווער פֿון ליכט אַדורכגענומען,
און אין דעם ליכט — ווי ליכט צעשוווּמען;
איך בין אין ים פֿון ליכט אַ כוואַל.

אָט איז די שול! די קינדער — דרינען:
אַ בינשטאָק מיט צעזשומטע בינען, —
איך קני, באַשעפֿער, פֿאַר איר שוועל.

3.

נאָר ס'טרעפֿט אַ מאָל — דער הינטערגרונט דער ה י ווערט:
דער ים זיך בייזערט אויפֿן זאַמדביים ברעג מיט שוים;
אַ פֿענעץ זון — אַן אויג, פֿאַרזשמורעט, רויט־פֿאַרגליווערט,
מיט לעצטן בליק געזעגנט־אָפּ דעם הימלס זוים...

אין פֿאָדערגרונט — דער ד אָ ר ט ן: וואַרשע. די אַלייען;
פּרימאַרגן־זון צעשפּילט אויף מעש, אויף גלאָז און בלאָט;
די קעפּ אַרומגעשוירן־צוגעפּוצט, דיביימער שטייען,
מיט פּייכט און זאַפֿטיק גרינס און מיט מנוחה זאַט.

פאַרבייגייער, שפּאַצירער; אויטאָס אייליק פאָרן;
פון דער באַוועגונג צאַפּלט זיך אין שיין די גאַס;
מיט דער אַליע פירט אַ לערערין איר קלאַס —

אַ שנור צעשטראַלטע און צעלאַכטע קינדער־פּאָרן,
נאָר הינטן — איינס, אַן אום, פאַראומערט גייט אַליין:
אַ יידיש מיידעלע מיט שטום־פאַרקלעמטע ציין...

.4

וואָלסט, מיידעלע, געווענדט
דיין פּנימל אויף צריק
דיין ראיה וואָלט פאַרבלענדט
אַ האַרצעדיקער בליק —

אַ פרוי גייט נאָך דיין טראָט
און לייענט זיין געשריפטס;
דיין צער און שאַנד און שפּאָט
באַגלייט זי מיט אַ זיפץ;

זי מורמלט עפּעס — הער!
און מיט אַ שווערער טרער
צעצאַפּלט זיך איר ברעם:

„ביסט נישט אַליין מיין קינד,
ס'איז תמיד, ווי אַצינד,
דיין פאָלק מיט דיר אין קלעם...”

## צו דער וויסטע־ערד

ישֻשום מדבר וציה ותגל ערבה ותפרח כחבצלת (ישעיה, כו, א) —
לוסטיק זיין וועלן דער מדבר און די טריקעניש,
און פרייען וועט זיך די וויסטע, און בליען ווי אַ רויז.

דער שונא האָט דאָס גרינע קלייד פון דיר געריסן,
געלאָזט דיך ליגן נאַקעט־הפקר אויפן ווינט, —
דיין בושה זאָל דיך מיט אַ לאַווע פעך פאַרגיסן
און, מיטן בלענד פון זון ביינאַנד, דיך מאַכן בלינד.

דו האָסט געקאָרטשעט זיך אין שאַנד און ווונד־און־ווייען,
ווען ס'האָט דער ווינט פאַרגוואַלטיקט דיך: „פאַרעקשנט ווייב!" —
ווי ס'וואָלטן אויף דיין הויט מיליאָנען שלענג זיך דרייען,
און יעדער טריפּט אַריין זיין סם צו דיר אין לייב.

דער שענדער האָט מיט גליענדיקע אייזן־קאַמען
אַראָפּגעקעמט פון דיר דיין זאַנפטע ברוינע הויט,
און דו — האָסט „שמע, ישראל...!" דורך די פייער־פלאַמען,
געשריגן הויך, ווי רב עקיבא פאַר זיין טויט.

ס'האָט דיין י ש ר א ל, מיט געוואַלד פון דיר פאַרטריבן,
דיין „שמע"־געשריי פאַרנומען אין דער בייזער פרעמד,
און איז, ווי דו ביסט אים, דיר אייביק טריי געבליבן,
זיין האַרץ אין באַגנדיקער בענקשאַפט איינגעקלעמט.

ווי אויסגעטריקנט האָבן דיינע לעצטע טרערן!
דיין בלוט, געשטייפט, האָט זיך פאַרקערט אין זאַמד און שטיין;
נאָר אין די קילע נעכט פאַרנעמען פלעגן שטערן,
ווי ס'וויינען־אויס שאַקאַלן דיין פאַרשטומט געוויין.

ווען וואַלקנס נעמען בליצן, דונערן דורך שלאַקסן,
דו כאַפּסט זיך פון חלשות אויף און טוסט אַ טראַכט:
„איז אפשר... וועט מיין גרינס־קלייד ווידער נעמען וואַקסן?"
נאָר גלייך דערהערסטו, ווי דער טייוול דונערט — לאַכט:

„דער ברכה־רעגן איז פאַר דיר אַ טויטע קללה —
ער טראָגט פון דיר אַראָפּ אַ לעצטן פאַדעם גראָז
און, מיט דער זאַלץ פון דיינע טרערן, לבטלה
גיסט־אויס זיך אין די וואַדיס מיט אַ ווילדן גאַס.

און נאָך אים, פריער־שפּעטער, קומען ווען אַ מאָרגן —
פאַרווישט פון פייכטקייט איז אַ מינדסטער אָטעם־שפּור;
דיין באַקעט־שאַנד וועט ווידער בלאָזן נישט פאַרבאָרגן,
ווי ס'ליגט אַקעגן זון אַ הפקרדיקע הור" — — —

איך הער יענץ קול נאָך אַלץ אויף דיינע פעלדזן קלינגען,
און לאָז אַראָפּ דעם קאָפּ צעבראָכן און פאַרשעמט.

נאָר הער! פון וואַנען גייט דאָס אויף אַ יובל־זינגען?
פון דעם תנ״ך מיין האַרץ און אויער עס פאַרנעמט...

איך טראָג דיר, וויסטע־ערד פאַרפייניקטע, אַ בשורה,
אַ מזל־טוב, וואָס ציטערט־אויף מיין האַרץ מיט פרייד:
ישראל האָט דיך אויסגעקעמפט מיט שמשונס גבורה
און ברענגט פאַר דיר דאָס גרינע צניעותדיקע קלייד!

גבעתיים, דעצעמבער, 1963

## איר חוזקט...

1.

— איר חוזקט: „ס'איז די ערד דאָרט שטייניק־טרוקן,
וועסט זייגן זאַמדן בלויז פון אירע בריסט;
אומזיסט אין שטויב זיך צו דער מוזע בוקן —
ס'וועט זיין דיין שאַפונגס־קוואַל פאַרשטאָפּט און וויסט,

די פייער־זון וועט רייטן אויף דיין רוקן,
מיט שטראַלן־בייטשן קאַטעווען דיין הויט;
דו וועסט זיך אין חמסינען אונטערטוקן,
צעלאָזן זיך, ווי זאַלץ, אין שווייס פון נויט...״

כ'לאַך־אויס דעם טרייפן שפּאָט, וואָס אייך איז אייגן!
יאָ, מילך און האָניק, זאָט זיך אָנצוזייגן,
די ערד פון מיינע ליפּן נישט פאַרמיידט;

און כאָטש מיין מוזע קליידט זיך אַלץ אין טרויער,
איך זע שוין; ס'פינקלט מיט אַ פרישן טוי ער,
אין ראָזן צוויט פאַרוואַנדלט אים די צייט.

2.

און די חמסינען?... יאָ, זיי זענען
אין אייך געראָטן: בילן האַרב
און סטראַשען: „מיטן ווינט פאַרברענען!״
מיט פלאַם אין אויער בלאָזן: „שטאַרב!״

נאָר איך — איך האָרך זיי ווי דעם קאָטער,
לאָז־אויס זיך פון דער בילעריי:
פון ערגסטן כלב ווערט מען פטור —
הער כלב, אויף די ציינער שריי!

פאַר וואָר, אומזיסט איז אייער שרעקן:
אויף אייך איך הייב אַ מאַנדל־שטעקן —
מיין אויפגעקנאָספּט־צעבליט געזאַנג:

מיין לאַנד, אין פלאַמען פון חמסינען,
שפרייט פלאַנצן־טעפּיכער, צו דינען
מיין פאָלק אין זיין גאולה־גאַנג.

## דער נס - ערד

„ותצחק שרה בקרבה" (בראשית, וירא, יח, יב)

.1

איך בין, ערד, צו דיר געפאָרן,
דיך אָנצוקוקן ווי דו ביסט
פאַריונגערט־אָפּגעפרישט געוואָרן,
כאָטש ס'איז נאָך אַלץ דיין פּנים וויסט.

ווי שווער עס איז צו דיר דערגרייכן!
דיין וועג אַן עמוד־שטויבן היט;
איך פיל: אַ בלאָזזאַק אין די הייכן,
צעפאָכעט, פונקען־פעכערס שיט.

איך הער, ערד, דיך שפּאָטיש לאַכן:
„זיי ווילן פאַר אַ מוטער מאַכן
אַ מדבר מיט אַ וויסטער טראַכט!"

נאָר איך צעשמייכל זיך פאַר זיבן:
אין חומש שטייט דאָך אויך געשריבן —
„און שרה האָט אין זיך געלאַכט"...

2.

לאַך, לאַך, ערד, דו זאָלסט עס זיך פאַרגינען:
נאָך יאָרן נאַקעטקייט און שאַנד און וויסט
געשעט דער נס — ס'וועט ווידער פליסן, רינען
דער מילך־און־האָניק־זאַפט אין דיינע בריסט.

עס רופן דיך אַרויס צו יוגנט גרינער
די אייניקלעך פון דער וואָס האָט געלאַכט,
ווען ס'האָבן איר די שטראַליקע גאָטס־דינער
די בשורה פון איר מוטערשאַפט געבראַכט.

לאַך, לאַך, ערד, מיט לויטערן געלעכטער
ווי ס'לאַכט דער ליידנדיקער און גערעכטער,
ווען ס'פאַלט צו לעצט דער ריכטיקער פסק־דין;

פון קבר שמייכלט פרום די באָבע שרה:
דו ביסט ווי איך, געהאָלפן שוין, עקרה,
וועסט זיין אַ מוטער צו געטרייע זין.

3.

איך האָב געטובלט זיך, ערד, אין דיינע שטויבן,
און בין אַרויסגעקומען לויטער, ווי אַ קינד,
און ווי אַ שוין־דערוואַקסענער — דערוואַכט־דערהויבן,
וואָס לעצטער, מינדסטער צווייפל אין זיין האַרץ צערינט.

איך קאָן שוין ווייטער גיין מיין וועג, אפילו בלינד,
ווייל האָסט דערלאַנגט אין האַנט מיר משהס שטעקן —גלויבן,
וואָס טאַפּט פאַר מיר דעם וועג פאָרויס און כ'זע אַצינד
די האָפנונג פון מיין פאָלק דורך דימענטענע שויבן...

ווער שרעקט עס מיך? — „דער שונא שטייט ביים טויער,
ביים שונא איז דער כותל־המערבי־מויער...”
נאָר איך — פון דיר, ערד, דערמוטיקונג איך שעפּ;

עס וועלן שטעלן זיך — פון לייב אַ פעסטונג־מויער —
דער זעלנער ,הענדלער, שרייבער, אַרבעטער און פויער
און אויסהאַלטן און צריקשלאָגן די שטאַרקסטע קלעפּ!

גבעתיים, מאַי, 1963

# פאר דעם טויער דיינעם, צפת...

„ואת להט החרב המתהפכת, לשמור את דרך עץ־החיים״
(בראשית, ג, כד) —
און די פלאַמיקע שווערד, וואָס דרייט זיך, צו היטן
דעם וועג צום בוים פון לעבן.
„ושמה לא תעבור״ (דברים, וזאת הברכה, לד) —
אָבער אַהין אַריבערקומען וועסטו נישט.

א.

כ׳בין שוין געשטאַנען פאר דעם טויער דיינעם, צפת,
ס׳איז אויפגעגאַנגען אין מיין נאָז דיין דופט פון עפּל;
געצייכנט האָט זיך פאר מיין בליק מטושטש־בלאָס
אַ קייט פון בערג, פאַרחלומטע אין בלויען נעפּל;

אויף זייער ראַנד — צעהויקערט־ציטערדיק — אַ גאַס...
וואָס זע איך דאָרט? סע ציטערט־מיט מיין אויגס אַ לעפּל:
געשטאַלטן לופטיקע, אין קיטלען ווייס און נאַס
פון אָפּגעזעצטן טוי, וואָס דימענט־זיך אין נעפּל;

מיט זיין חבריא דאָרט שפּאַצירט ערשט דער אר״י, —
מיין זעל — אַ בלויער שטראַל — זיך טוט צו זיי אַ צי,
נאָר פאַר מיין בליק אַ שווערד נעמט שלענגלען זיך און בליצן,

און כ׳הער אַ דונער־שטים: — נישט ראוי! בלייב דאָ שטיין!
מיט לעכצונג קוק אַ ווייל און לאָז זיך גיין — —
די פעלדזן אַרום מיר, ווי ריזן־ציינער, קריצן.

ב.

איך גיי נישט צריק, נאָר זעץ זיך אויף אַ צאָן — אַ פעלדז
און שטעך פאַרשעמט מיין בליק צו זיך אין האַרצן.
איך זע: סע גליט — אַ ליכטיקס און צעהעלטס,
אין מיט פון אַ געדיכטעניש אַ שוואַרצן

און שפּילט מיט בענקשאַפט־בלוי, מיט שוים־ווייס פון געלעכץ
צו יענע זוהר־יידן — ברענענדיקע סנהען...
צי הער איך נישט פון ד אָ ר ט אַ שעפּטשען דורך געקרעכץ:
„פאַרזינדיקט־בלאָנדזשענדיקער זון, געגעען״?

איך רייס זיך אויף פון פעלדז, געגעען צו דיר, צפת,
די אויגן שוואַרץ צעגליט, די הויט — אַט רויט, אַט בלאַס,
צו דיינע בערג פאַרחלומטע פאַרהויבן;

נאָר ווידער בליצט די שווערדשאַרף פאַר מיין ציטער־בליק,
און כ׳הער די וואַרנענדיקע שטים: „צוריק! צוריק!
ביז ס׳וועט, ווי אונדזער לופט, זיין לויטער־העל דיין גלויבן״.

ג.

איך בין געגאַן צוריק, דער קאָפּ אַראָפּגעבויגן,
געביטערט האָב אין האַרץ אַקעגן זיך אַליין:
„ווי האָסטו זיך דערוועגט גאָר אויפהייבן די אויגן
צום בלוילעך־שימערדיקן, הייליקן געביין!

„זיי האָבן זיך געראַנגלט און אַרויסגעצויגן
פון קנעכטשאַפט־צו־דעם־לייב, צו־אַלץ־וואָס־איז־געמיין;
באַפליגלטע מיט גייסט, געריסן זיך, געפלויגן
צום צפתער הימל — בלויע, אויסגעלייטערט־ריין;

„און דו... זינקסט אַלץ נאָך אין די מ״ט שערי־טומאה
און שלעפּסט אַרום זיך אויפן שטנס וועגן קרומע, —
איז ווי האָסטו געטראַכט — דורך צפתער טויער גיין

„און שטייגן צי די אָדלער־שאָטנס מיט די שטיגן
פון דעם פאַרחלומטן געבערג, דו פליג פון פליגן?
וועסט קיין מאָל נישט אַהין דערשטייגן, ניין און ניין!״

ד.

און פּלוצעם — הער! — פון וואַנען דער געשעפּטש דער הייסער
פון ערגעץ טיף, ווי פון אַ ריזלדיקן קוואַל? —
„וואָס טראַכטסטו דאָס מיט עזות פון אַן אַלצדינג־ווייסער
און טרייבסט אַ יידן, ווי אַ סוס צוריק אין שטאַל...

„אַנטמוטיקסט דעם, וואָס הימל־לויטער טרינקען וויל ער
און צו דער אייביקייט זיך־ציטערט, ווי אַ שטראַל;
דער זאָט פון תאווה־בלוט אין אים ווערט קילער־שטילער,
און אויף זיין קאַלטן שטערן זעצט זיך אָפּ אַ „טל".

„און ס'ווערן אים די האָר, פון יאוש, גרוי און גרויער,
ווי דינער אַש אויף אָפּגעזעצטן, לעצטן טלי"...
— הייב, חוזר, אויף דעם קאָפּ, וואָס שווערט אַראָפּ פון טרויער;

ס'איז נישט ,פאַר קיינעם נישט, פאַרשלאָסן צפתער טויער.
אין צפת, באַלויכטן מיט דעם צויבער־ליכט פון זוהר,
אויף יעדן וואָרט מיט זיין חבריא דער אר"י.

ה.

איז שטיי איך פון דער ווייטן, צפת, און — בין אין דיר,
כ'בין, צפת, אין דיר און — פאָרט נאָר פון דער ווייטן...
איך מאַך אויף דיין חקל־תפוחין אַ שפּאַציר —
אוי־ווי מיר! — מיט אַ פייפן אַ פאַרשייטן;

איך טו אַ פאַל דערציטערט צו דער ערד און שפּיר:
סע ווײנט אַריין אין מיר צעקלעמט אַ פייטן
מיט טרערן פון אַן אויפגעריסענעם געשוויר
און... ווער פאַרשטיינט זיין לייב פון אַלע זייטן?

די לעפצן זיינע שעפּטשען: — גאָט, פאַרנעם, פאַרנעם
מיין תפילה די דערשלאָגענע פון גאָר מיין קלעם
און לייטער מיך, דיין איוב דעם מצורע — —

און פאָטערלעך באַרירט זיין אַקסל דער אר"י
(לויפט דורך זיין ציטריק לייב מתיקותדיק אַ גלי):
— שטיי אויף און קוק אַרויף אין צפת צום בורא...

ו.

— וואָס זעסטו דאָרט? „אוי־ווי! נישט א י ם, דעם בורא... זיך".
— נעם קוק אַריין אין זיך, און וועסט דאָרט א י ם דערבליקן;
דו זעסט דיין האַרץ? — אַ סנה... שנעל וואַרף אַראָפּ די שיך,
ווייל הייליק איז דער גוף, ווי נאָר ער זוכט אַ תיקון;

און אויך באַטראַכט דיין קאָפּ, דעם פּאַרמעט פון דיין פליך —
אַ מלאך כתיבהט אויס אויף אים דעם שם־הוויה...
דו פילסט זיך שטאַרק — דערשטיק דעם בייזן שטן גיך
און גיי און פּראַווע אים אַ פריילעכע לוויה.

„כ'בין שטאַרק, כל־זמן איך פיל, דו שטייסט דאָ לעבן מיר,
נאָר קוים ווערסטו זיך טאָן פון מיר־אַוועק אַ ריר,
איך וועל, ווי שמשון אָן די האָר, די קראַפט פאַרלירן;

נישטאָ קיין גלייכוואָג אין מיין וואַקלדיקן טראָט,
ווען כ'גיי דורך זיך אַליין — דעם לאַבירינט — צו גאָט.
אָ, פאָטער, פאָטער! ווער זשע וועט צון אים מיך פירן?"

ז.

...טיף־בלוי לבנה־וואַסער — הינטער שויבן,
און, ווי אַ תבה, אויף איר פלאַך — מיין הויז;
די שבת־ליכט און איך, אין בלויען גלויבן,
אַ וועלכן ליבן אורח קוקן אויס?

אַ שטילער לופטרויש האָט זיך אויפגעהויבן,
און ס'האָט פאַרשמעקט מיט שרונדיקער רויז;
צי פלאַטערט אין דער הייך אַ סוויטע טויבן,
באַגלייט די מלכה שבת צו מיין הויז?

דער רויזנדופט פאַרשיכורט די געהירן,
די מלכה שבת קומט אַריין־שפּאַצירן
אין תכלת־טראַכט מיט שטערנדיקן בלענד,

באַגלייט פון אַ באַקיטלט־ווייסער סוויטע
פון זוהר־לייט מיט אויגן קויל־צעגליטע,
מיט נאָכגעשטרעקטע פלאַטערדיקע הענט.

ח.

די מלכה שבת טריטלט ווייטער, טריטלט
קיין צפת, נאָך איר די סוויטע גייט פאַרויס;
איז וואָס, אַז איך בין נישט נאָך ווייס באַקיטלט,
דערפאַר זאָל בלייבן זיצן איך אין הויז?

די זילבער־לייכטער וואַקסן פּלוצעם אויס
און לאָזן מיט די ליכט זיך גיין פון דאַנען;
די פלעמלעך פינטלען... כ׳האָב דעם ווונק פאַרשטאַנען,
זיך אויפגעשטעלט און אויף דער גאַס אַרויס...

האַלט עמעץ דאָס געגלייבט, ווען איך דערצייל עס!
סע טוט דער הימל אַן מיר פון זיין תכלת
אַ וועבל־קיטל, און איך גיי אַריין

אין מיטן פון דער ווייס־געקליידטער סוויטע
און... אוי! ס׳איז אַלץ פאַרשוווּנדן! אויף אַ מיטה,
וואָס שוועבט — מיין טויט, באַלייבט געביין, אַן שיין.

## ט.

כ׳בין טויט, נאָר שפּיר אין נאָז אַ האַרבן קיצל, —
צי גליטשט זיך דאָרט אַ וואָרעם אויף דער הויט?
אוי־ווײ! אוי־ווײ! ווי ווערט מען פון אים ניצל?
שוין טויטערהייט ער מאַכט מיר אַלץ דעם טויט!

סע האָט דער טויט מיר אָפּגעטאָן אַ שפּיצל —
געטייט, און נישט געראַטעוועט פון נויט,
מיך אויסגעלאָשן און געלאָזט אַ בליצל,
וואָס בליצט: איך האָב דיך אָפּגענאַרט, דו שוט... — —

און ס׳טוט אַ רייס מיך פון דער מיטה צאָרן:
די לייכטער זענען ווידער קליין געוואָרן,
די רערלעך טשאַדען, קרייזלענדיק דעם רויך;

סע פינקלען נאָך אַ רגע בײדע קנויטן
און לעשן אויס זיך; ליכטלעך צוויי — צוויי טויטן,
און, כאָטש אַ לעבעדיקער — טויט איך אויך.

## י.

איך ליג פאַר דיר אַצינדער, צפת — אַ לעבעדיקער מת,
וואָס נישט אין קבר רוט, נאָר ס׳רוט אין אים דער קבר.
אַ זוהר־יידן הייליקע, טוט־אויף פאַר מיר אַ נס,
ס׳זאָל אויפלעבן אין מיר אַן אבר נאָך אַן אבר;

און שיקט אַ מלאך, זאָל אַ שנעל טאָן מיר: „פּאַרגעס!
פּאַרגעס דעם רייץ, וואָס ס'האָט מיט פייערבלוט געשריבן
די לילית אויף די טומאה־טויערן מם־טית".
כ'האָב — וויי! געזעטיקט אים, און בין נישט זאַט געבליבן. — — —

מיין גאָט! אויף שטערן מיינעם זינגט דאָך אויף אַ שטראַל,
און לעבנסזאַפט רבּ ח יי ם טריפט אויף מיר, ווי „טַ ל"...
פּאַמעלעך עפּענען זיך אויף די מאַטע וויעס,

איך שטעל זיך אויף, אַדורכגענומען פון געוויין,
געמישט מיט פרייד, און טענצלדיק נעם גיין
צום טויער דיינעם, צפת, מיט פלאַטער אין די קניעס.

יא.

איך בין נישט ווערט געווען — ביינאַנד מיט מיינע ברידער
אַריינצופאַלן צו דעם נאַצי אין דער קלעם,
איך זאָל אַרויפשטייגן דורך פיין פון שוואַרצער גידער
צו לויטער־בלויער הייך: צו הייליקן דעם שם;

נישט ווערט געווען — צו בלוטיקן קיין קינות־לידער,
ווי דער מקונן יצחק: „הימל, הער, פאַרנעם..."
ווי ר'ב עקיבא האָט דעם „שמע...", צום טויט אַ מידער,
אַרויסגעזיפצלט דורך די ציינער פון די קעם...

און ווייל איך האָב די זכיה נישט געהאָט צו דעם,
כ'זע, צפת, זיך ליגן פאַר דיין טויער־רעם,
זיך נישט דערוועגנדיק אין איר אַריינצופּאַסן,

און שטרעק די הענט צו דיינע שטראַלנדיקע לייט,
וואָס כ'זע זיי בלויען אין דעם לויטער פון דיין ווייט,
פאַרנעם פון זייער ליד דאָס ווידערקול אין דיינע גאַסן.

יב.

און בין מתפּלל: „שענקט אַ ברויז פון אייער זכות,
שטראַלט דורך מיט בלוי לבנה־ליכט מיר די געהירן
און פון דער מוטער־שכינה ברענגט אַ טרייסט־געגרוס,
מיין שטערן זאָל איר פליגלפּאַך דערשפּירן;

פאַרחלשט וועל איך פלאַטערן פון דעם גענוס,
איר שימער מיט די שפּיצן פינגער צו באַרירן:
— אַ, שימער, לייטער מיך פון גוף־און־זעלע־זנות,
וואָס כ׳האָב געלאָזט זיך בלינדערהייט פון אים פאַרפירן.

איך ווייס, אַז יעדער גוטער טאָט מיינער איז בלאָס —
אַ רגע באַכן אָפּטאָן אים מיין האַרץ נעמט פרירן,
און האָב מיט אים נישט וואָס צו גרייסן זיך און צירן;

אַז נאָר אין אייער זכות, אַ, הייליקע פון צפת,
איך קאָן מיין חלק עולם־הבא נישט פאַרלירן,
און האָף: מיין האָפענונג אויף אייך וועט נישט פאַרפירן.

יג.

ס׳האָט ווער זיך שפּאַטיש הינטער מיין געהער צעלאַכט:
„אַז נאָר דאָס א יי ג ע נ ע נשמהלע אים ליגט אין זינען!
אַז רק דאָס א י כ ע ל ע צו ראַטעווען ער טראַכט,
ווייל, זעט — זיין גוף צעלייגט זיך שוין... אויף די רוינען

פאַרציען שפּייעכץ־נעצן שפּינען־ווי־חמסינען;
ער שטרעקט אַ וועלקע האַנט, און נעבעכדיק־פאַרשמאַכט
זי בעטלט שטום אין פינצטערנישן פון זיין נאַכט,
סע זאָלן עס די בלויע הייליקע ב א ש כ י נ ה ן...

כי־כי... סע וועלן שימל־שוועמלעך עס באַגרינען,
מיט אויסשיטן און קרעצן ס׳קעפּעלע פ אַ ר ש ח י נ ה ן...
כי־כי... דער צפתער טויער איז פאַר אים פאַרמאַכט,

די פרעמדע זכותים זענען נישט פאַר אים געדאַכט״ — —
די גרויע הימלען איבער מיר, ווי שווערע צינען,
זיך שמעלצן אין חמסין און אין מיין שאַרבן רינען.

יד.

„אם יהיו חטאיכם כשנים, כשלג ילבינו" (ישעיה א, יח) —
אויב אייערע זינד וועלן ווי קאַרמין זיין,
וועלן זיי ווייס ווי שניי ווערן.

חמסינען ווילדעווען — פאַרשווינדן,
די ערד דערוואַכט צו שפּראָץ און בלי — —
ווער שטייט לעם מיר, מיך אויפצובינדן?
כ'דערפיל: אַ קוש מיך טוט אַ ברי.

מיך הייבן פונקען אָן צו צינדן,
און כ'טו אַ שטעל זיך אויף די קני:
— כ'בין ווי אַ מילגרוים, פול מיט זינדן.
„ווי דערנער, ברענט זיי אויס מיין גלי".

— אין וועמענס זכות? „אין קיינעמס זכותים,
ווייל זינד — דאָס זענען בלויז טעותים,
ווי נאָר דו ווייטיקסט שוין אויף זיי;

מיין גלי האָט זיי געמאַכט צו אַשן —
ווען דו וועסט זיי אין טרערן וואַשן,
זיי וועלן ווערן ווייס, ווי שניי".

טו.

„און אָט דער שניי, אַז וועסט אים היטן,
נישט פאַלן זאָל אויף אים אַ שטויב,
וועט דורכלייכטן פון דיינע זייטן
אַ שטראַל אויך דורך אַ פרעמדער שויב..

און דאָס וועט זיין דיין זכות — אַ צירונג
פון גאָלד, געשמידט פון זיך אַליין,
און ס'וועט שוין פירן דיך דיין פירונג
דורך צפתער טויער, — וועסט דערגיין

מיט דעם לבנה־וועג פון חלום
צו צפתער בלויע מקובלים,
באַקיטלט מיט דיין שנייען־קלייד,

און צו דער וואָר פון דיין לוויה
דיך אָפּוואַרטן מיט לויטער פרייד
וועט דער אר"י מיט זיין חבריא".

גבעתיים, מאי—יולי, 1963

## א, יידן, יידן...

אַ, יידן, יידן, אָפּגעפרעמדטע יידן,
וואָס זעען אויס און טראַכטן אויך פאַרשידן,
ווייל ס'האָט די פרעמד אונדז אָפּגעפרעמדט, צעריסן,
(מיר זאָלן מער פון פרעמדקייט שוין נישט וויסן!) —
אַ, יידן, ברידער איר פון אַלע עדהס,
געקומענע פון אַלערליי עקידות,
פון שייטערס, וועלכע האַלטן נאָך אין ברענען, —
אַ, לאָמיר זיך צונויפרעדן, דערקענען.

אַ, יידן, יידן, אָפּגעפרעמדע יידן,
נו, לאָמיר שוין נישט טראַכטן מער פאַרשידן, —
די זעלבע פיין און ליידן דאָך געליטן,
דאָס זעלבע ליכט פון האָפענונג געהיטן
און אויך דערהיט ביז היינט, — איז לאָמיר —
אָן צווייפל, אָן באַוואָרעניש, אָן טאָמער —
אויפס ניי פאַרהיימישן זיך, גלייך ווי ברידער,
צעשיידטע און פאַראייניקטע זיך ווידער.

אַ, יידן, צווישן זיך פאַרפרעמדטע יידן,
נו. לאָמיר שוין נישט פילן מער פאַרשידן,
אַראָפּפליקן פון זיך די פרעמדע קאָרעס,
נישט קניען קנעכטיש פאַר עבודה־זרות,
אַראָפּקראַצן פון זיך די פרעמדע זיגלען,
צעשטיקלען ביז אויף שטויב די פרעמדע שפּיגלען,
וואָס קעגן זיי מיר פלעגן זיך מאַסקירן...
און לאָמיר זיך ווי וואָרע יידן פירן!

גבעתיים, מערץ 1963

## יידן זענען מיר דאָך אַלע!

פרומע יידן, נישט קיין פרומע יידן,
אָבער — יידן זענען מיר דאָך אַלע!
איז לאָמיר לעבן צווישן זיך אין פרידן —
אין ליבשאַפט ווערט אַ יעדער ייד נתעלה.

פרומע יידן ,נישט קיין פרומע יידן —
יעדער האָט זיין חלק עולם־הבא,
איז לאָמיר מיטן שותף זיין צופרידן
און שטאַרקער האָבן ליב זיך, אדרבה...

פרומע יידן, נישט קיין פרומע יידן,
אָבער — ברידער, כאָטש מע גלייבט פאַרשידן, —
איז לאָמיר לעבן צווישן זיך בשלום,

און דער הימל, ברידער, איז מבטיח:
קומען בימיכם וועט משיח —
פאַרקערן אין אַ וואָר דעם נביאס חלום...

גבעתיים, אָקטאָבער, 1963

## צו געוויסע בירגער

איר ווייסט נאָר: זאָרגן פאַרן אייגן הויז,
ס'אָל גרעסער זיין, פאַרצירטער און באַקוועמער;
אַ, כאָטש איר זענט פון גלות שוין אַרויס,
פאַרבליבן זענט איר דאָ די זעלבע קרעמער.

וואָס גייט אייך אָן דאָס יידנדיקע לאַנד,
וואָס פאָדערט  א ל ץ,  כדי ס'אָל אייגנס בלייבן!
איר האָט פאַרקוועטשט דאָס האַרץ, ווי אין אַ פויסט — די האַנט,
און טוט פון זיך אַליין בלויז נחת קלייבן.

ס'איז דאָ אין אייך דאָס אַלץ, וואָס אין דער קאָרט,
די קינדער אייערע איר שעכט־דערשעכט־נישט... — —
אוי־ווי! סע גליט נישט אויף מיין ליפּ דאָס וואָרט
פון נביא, — אייך צו שטראָפן כ'האָב קיין רעכט נישט.

איז קוק איך נאָך מיט ווי איך און מיט שרעק:
אויף דער פּאַפּיר־בריק גייט איר דאָך שפּאַצירן,
ווען ווייט נאָך איז צו זיכערקייט דער וועג, —
וווּהין וועט אייער בלינדעניש דערפירן?!

איך קוק אייך נאָך מיט שרעק, געמישט מיט פרייד,
און קעגן אייער אייז מיין האַרץ צעגליט זיך...
איז וואָס, אַז אייער בלוט פאַרגליווערט שטייט?
דאָס לאַנד — אַלץ מער צעוואָרצלט און צעבליט זיך!

גבעתיים, יולי 1963

## די יינגלעך פון נח"ל אין אלמגור

### א.

אוי... אַבי, אַבינועם —ביידע
צעשטערן פון מיין זעל די רו:
„פאַר וואָס די פינצטערע עקידה?" —
זיי שעפּטשען הייס; איך הער זיך צו.

„צי זענען מיר געווען געצוווּנגען
צו שטיין דאָרט אויף דער וואַך?
פון האַרץ אַרויס האָט דאָס געדרונגען;
„באַשיץ דאָס לאַנד פון דעם תנ"ך!"

„צו בויען זענען מיר געקומען,
כאָטש די געפאַר איז ווילד באַוווּסט, —
צו קעמפן ברוסט אַקעגן ברוסט, —

פאַר וואָס זשע איז עס אונדז געקומען,
אַן קאַמף צו פאַלן, אומבאַוווּסט —
אַ קויל אין רוקן, שטאָט אין ברוסט?..."

## ב.

מיין קאָפּ — צו דרערד־אַראָפּ געבויגן,
פון וואַנען דער געשעפּטש זיך שאַרט;
צעקלעמט, איך האַלט פאַרמאַכט די אויגן —
פון הימל אויף אַן ענטפער וואַרט.

און אָט דערהער איך פון די הייכן:
— סע טרעפט: געהייליקט ווערט די וואָך,
אַז ס׳קאָן דער שבת זי נישט גרייכן,
און הינטער איר ער שלעפּט זיך נאָך.

דורך שונאס שולד אַן קאַמף געשטאָרבן —
פאַרהייליקט מערער נאָך דעם קרבן,
ווייל פרייד פון קאַמף איז אויך אַ לוין...

ס׳האָט אייער רויטער זאַפט געפאַרבן
דאָס לאַנד — און רום פאַר אייך דערוואָרבן,
און שטערן פאַר אַ העלדן־קרוין.

## ג.

איך נעם זיך אָן מיט מוט, און רעד אַזוי צו זאָגן:
— אוי... אַבי, אַבינועם, לאַנדגעבענטשטע זין,
סע וועלן טאַטע־מאַמע, ברידער־שוועסטער קלאָגן,
נאָר ס׳לאַנד... אויף אייער בלוט וועט זיך צעזינגען גרין:

„געבענטשטער טוי האָט היינט געגידערט אויף מיין באָדן,
סע שרעקט נישט מיינע קינדער אָפּ דער בייזסטער דין;
זיי וועלן נישט ביי קיינעם בעטלען קיין גענאָדן;
און וווּ סכנה קלייבט זיך — גייען זיי אַהין.

„זיי זענען פיר און צוואַנציק שעה כסדר — העלדן,
און וואַרטן אויפן פיינט, ער זאָל זיך קומען מעלדן, —
סע שלאָפט נישט און סע דרימלט נישט דער זעלבער־ייד...”

— איך הער דאָס שעפּטשען אייערס, נאָר ס׳געזאַנג פון גראָזן
פאַרשלינגט עס, איבער זיי די ווינטלעך עס פאַרבלאָזן,
און ס׳קלאַפּט דאָס האַרץ מיינס אויס צו אייער לויב דאָס ליד.

גבעתיים, אלול, תשכ״ג

## יחיא מנשה, פארפייניקטער אין תדמור

כ׳גיס אָן מיין בעכער מיט דיין שוואַרצער פּיין
און טרינק אים אויס, ווי סם געמישט מיט וויין;
ער טוט מיר אין דעם בלוט אַ פלייץ אַריין —
מיין יעדער בלוטסטראָפּ ווערט אַ שטערן שיין.

נאָר פּאַר מיין בליק פאַרפלעקט דיין פּיין
די אייביקייט פון ו ע ר ן און פון ז יי ן.
סע בלענדט דיין סויווע — כשר־ווייסער ליין,
און כ׳מורמל: „ברודער הייליקער דו מיין...״

גבעתיים, יאַנואַר, 1964

## פלעמלעך

די העלדן־מאַקאַבייער
האָבן פאַר אַ קרבן
געבראַכט דעם היימלאַנד — זייער
לעבן; עס געפאָרבן

מיט בלוט, אין קאַמף צעזאָטן,
און צוריק דערוואָרבן;
דעם שונאס שטאָלץ צעטראָטן —
אויסגעלייזט געשטאָרבן.

פאַר זייערע נשמות,
אין שויס פון אל־נקמות,
צינדן פלעמלעך יידן,

דעם מוט אין פלאַם צו שמידן; —
אין שיין פון פלאַמען־שייטער
ווייטער קעמפן, ווייטער...

גבעתיים, דעצעמבער, 1963

## צום עלטערזיידן מיינעם

א.

דיין זון, דער פרומער משכיל, יעקב מאיר,
האָט זיך באַמיט דיין עלטער צו פאַרזיסן,
זי זאָל נישט פאַלן שווער דיר, יאָכיק זייער,
און זאָלסט דער תורהס כיבוד־אָב געניסן:

„סע טאָר אין שטוב זיך נישט דערוועגן קיינער
צו־הויך אַ וואָרט צו רעדן לעם זיין חדר;
ווהין ער וויל, און ווען ער וויל, קאָן גיין ער —
בלויז ער אַליין שטעלט איין זיין לעבן־סדר;

ס׳געהאָרכן אַלע א י ם, און ע ר — נישט קיינעם,
און אויפן מינדסטן ווונק מע זאָל פאַרשטיין אים;
די שנור מוז וויסן, זי איז אים אַ טאָכטער...״

אַזוי איז דער באַפעל פון דעם געביטער —
דיין זון. און אויב מע פאָלגט נישט אויס, איז ביטער!
ער זידט און שפריצט, פון צאָרן אַ צעקאָכטער.

ב.

האָסט נישט געריסן זיך צו כבוד, זיידע,
פאַרקערט — אים אויסגעמיטן, ווי צו־להכעיס;
געדאַוונט אין בית־מדרש פון דער עדה
פון וואָכעדיקע יידן, באַלמעלאָכעס.

דו האָסט געפילט זיך היימיש אין דער נידער
און זיך דערווייטערט פון געמיינע הייכן;
פראָסטאַקעס זענען דיר געווען ווי ברידער —
מיט זיי איז לייכטער צום גן־עדן גרייכן...

כ׳דערמאָן זיך: מיט „שימאָנטען״ ביסט געזעסן
(ווער ד ו ביסט, און ווער ע ר איז, האָסט פאַרגעסן!),
די קעלישאָקלעך אין די הענט — געציטערט;

„לחיים, — ווינטשסטו אים — רב שמעון,
איך וועל פאַר גאָט מיט דיר זיך רימען...״ — —
די שנור האָט שטום געקוקט אויף דיר פאַרביטערט.

## ג.

די פלאַטערדיקע פליגל פון דיין לעכצן
צום לאַנד דעם הייליקן דיך פלעגן טראָגן
אַ יעדן חצות מיט דיינע זיפצן, קרעכצן
צום כותל־המערבי, דאָרט צו זאָגן

די קינות אויפן חורבן, מיט אַ ניגון
פון ווײ און זיסער האָפענונג צוזאַמען — —
ער וועקט און שרעקט די אייניקלעך, וואָס ליגן
מיט הערצלעך קלאַפּנדיקע צו דער מאַמען:

„דו שלאָפסט? צי האָרכסטו אויך דיין זיידנס יאָמער?..
ער איז שוין אַלט אַזוי... ער שרעקט זיך: טאַמער...
און ס׳איז אויף זיך אַליין אים אַ רחמנות...״

ווי פינצטער! נאָר סע שטראַלט זיך דורך דער ניגון,
זיין זיסקייט נעמט צום שלאָף אויפס ניי פאַרוויגן...
סע גלוסט אַזוי זיך שלאָפן... מיט סכנות!...

## ד.

דיין זון דער טרייער, אָפּטער אַ פאַררייזטער,
געזעגענענדיק דיך, דיר קושט אין פּנים,
און איילֿיק צו פאַרהוילן קוים באַווייזט ער,
וואָס פּלוצעם האָט געטאָן זיך אַ דערמאָן אים

און פייכט געמאַכט דעם גלאַנץ פון זיינע אַפּלען...
„איך זאָל געזונט דיך... טאַטע... צו מיין קומען..״
די ליפּן זיינע מיט די וואָנצעס צאַפּלען,
און ס׳גליווערן די ווערטער און פאַרשטומען.

ער קומט פון וועג, דיר אַ מתנה ברענגט ער,
ווייל אין דער פרעמדער ווייט צום טאַטן בענקט ער:
אַ נייע בריל, אַ שידל, צי אַ שטעקן;

דו זאָגסט אַ שטילן דאַנק, נישט גאָר נתפּעל.
נאָר ווען געבראַכט דיר ערד פון ארץ־ישראל —
האָסט נישט געקאָנט דיין יובל נישט אַנטפּלעקן.

ה.

סע האָט דיין פרייד געשפּראָצט פון יעדן אבר:
„האָסט, זונעניו, געבראַכט מיר די גאולה!
איך וועל דאָך רויק ליגן ערשט אין קבר —
דאָס ביסל ערד איז אַ געבענטשטע סגולה...”

דאָס זעקעלע מיט ערד — איך האָב געזען עס
צו פינעף יאָר, סע שטייט מיר פאַר די אויגן,
און ס'טרעפט: אין דער לבנה איך דערקען עס,
ווען מיט אַ נעפּעלע זי איז פאַרצויגן, —

אַ זיסע פרייד שטראָמט־דורך דורך מיינע גלידער:
אין מיך דו פרייסט זיך, עלטערזיידע, ווידער —
דיין פערטער דור געבענטשט איז מיט דער סגולה!

און ווען מע וועט צום קבר מיך פאַרבעטן,
די סגולה־ערד מיין לייב וועט צערטלעך גלעטן:
„מיין קינד, דו ליגסט אין וויג פון דער גאולה”...

גבעתיים, עשרת ימי תשובה, תשכ״ד

# כמארעס

כמאַרעס אין די בלויע הימלען,
אין מיין לאַנד ישראלס הימלען —
דרימלען.

ווייל — אַז ווי צו זיי! — עקרות,
אַז זיי זענען עס — עקרות,
וואָר איז;

ס׳וועט אומזיסט דער ווינט זיי מעלקן;
הייטערס, וועלכע זיך נישט מעלקן —
וועלקן;

דאָך מיין האַרץ שטיל־פריידיק וואַך איז,
שעפט עס, ווייל שטיל־פריידיק וואַך איז —
נחת:

ס׳וועט זיך ענדערן דאָס וועטער;
קומען וועט אויך רעגן־וועטער
שפּעטער;

כמאַרעס־מאַמעס וועלן לויפן,
ערד צו זייגן זיי וועט לויפן —
זויפן;

מענטשן וועלן הויך זיך פרייען:
„ברכה־רעגנס, — הויך זיך פרייען —
גייען,
גייען,
גייען...״

גבעתיים, סעפּטעמבער, 1963

# פאלקסטימלעכע באלאדן

## דאסביימל פון קידוש־השם אויפן הר־ציון

חיים הזז
אין פאַרערונג און ליבשאַפט

**

אויף דעם הר־ציון האָב איך אים באַגעגנט,
דעם וווּנדערלעכן תהילים־זאָגער פון וואָלין;
דערמאָנט זיך: כ׳האָב זיך דאָך מיט אים געזעגנט —
כאָטש קוים באַקאָנט — אין יענעם יום־הדין,

ווען כ׳בין געלאָפן, ווי אַ פערד געטריבן
פון אימהדיקער, פייערדיקער בייטש — —
— און איר זענט טאַקע אין דער היים פאַרבליבן, —
איך פרעג אים, — אין גיהנום ביי דעם דייטש?

„באַשערט געווען אַזוי פון דער השגחה,
און ס׳איז אין מזל־ביש * אַריין אַ ברכה...
דערציילן?... אדרבה... נאָר בתנאי:

מיין נאָמען אין געהיימעניש זאָל בלייבן;
וואָס ס׳איז נישט וויכטיק, זאָלט איר נישט באַשרייבן,
און נאָר דעם עיקר אָפּמשלען געטריי״ — — — —
— — — — — — — — — — — —

* שלעכט מזל.

.1

רב חיאל פון די „טויטע חסידים״,
זינט פריידע האָט זיך אים געפעלט,
איז עלנט, ווי אַ בוים אין פעלד, —
נאָר שיקט זיך עלנט צווישן יידן?

און אַז אַ חסיד איז מתפלל,
צי איז ער דען מיט זיך אַליין?
ער פילט דאָך ווי אַ יעדער שטיין
אין וואַנט פון קלויז מיט אים זאָגט הלל!

צי קאָן אַ מענטש אַ ל יי ן זיך פילן,
ווען אויפן קאָפּ ער טראָגט די תפילין —
די קרוין, וואָס גאָט האָט אים געשענקט?!

און אַז צו גאָט מע לעכצט און קרענקט
און גליט זיך אויס אין תפילה־פלאַמען,
איז גאָט דאָך מיטן מענטש צוזאַמען.

.2

צי קאָן אַ חסיד זיין אַליין גאָר
אפילו אין זיין אַרבעט־יאָך?
אַז טיף אין זיין נשמהס תוך
איר שופט זיצט אַ תמיד שטרענגער!

צי קאָן אַ חסיד גאָר אַליין זיין,
גלייך וואָלט ער זיין בלויז ביין און פלייש?
דעם צדיקס שטאָלט — דער עמוד־אש
גליט אויס זיין זעל, זאָל לויטער־ריין זיין.

און ווען ער איילט מיט טריט געשיקטע
נדבות זאַמלען פאַר געדריקטע —
דער רבי שמייכלט פון דער ווייט...

איז פילט ער נישט ווי ס׳גייט די צייט
און זיפּט אויף אים דעם שטויב פון יאָרן,
ווי ס׳איז זיין באָרד אים גרוי געוואָרן.

.3

ווען ס׳האָט דעם נאַצי אָנגעטראָגן —
אַ היישעריק פון שוואַרצער שרעק,
האָט רב יחיאל גאַנצע טעג
זיך מיט דער דעה הארב געשלאָגן:

ס׳איז גאָט דאָך אומעטום פאַראַנען
צו יעדער צייט. און אויבעט איצט
זיין פליגל יעדן יידן שיצט, —
צי דאַרף ער רירן זיך פון דאַנען?

נאָר... אפשר? ס׳איז אַ שעת־הכושר...
וואָלט אפשר טאַקע זיין אַ יושר
צו לאָזן זיך צום צדיקס שטאָט —

ער זאָל אויף אַלע זיין אַ מגין?...
„אַ, פיר מיך מיט די רעטונג־שטעגן
און ברענג צום צדיקס קבר, גאָט!"

.4

מיט טלית און מיט תפילין איז געלאָפן
דער „טויטער חסיד", מיט אַ לעבל ברויט;
ס׳האָט אָפט געדונערט איבער אים דער טויט,
נאָר מיט די קוילן נישט אין אים געטראָפן.

ער האָט געזען אַרום: ווי כוואַליעס שלאָגן
צו אויסגעבענקטע ברעגן — יידנס פיין,
געפילט: זיין טלית איז אַ פליגל שיין,
ער האַלט זיך אָן פאַר אים און ווערט געטראָגן.

ער פליט — ס׳איז יעדער אויגנבליק אַ שאָד אים —
דורך מאָרד און שרפות און סכנה־פחדים,
נאָר — וויי! — די סטראַ־אחרא שנעלער פליט.

און ווען ער איז קיין לויצק צו חצות געקומען,
די שטאָט איז נעכטן שוין געווען פאַרנומען.
ס׳האָט ד אַ ר ט ן זיך דער צדיק נישט באַמיט...

.5

מסתם איז ער נישט ווערט... נו, בלייבט ער איבער.
באַזעצט זיך אין דער אַלטער טריסקער קלויז.
אין הייסע תפילות ס׳האַרץ זיינס גיסט ער אויס
און לאָזט ביי טאָג זיך שלייכן איבער שטיבער

צו זאַמלען שפּיז פאַר הונגעריקע יידן,
פאַרוואָגלטע פון דרהיים, ווי ער אַליין;
און ער? ער קאָן זיך מיטן מינדעסטן באַגיין —
אַ ליאַדע פּענעץ ברויט אים שטעלט צופרידן.

— אַ צדיק! — ווערט באַוווסט ער צווישן מענטשן.
און ווייבער קומען, אַז ער זאָל זיי בענטשן;
זיין זכות זאָלביישטיין אין דער נויט, —

ס׳הענגט, ווי אַ כמאַרע, איבער שטאָט דער טויט!
— פאַרהוילן זענען כביכולס וועגן,
מיין רבי, — זאָגט ער, — זאָל אונדז זיין אַ מגין.

.6

האַלב נאַכט. אין קלויז איז טונקל־גרוי; אפילו
צו דעם „שויתי" צינגלט נישט קיין ליכט;
און שאָטנס, זיך צונויפגעפּרעסט געדיכט,
שטום איינגעהאָרכטע שטייען, ווי אין תפילה.

דורך שויבן וועבט אַריין זיך די לבנה
מיט בלוי־און־זילבער־פעדעמלעך אין רוים;
לעם עמוד, אויפן דיל, זיך שאָקלט קוים
אַ זקן אין תכריכים מיט כוונה.

דאָס ריכט־אָפּ חצות דער אַלטער רב יחיאל —
פון רעכטס — רפאל און פון לינקס — גבריאל;
אויף לשון־קודש קאָן ער אַלץ בעל־פּה;

נאָר וויל ער אויפן נייעם חורבן קלאָגן,
אויף יידיש נעמט ער נייע קינות זאָגן — —
ער זעט: אין מדבר־פּוילן ברענט דער סנה...

.7

— ווּ נעמט מען משהן, גאָט, זאָלסט אים באַפוילן:
„צום פּרעה־נאַצי גיי און זאָג אים שטרענג:
— נעם צו די עקלהאַפטע בייזע שלענג,
אַז נישט, — ווועט זיין פאַר דיר מצריים פוילן!"

סע ברענט דער סנה און וויל זיך נישט פאַרקוילן.
— אַ לויב דיין ליבן נאָמען, גאָט, אַ לויב!
נאָר איך בין זינדיק, און מיין אויער — טויב,
און ס'וואָרט דיינס, פאָטער, בלייבט פאַר מיר פאַרהוילן.

סע צאַפּלט אין דיין שיין מיין יעדעס אבר.
באַשיין דעם וועג מיר צו מיין רבינס קבר,
איך זאָל געפינען אין זיין שאָטן רו — —

זע, ס'קומט פון וויט אַ ליכט־געשטאַלט צו שפּרייזן, —
צי משה, צי דער רבי וועט זיך באַלד באַווייזן?
פאַרבלענדט, די אויגן מאַכן בלינד זיך צו...

.8

פאַרטראַכט ער שטייט אין קלויז באַטליתט איצטער:
...ס'קומט מער שוין קיין מתפלל נישט אַריין —
דער טאָג וואַרפט אָן אַ פּחד מיט זיין שיין,
אַ ייד — פאַרשפּאַרט, ווי אַ מצורע, זיצט ער.

ווי פּלוצעם טוט די טיר אַ ריס, צעפּראַלט זיך,
אַ ווילד געלעכטער קייקלט זיך אַריין —
זיין טייוולשקייט אַליין טוט אָן שוין פּיין —
און, ווי אין רוים אַ דונער־קראַך, צעפּאַלט זיך.

סע וואַרפן זיך אויף אים מאָסיווע גופים,
מיט רויט־צעגליטע, טרייפענע פּרצופים,
מיט אויגן — פייערדיקע פּיאָווקעס־האָס,

און שליידערן אַרויס אים אויף דער גאַס...
אין פורכט צעפלאַטערט זיך אַ מתנה טויבן,
די קלויז צעוויינט זיך שטום מיט אַלע שויבן.

.9

דער קרבן קאָן שוין מיט קיין גליד נישט רירן;
זיין פּנים צוקט מיט אַ פאַרשטויבטער ברעם,
די ליפּן שעפּטשען שוואַך: „השם... השם...״.
אַ פּאָליציאַנט ברענגט יידן דריי צו פירן.

— דעם יודע שלעפּן! — בייז אַ דייטש צעבילט זיך,
און אויף זיין מאָרדע פינעט־אויף אַ שוים. —
אים אויפהענגען אָט דאָרט אויף יענעם בוים! —
און מיט די יידנס טויטער בלאַסקייט קילט זיך.

די יידן שטייען — מויל און אויגן אָפן:
אוי, וואָסער בראָך סע האָט זיי דאָ געטראָפן!
פאַרצווייפלט לאָזן זיי אַראָפּ די קעפּ...

באַלד נעמען האָגלען אויף זיי ווילדע קלעפּ — —
אַ בילעניש פון הינט, אַ צייגער־קריצן — —
די הויט הייבט אָן מיט בלוט צו שוויצן — —

.10

— אוי, יידן! — זעצט זיך פּלוצעם אויף דער קרבן. —
פאָלגט־אויס דעם המן, טוט וואָס אים געפעלט —
דאָס איז אַ גזר פון שעפער פון דער וועלט.
כ׳וועל גאָרנישט שפּירן... איך בין שוין געשטאָרבן,

און דאָס וואָס איר וועט טאָן, איז מיין לוויה...
אוי, יידן, ברידער, טוט די מצווה, טוט.
זאָל גאָט דאָס האַרץ אייך שטאַרקן, געבן מוט,
און ווערט נישט קיין פאַרצוקונג פון דער חיה. —

מיט בלאַסקייט־שיין נעמט שטראַלן אים דאָס פּנים...
און פאַר די הענט די יידן נעמען אָן אים
און שלעפּן, שטיקנדיק זיך מיט געוויין:

— מיר פאָלגן, הייליקער, נאָר דיר אַליין.
זאָל דיין געבעט פאַר אונדז דאָרט גאָט דערהערן,
אין חסד אונדזער רשעות צו פאַרקערן.

.11

סע הערט נישט אויף די זון אין הימל שטייגן;
סע קוקט דער בוים אַרויף צו איר פאַרטראַכט;
אַז מ'האָט אַ קרבן דאָ אַהער געבראַכט,
באַמערקט ער נישט און שמייכלט־גלאַנצט אין שווייגן.

אפילו ווען דעם תליה־שטריק דערפילט ער
פאַרוואָרפן אויפן רוקן פון אַ צווייג,
צערוישט ער זיך נישט בייז, נאָר מאַכט אַ שווייג;
ווי פריער, מיט דער זון אין ליבע שפּילט ער.

דאָ נעמט זיך כמאַרען אומגעריכט דער הימל,
דער בוים פאַרלעשט זיך און פאַרזינקט אין דרימל.
נאָר ס'רייסט אים מיט געוואַלד אַרויס פון שלאָף:

אַ דונער פאַלט אין אים — פון גאָט אַ שטראָף...
דער הייליקער, וואָס איז אויף אים געהאָנגען,
האָט אָפּגעריסן זיך... אַוועקגעגאַנגען — — —
— — — — — — — — — —

.12

סע בלאַנדזשעט אום אַ סודיק ליכט אין וואַלד, —
דערבליקט עס איין מאָל דער, אַ צווייט מאָל יענער,
אָט שטאַרקט זיך עס, אָט ווערט עס שוואַכער, קלענער,
סע טוט אַ בלינצל און ווערט נעלם באַלד.

נאָר פאַרטיזאַנער האָבן נישט קיין צייט
קיין שמועסן דעריבער צו פאַרפירן:
מע גייט דאָך נישט אַרום אין וואַלד שפּאַצירן, —
פון דאַכטעניש רעדן איז מען ווייט.

נאָר זיי — דער דריילינג לויצקער פאַרטיזאַנער —
זיך סודען אָפּטער: „זיכער איז פאַרהאַן ער,
דער קדוש, דאָ מיט אונדז און אונדז באַשיצט;

דאָס ליכט — די לויטערקייט פון זיין נשמה —
אונדז העלפט צו נעמען פון דעם פיינט נקמה
און זען ווי דאָס טרייפע בלוט זיינס שפּריצט..."

.13

נאָר ס׳פּלעגן פּאַרטיזאַנער רעדן: — האָרכט,
דער דריילינג האָט אַ גרייליכע הצלחה!
„אַז וואָס זיי טוען, איז פאַר אונדז אַ ברכה,
און יעדן אַקט זיי פירן אויס אָן פּאָרכט״.

„ווי טראַגנדיק אין רוקזאַק שוין דעם זיג,
אויף יעדער אַקציע זיי מונטער שפּאַנען״.
— ס׳איז קיין שום אָפּהאַלט נישט פאַר זיי פאַראַנען.
ווי זיכער: ס׳וואַרט אויף זיי דאָס גליק! —

און איין מאָל רופט זיך איינער אָן באַדאַכט:
„נישט אַנדערש לאָזט דער ענין זיך דערקלערן,
אַז זיי באַגלייט אין וועג אַ גוטער שטערן,

וואָס תמיד ווערן זיי פון אים באַוואַכט״.
— איז ווו דער גוטער שטערן, זאָגט, געפינט זיך?
מיט וואָס אויף זיינע חסדים מע פאַרדינט זיך?
— — — — — — — — — —

.14

דער שטערן האָט זיי אויך אַהיים געפירט;
זיי זענען צו דעם תליה־בוים געקומען —
ווי ס׳וואָלט פון אים געווען אַרויסגענומען
דאָס האַרץ... כאָטש גרינס האָט אַלץ נאָך אים באַצירט.

האָט איינעם פון די דריי דאָס האַרץ פאַרקלעמט,
און ס׳האָט אים דורכגעבליצט אָן אויסלייז־רעיון:
„איך וועל אַ פלאַנצל פון דעם בוים באַפרייען
פון גלות, ווו ער שטייט אַזוי פאַרשעמט״.

און איין מאָל האָט אַ נאַכט געזען אין טרוים
מיט אירע פיל מיליאָנען אויגן — שטערן
אים קניען מיט אַ מעסער און מיט טרערן

און אויסשניידן אַ וואָרצל פון דעם בוים — —
זי האָט געווונטשן אים פון גאַנצן האַרצן,
ער זאָל בשלום עס „אַריבערשוואַרצן״.

15.

„...ווי אַ מצבה, — האָט ער זיך געקלערט, —
אויף רב יחיאלס אומבאַקאַנטן קבר,
זיין תליה־בוימס אַ לעבעדיקער אבר,
געגערט פון אונדזער לאַנדס געבענטשטער ערד".

ווי אַ שוואַרצאַפּל האָט ער אים באַוואַכט
און אויפגעהיט דעם גאַנצן וועג דעם שווערן,
דורך פּחדים, פּיין, אויף שטראַלנדיקע טרערן,
און לעבעדיק און פריש אין לאַנד געבראַכט.

„...ס'איז יעדער טראָט אין לאַנד דעם שעפערס שאָץ,
און ווו כ'זאָל נישט פאַרפלאַנצן — נישט קיין פעלער,
און דאָך — אויף דעם הר־ציון, לעבן קעלער

פון אומקום, וואָלט געוועזן דער בעסטער פּלאַץ".
ער איז צו דעם משגיח דאָרט געקומען,
נאָר יענער האָט זיין וואָרט נישט אָנגענומען:

16.

— מיט וואָס זשע האָט זיך עס פאַרדינט דער בוים,
וואָס האָט דערלאָזט אַ צדיק אויף זיך הענגען,
מע זאָל זיין שפּראָץ מיט מי און מאַטער ברענגען
אין אָבות־לאַנד? רב ייד, כפאַרשטיי עס קוים!

„ער איז שוין אָפּגעקומען פאַר די זינד:
אַ בליץ האָט אים אין האַרץ אַריינגעטראָפן.
איז וויפל איז דער שיר אים צו באַשטראָפן?
און וואָס איז שולדיק דען דער שפּראָץ, זיין קינד?

„און ווידער — מיינט דעם בוים דען מיין געדאַנק?
זיין שפּראָצל וועט דאָך פאַר דער וועלט באַווייזן
דעם „טויטן חסידס" גבורה — שטאָל־און־אייזן! —

„סע זאָלן דורות זי געדענקען לאַנג:
סע וועט דערציילן מיט די גרינע בלעטלעך,
ווי רב יחיאל איז געווען געטלעך!"

.17

— ס׳איז שיין, אפילו היילִיק אייער מיין.
נאָר ס׳גרענעצט זיך די מצווה מיט עבירה —
ס׳אַ חשש: דער בוים קאָן שמעקן מיט „אשרה״*...
איך קאָן אויף זיך נישט נעמען עס... ניין־ניין!

סע ווערט, רב ייִד, נישט העלפן דאָס געוויין,
ס׳איז אויך אומזיסט, רב ייִד, דאָס בייזע שרייען... —
דער פּאַרטיזאַן, געבויגן אַזש אין דרייען,
האָט אַ פאַרצווייפלטער געלאָזט זיך גיין.

ביי נאַכט האָט ער דערפילט צוקאָפּנס — שטיין
די תליה פון דעם קדוש דאָרט אין פוילן...
דער בליץ, וואָס האָט זיך אין זיין שטאָם פאַרהוילן,

העלט־אויף אויף דעם הר־ציון לויטער־ריין...
און דער באַשייד איז קלאָר: „ס׳איז דען אַ נייעס,
כ׳זאָל האַנדלען אויף מיין אייגענער אחריות ?!״
— — — — — — — — — —

.18

ער פלעגט אָפט גיין, אויס ווילן און אויס פליכט,
צום פלאַנצעלע, טאָן אַלץ סע זאָל געדייען; —
ס׳גייט אויף דאָס פלאַנצעלע, און ס׳גרינט זיין רעיון,
אַז רוען וועט דערויף דעם קדוש ליכט,

וואָס פלעגט אין וואַלד דאָרט בלאָנדזשען יעדע נאַכט
און מיט די שטראַלן, ווי מיט פינגער, ווייזן,
זיי זאָלן, גייענדיק צום ציל, נישט גרייזן. —
און זע! נאָך מער ווי ער האָט דאָס געדאַכט:

דאָס פלאַנצל האָט גענומען זיך פאַרוואַנדלען,
אין וואַקסן, אין אַ ביימעלע פון מאַנדלען
און זיך צעצוויטעט מיט אַ ווייסער שיין...

דעם נס אַנטפלעקן ווער מען ? האַלט זיך איין! —
אַ ביימעלע, וואָס בליט מיט שיין פון שטערן,
באמת, קאָן דאָך אַן „אשרה״ ווערן...
— — — — — — — — — —

* געצנבוים.

.19

ביי נאַכט צום יאָרצייט שטייט ער דאָרט, פאַרציט
אַ ניגון, זאָגט פון סידור פסוקים תהילים;
דאָס מאַנדלביימל מיט געשעפּטש העלפט שטיל אים,
באַלייכט די אותיות מיטן ליכט פון צוויט.

און ווען ער זאָגט דעם קדיש, ער דערפילט,
ווי ס׳וואָלטן צוויי, פון גייסט און שיין, געשטאַלטן
איןביידע זייטן זיינע שמירה האַלטן,
און זייער וואַרעם ליכט זיין גוף פאַרהילט.

ס׳איז אים אַ שרעק — אַ קוק טאָן אין דער זייט,
ער זאָגט דעם קדיש מיט פאַרמאַכטע אויגן,
דער קאָפּ צום מאַנדלביימל טיף געבויגן.

און ווען געענדיקט, זעט ער אין דער ווייט
צוויי שטאַלטן זיך צעפליסנדיק אין שוועבן,
און שטויסט זיך אָן: דער חסיד מיט זיין רבין — — —

.20

— פירט־צו מיך צו דעם ביימל, — בעט איך שטיל אים, —
צום בראַצלאַווערס צעשטערנטן גערוס,
אין זכות פון זאָגן אַ קאַפּיטל תהילים,
און בין איך עס נישט ווערט, — אין אייער זכות.

„מיין זכות? צי גרייכט ער אַזוי ווייט? וואָס רעדט איר?!
נאָר קומט... דאָס ביימל שטייט אַצינד אין צוויט;
אויב האָט איר זכותים אייגענע, איז וועט איר
דערזעען אויך דאָס ליכט... אויב ניט, איז — ניט...

אָט איז עס". כ׳זע אַ ביימל — שטאַלטנע־איידל:
אין ווייסן קלייד אַ דופּטיק כלה־מיידל;
דער פיינער דופט פאַרשיכורט מיין געמיט — —

כ׳נעם ברומלען „אשרי..." , לאָז אַראָפּ די וויעס — —
אַ ציטער לויפט אַדורך, ווי שרויט, די קניעס,
און דורך די אויגנדעקלעך בלענדט דער צוויט — — —

גבעתיים, דעצ׳ 1962 — יאַנואַר 1963

# באלאדע פון די פארשעמטע שבת־ליכט

.1

די שבת־ליכט — אין קיך, פֿאַרשעמטע,
די זילבער־לייכטער — מאַט און בלאַס:
די גברת האָט — אַן אָפּגעפּרעמדטע —
געצונדן זיי אין זאַט פון האַס...

סע אומעטן די חלב־שטעמלעך
אין זייער גליווערדיקן שטיין,
די טרויעריקע ציטער־פלעמלעך
פאַרגייען זיך אין שטום געוויין:

„פאַר וואָס האָט זי אונדז גאָר געצונדן?
די מלכה־שבת איז פאַרשוואונדן:
— זאָל ווייטער קיניגן די וואָך —

און אונדז געלאָזן דאָ פאַרשעמטע,
באַליידיקט־וואָכעדיק־צעקלעמטע,
ווי צייכנס אויף איר ווײ־און־אָך..."

.2

דאָ טוען פליגל איבער זיי אַ פֿאָך,
און ס'מורמלט פון פאַרהוילעניש די שכינה:
„ס'איז שבת היינט אויך דאָ — שטילט אין די קינה;
עס איז דער וויסטער גברת וויסטער בראָך...

די קיך איז ערשט דער מלכה־שבת היכל,
איר שבת־מאַיעסטעט איז נישט געשטערט,
ווייל נישט דאָס אָרט באַערט דעם גאַסט — פאַרקערט..." — —
צעצאַפּלען זיך די פלעמלעך מיט אַ שמייכל

און צאַפּלען־אויס אַ שבת־קודש־ליד,
און פון די לייכטער שטייגן צום סופיט
די חלב־שטעמלעך שטאָלץ מיט יוגנט־שימערן;

סע רוישלט אַ געפלאַטער הייליק־שטיל:
די מלכה־שבת מיט מלאָכים פיל
שפּאַצירן באַרוועס איבער אַלע צימערן...

גבעתיים, יאַנואַר, 1963

# יידישע פישערביים ים

מדינת ישראל צו איר חג־העשור
מיט ברכה פון שלום און אויפבלי

.1

סע רויטלט קוים זיך אויפן מזרח־ראַנד אַ בלאַסער פלאַם,
וואָס איז אַ הייסע זון מבשר נאָך דער נאַכט דער קאַלטער.
ס׳גייט ברוך פישער מיט זיין זון גבריאלן צום ים, —
גבריאל איז נאָך יונג, נישט פולע זיבעצן איז אַלט ער.

ס׳טראָגט ברוך אויפן אַקסל שווער די פישנעץ, און זיין גאַנג —
פאַרקלערט און וואַקלדיק: וועט היינט די מי אים זיין באַשערטער?
אין וועלכן זכות? גבריאל גייט דאָס ערשטע מאָל צום פאַנג, —
מיט וואָסער רעכט צעשיידט אים מיט דער תורה דער באַגערטער?

אַז איינגעטענהט האָט דאָס ווייב: — זע, נעם אים מיט מיט זיך;
אין זיין זכות אפשר וועט דער אייבערשטער אונדז פיש באַשערן.
ווי לאַנג דען קאָנען קינדער אונטערהונגערן? ווי לאַנג? און איך?
און דו אַליין? נאָר מילא — מיר, מיר זענען זאַט... פון טרערן. —

און ער, דער קליינער, האָט געבעטן: — טאַטע, מאַך אַ פרווו,
מיין לייכטע האַנט וועט אפשר מזלדיקער זיין פון דיינער.
מיט תורה איך דערנער מיין זעל... נאָר הונגעריקער גוף
מיר שטערט צו לערנען: „אם אין קמח...‟ * איז זיין רעכטע טענה. —

צי האָב איך אים געטאָרט געהאָרכן?! אַך, איך אַלטער נאַר!
צי קאָן מען זיך מיט וואָס פאַרענטפערן פאַר ביטול־תורה?
ווער ווייסט, צי שטייט היינט אויפן ים נישט פאַר אונדז אַ געפאַר? —
און אויפן זון ער וואַרפט אַ ווייכן בליק, וואָס שטאַרט פאַר מורא.

נאָר אויפגעלעבט און מוטיק איז גבריאלס פלאַטער־גאַנג,
ער שפירט, אַ ראָזער זונשטראַל שפילט מיט זיינע ברעמען;
צי קאָן דען אַנדערש זיין־?! ס׳וועט זיין אַ מזלדיקער פאַנג,
סע וועט דער אַלטער ים זיין יונגן גלויבן נישט פאַרשעמען!

*. אם אין קמח — אַז ס׳איז נישטאָ קיין מעל, אין תורה —
איז נישטאָ קיין תורה...

— וואָס קוקסטו אָן אַזוי מיך, טאַטע, מיט אַ שטאַרן בליק?
ווי וואָלסט געפירט דיין זון, דיין יצחקן, צו דער עקידה...
ניין־ניין! איך וועל נישט לאָזן זיך מיט ליידיקן צוריק.
מיר וועלן זיך מיט פיש אַהיימקערן, דערפרייטע ביידע! —

דער זון אַנטקעגן רונצלט זיך דער ים און אָטעמט ווייך,
אויף זיינע גאָלדנשופן זיצן מעוועס, ווי אויף אייער.
און ברוך, ווי צו תפילה, הייבט די אויגן צו דער הייך:
— זיי לייטזעליק צו אונדזער מי, אָ, זיי אונדז אַ דערפרייער!

2.

ווי צוויי פאָר פליגל וואָלטן אויפגעפאָכעט: — שיפל ריר!
און ס׳לויפט דאָס שיפל פלייסיק, לייכט צו בלענדנדיקע ווייטן,
ווי ס׳וואָלט אַ פּאָרל אַ געליבטס געלאָזט זיך אויף שפּאַציר,
צו אויסבאַהאַלטן זייער ליבשאַפט פאַרן בליק פון לייטן.

די מעוועס, אויפגעשראָקן, קרייזן קרייזן מיט געשריי:
— מיר זענען הונגעריק! — און יעדע זוכט מיט בליק מיט שאַרפן.
נאָר — ווי זיי, אָך! — די פישער זענען אָרעם גלייך ווי זיי,
פאַרמאָגן נישט קיין ברעקל ברויט, קיין פישעלע צו וואַרפן.

— באַשעפער! ס׳גייט מיין תפילה אויף צו דיר איצט נישט אַליין, —
לייגט ברוך אין אַ זייט די וועסלעס, לאָזט אַראָפּ די נעצן —
צוזאַמען מיט די פייגל־קולות זאָל צו דיר דערגיין
אויך מיין געבעט און פאַר דיין שטול דער הערלעכער זיך זעצן,

און אויסבעטן פאַר זיי, פאַר אונדז: דערנערונג אונדז באַשער!
סע זיצט דער פייניקער אין אונדזער אינגעווייד — דער מאָגן;
דו ווייסט דאָך, אַז שוין לאַנג מיין שפּייזקאַמער איז לער,
און ס׳זענען די געמיטער פון מיין הויזגעזינד דערשלאָגן.

און מיין גבריאל אין בית־מדרש מידט זיך טאָג וועכאַכט.
נאָר היינט... זיי, פאָטער, מוחל אונדז זיין איינציק מאָל פאַרפעלן!
זיין אָטעם וועט נישט ווערן מער דאָ אויפן ים געדאַכט,
און ווידער וועט דיין תורה־ליכט אַרום זיין שטערן העלן... —

— אוי, טאַטע, לאָמיר ציען! זע... — גבריאל טוט אַ ציִ
דעם אַרבל פון זיין לייוונט־העמד און וועקט אים פון דער תפילה,
נאָר ס'לעשט זיך נישט אויף ברוכס מויל דער תפילהדיקער גלי,
ער ציט די נעץ, און גלייך ווי פונקען — זיינע ווערטער שטילע.

מיט אַלע כוחות ציען זיי. ווי שווער סע איז די נעץ,
וואָס גלאַנצט און מיניעט זיך מיט פעדעם גאָלד און זילבער, דאַכט זיך!
און פלוצעם טוט עס אין דעם שיפלס באָרט אַ פעסטן זעץ —
ס'ווערט ברוך פריילעך, און גבריאל אויף אַ קול צעלאַכט זיך.

אַ לעצטער אָנשטרענג און אַ לעצטער שלעפּ — אַ גרויסער פיש
אַ פּרעכטיקער זיך צאַפּלט אין דעם דינעם נעץ־געשטריקעכץ.
— ווי פעט ער איז! — זאָגט ברוך — ראוי פאַרן פריצס טיש,
און פיין באַצאָלן וועט דער פריץ פאַר אַזאַ דערקוויקעכץ.

3.

סע האָבן פליגל פרייד געבראַכט דאָס שיפל צו דעם שטראַנד.
די נעץ — שוין אויפן זאַמד; מיט דרויב די מעוועס זיך דערנערן;
דער פיש — אין שיפל; ברוך איילט, ווי נאָר ער איז אימשטאַנד,
צום הויף, צום פריץ: — ס'וועט נישט זייער לאַנג, מיין זון, געווערן. —

גבריאל זעט: די מעוועס שפייזן זיך מיט גרויס געשריי,
מיט זשעדנעקייט און פריידיקייט, מיט יובל און נצחון...
ער טראַכט: אויך איך בין הונגעריק, נישט ווייניקער פון זיי...
און פילט: לעם זיינע פיס זיך קאָרטשעט־וואָרפט דער פיש — זיין שכן.

אויך ע ר איז דורשטיק, — פילט ער מיט אים ווייטיקלעך און ווענדט
זיין בליק צו אים, און — זע נאָר זע! — ווי זיינע אויגן קוקן!...
צי האָט די זון מיין קאָפּ צעמישט? די אויגן מיר פאַרבלענדט?!...
דער פיש האָט אויפגעשטעלט זיך, אָנגעהויבן זיך צו בוקן;

דעם קאָפּ אַוועקגעבייגט, ער קוקט אים אָן מיט רעכטן אויג,
וואָס בעט תחנונים: — לאָז מיך, גוטער מענטש, צוריק אין וואַסער,
אין די געדערעם גליט אַ זשאַר, און ס'ווערט פאַרברענט מיין רויג —
מיין קינדער־פרוכט... די זון ווערט רויטער אַלץ, מיין אָטעם בלאַסער...

איך וויל אַ נייעם דור דערלעבן אין מיין טונקלער וועלט
און האָבן נחת, ווי דיין מאַמע ריוועלע שתחיה...
וואָס אָן אַן אויפהער ציטערט אויף דיין קאָפּ איר בליק צעקוועלט,
וואָס וויינט זיך אויס די אויגן ביי דער תפילה „ומי יחיה..."

דאָס וויינט זי עס פאַר דיר, איר קינד, און נישט פאַר זיך אַליין...
איז האָב זשע מיטלייד מיט אַ פיש, וואָס גייט אַ מאַמע ווערן, —
און ס'צאַפּלט זיך דאָס האַרץ גבריאלס צווישן יאָ און ניין.
פון טראַכטן קנייטשט זיך אים ביז פיין דער אַנגעשטרענגטער שטערן.

גבריאל טוט אַ כאַפּ דעם קרוג, און וואַסער שעפּט פון ים,
און אויפן אויפגעשטעלטן בעטנדיקן פיש נעמט גיסן.
און פּלוצעם — ס'טוט דער פיש אַ שפרונג אין וואַסער, ווי אַ פלאַם...,
גבריאל טוט אַ שמייכל, און סע ווערט זיין האַרץ צעריסן:

אַז וואָס וועט ער דעם טאַטן זאָגן, ווען ער טוט אַ פרעג:
„דער פיש ווו איז?! ווי האָסטו זיך דערוועגט אים צו פאַרקויפן?"
און אַז כ'וועל זאָגן אים דעם אמת? — וויי איז מיר! אַ שרעק!
צי זאָל איך נישט באַצייטנס אין דער וועלט אַריין אַנטלויפן?

**4.**

— דער פיש?! — דעם טאַטנס קול מיט שרעק זיך ווידערקולט אַרום —
וואָס שווייגסטו ווי אַ פיש?... צי איז דיין קעל געליימט? פאַרשלאָסן?
אַט וואַרט דעם פריצס קנעכט... מיט לײדיקן ער קערט זיך אום...
— דער פיש?... אַרויסגעשפּרונגען... וואַסער... כ'האָב אויף אים געגאָסן...

— דו האָסט אין וואַסער אים?... רעד קלאָר! דו גולם איינער! געטש!
„איך האָב... ער האָט... געדאַווענט ווי די מאַמע... כ'מיין צו זאָגן..."
— איז נאַ! — לאָזט ברוך אים אַראָפּ, גבריאלן, צוויי פּעטש —
און קום נישט מער אַהיים! און גיי, וווהין ס'וועט דיך פאַרטראָגן!... —

גבריאל לאָזט זיך גיין מיט שלוכץ און טרערן מיטן שטראַנד,
מיט טאַטע־מאַמע, ברידער־שוועסטערלעך אין האַרץ זיך זעגנט.
סע באַקט די זון, און פּלוצעם... עמעץ גייט מיט אים בײנאַנד,
און זעט: „זיין פּנים... אַלץ — ווי זיך אַליין וואָלט איך באַגעגנט!"

ס׳דערציילט אים אויס גבריאל, וואָס מיט אים סע איז געשען,
און יענער שמייכלט צו: — דאָס נעמלעכע פון מיר צו הערן.
נאָר איך, איך נעם זיך נישט צום האַרץ, און וואָס געווען — געווען,
איז לאָמיר זיך אַ נעם טאָן מונטער וועגן תכלית קלערן.

— גבריאל איז מיין נאָמען. דו ווי הייסט? — איך הייס ווי דו,
נאָר אויסצומיידן פּלאָנטער, זאָל עס זיין צום גראָם: עזריאל...
מיר האָבן הענט און פיס? מע דאַרף נישט לאָזן זיי צו רו,
און לאָמיר זיך אַ נעם טאָן פלייסיק אַרבעטן, גבריאל.

— געמאַכט! — גבריאל טוט אַ שטרעק עזריאלן די האַנט —
און לאָמיר קעגנזייטיק ווינטשן זיך אין אַלץ הצלחה.
— פאַראייניקן זיך מי און פלייס צוזאַמען מיט פאַרשטאַנד, —
וועט זיכער זיין אין יעדער אונטערנעמונג ס׳מזל־ברכה. —

פון שוואַרצער אַרבעט אָנגעהויבן, און — סע גייט אַ גאַנג!
אַ פּרוטה צון אַ פּרוטה, און סע קלייבט זיך אָן אַ מאה,
אַ מאה צון אַ מאה, און — סע דויערט שוין נישט לאַנג —
די שותפים ווערן רייך און האָבן שוין אין שטאָט אַ דעה.

נישט נאָר מיט עשרות שמעקן זיי — מיט שיינקייט און מיט חן;
מע שמועסט: שוין די העכסטע צייט צו רעדן זיי שידוכים...
און ס׳לאָזט גבריאל זיך קיין קושטאַ* (היינטיקס מאָל אַליין),
ווייל גאַרסטו, מאַנצביל, נאָך דיין זיווג, שפּאַן זיך איין און זוך אים!

**5.**

אין קושטאַ טאַנצט דער יצר־הרע הפקרדיק אין גאַס
און שלעפּט אַריין אין ווילדן קרייזן בחורים און מיידן.
גבריאל האָט אַרויסגעלייענט פון אַ מעלדונג, אַז
פאַר שיינע מאַנצבל אָפן איז דער ערדישער גן־עדן:

„אַ שיינער מאַנצבל קאָן אַריין אין פּאַלאַץ פון סולטאַן,
און אויב זיין שיינקייט און זיין שכל וועט געפעלן דער פּרינצעסן,
זי וועט אים ווילן פאַר איר חתן און באַשערטן מאַן;
נאָר... צריך אַרויסגיין ווי אַ פרעמדער — דאָס זאָל ער פאַרגעסן! —

* קאָנסטאַנטינאָפּאָל

מע פירט אים צו דער תליה, אָדער אין אַ קאַזעמאַט...
ער זאָל פון פריערדיקן אָרט אויס דאָס וויסן און זיך פריי באַשליסן".
איז אויך געגאַן גבריאל און — קיין מזל נישט געהאַט:
ער זיצט אין תפיסה, פון זיין בעסטן פריינד אַוועקגעריסן.

אַ וואָך און נאָך אַ וואָך — און ס׳קאָן עזריאל נישט פאַרשטיין:
אַז נישט ער קומט, גבריאל, נישט ער לאָזט פון זיך צו הערן!?
אַריין אין קושטאַ — אין אַ ברונעם אָן אַ דנאָ אַ שטיין,
און אין זיין טיפקייט זוכן אים אומזיסט פאַרבענקטע שטערן;

עזריאלס אויגן — שטערן אין אַ טיפער שוואַרצער נאַכט,
ווי האַטשיקעס אַ מינדסט ידיעה־פישעלע צו פאַנגען.
און ענדלעך אַ באַשלוס נעמט אָן ער: שוין, גענוג געטראַכט!
אַ רעזידענץ־שטאָט איז אַ הייל פון עקדישן און שלאַנגען...

ער פאָרט קיין קושטאַ זוכן אים. און אויב גבריאל לעבט
אין אַ געפאַר, ער וועט פאַר אים זיין אייגן לעבן שטרעקן;
אפילו אויב אַ טייוול האָט אים אין אַ הייל פאַרשלעפט,
פון דאָרט אַרויסבאַקומען אים ער וועט זיך נישט דערשרעקן.

און אָט איז ער, עזריאל, שוין אין קושטאַ, זוכט און וואַכט,
און ס׳מיידן אים פאַרשטערטע טעג און נעכט — מעת־לעתן.
נאָר איין מאָל, לעם דער מ ע ל ד ו נ ג, טוט זיך ווי אַ בליץ אַ טראַכט:
גבריאלן האָט זיך פאַרגלוסט פאַרזוכן די פרינצעסן!..

סע טוט אַ ציטער זיין געביין, דאָס האַרץ אין פחדים שוועבט:
„צי שוין נאָך אַלעמען?.. געגאַן גבריאל אויף דער תליה!?"
נאָר ס׳זאָגט דאָס אויסגעבענקטע האַרץ נביאות אים: „ער לעבט!"
און ס׳פאַלט אַ טרער פון טרייסט און פרייד אַראָפּ אים פון דער וויע.

6.

עזריאל קויפט אַ פּלאַץ נישט ווייט פון פּאַלאַץ פון סולטאַן,
בויט אויף און אָרדנט איין אַ קאַוועהויז, וואָס הייבט אָן שמעקן:
אַזאַ באַטעמטע קאַווע אויף דער וועלט איז נישט פאַראַן!
פון פיינעם אַראָמאַט פון אירן שיכור ווערן קען מען!

און גרויסע בייען, שרים קומען אין דעם הויז צו גיין
צו טרינקען קאַווע, וואָס איר ווילגערוך פאַרשמעקט די געגנט;
נאָך קאַווע שיקט איר דינסט די טאָכטער דעם סולטאַנס אַליין, —
עזריאל מיט באַזונדער גינציקייט די דינסט באַגעגנט.

ער איז מכבד זי מיט קאַווע, און איר האַרץ געווינט,
און לערנט זי — דעם סוד ביי דער פרינצעסן זיך דערוויסן.
און ס'האָט די דינסט, פאַרליבט, עזריאלן געטריי געדינט —
דעם שלייער פון דעם סוד איר האַרינטעס אַראָפּגעריסן:

די האַרינטע האָט איר דערציילט: „מיט זיבן יאָר צוריק
כ'האָב מיין באַשערטן אויף אַ רייזע צופעליק באַגעגנט.
מיר האָבן הייס זיך ליב באַקומען פונעם ערשטן בליק
און מיט אַ שבועה אייביק טריי זיך בלייבן זיך צעזעגנט,

דערביי זיך אָפּגעשמועסט: „לייבנגבורה" — דער פּאַראָל,
מיט פענדלעך אויסגעטוישט זיך, אויסגעהאָפטענע מיט לייבן.
אַז וועלן מיר וועלן זיך אויפס ניי באַגעגענען אַ מאָל,
לויט די סימנים בלויז מיר מעגן זיך אייגאַנדער גלייבן.

און קומט אַ בחור, מעג ער ווי אַ יונגע זון זיין שיין,
אויב אָן דעם פענדל און פּאַראָל — פלאַמט אויף אין מיר אַ פייער;
כאָטש ריין פון שולד — איך האָס אים! זאָל ער צו דער תליה גיין,
אין קאַזעמאַט, ווו אויסגיין וועט ער נאָך דער וועלט דער פרייער!"

און ס'משלט אויס פּאַר אים די דינסט דאָס פענדל אַקוראַט
און זאָגט: — אַצינדער וועט איר קאָנען גיין צו דער פרינצעסן...
— נישט איך בין דאָס פּאַר איר — אַ יונגערמאַן פון קאַזעמאַט...
דער איידעם דעם סולטאַנס דיין חסד וועט דיר נישט פאַרגעסן...

— איך האָב עס נישט געטאָן פּאַר ע פּ ע ס, — זאָגט זי שטיל פאַרשעמט —
פּאַר אייך בלויז האָט מיין האַרץ אויס ליבע עס צו טאָן געהייסן...
עזריאל האָט דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט צו איר פאַרקלעמט
און אָפּגעבריט איר קאַלטן שטערן מיט אַ קוש אַ הייסן.

7.

די דינסט פאַרלאָזט עזריאלן. שוין שפּעט. שלאָפט איין דאָס הויז.
פון פרייד... ווי מיד ער איז! אַ גענעץ וועט זיין מויל צערייסן.

ער לייגט זיך שלאָפן. שלאָפט... ער זעט: ס'איז וואָר, צי חלום בלויז?
עס עפנט זיך די טיר. סע שלייכט אַריין אַ שטאַלט אין ווייסן.

— באַשווינדלען די פרינצעסן?! — שרייט זי— איז עס ערלעך? פּיין?
איז רעכט ביי עמעצן אָוועקצורויבן זיין באַשערטע?
דו ווילסט דיין פריינד דערפרייען אויפן קאָסט פון פרעמדער פּיין?
אַ פרעמדנס כלה געבן אים — אַ פרי אַ פאַרוועלטע?

און טו אַ טראַכט נאָר: זי איז דאָך אַ שיקסע, ער — אַ ייד,
איז גייסטו דאָס אַזעלכע צוויי אין זינד צוזאַמענפּאָרן?!
דער יצר־הרע שלעפּט דיך און צום גיהנום־פייער ציט.
פאַרטאַכליעוועסט דיין עולם־הבא אין די יונגע יאָרן! —

דאָ שלייכט אַריין אַ צווייטע שטאַלט — די דינסט! — ווי פאַלש די רייד!
דו ביסט אַליין דער יצר־הרע אין עזריאלס האַרצן! —
זי טוט פון איר אַ רייס אַראָפּ דאָס ווייסע קלייד —
עזריאל, קוק און זע, באַטראַכט דעם מלאָך אָט דעם שוואַרצן!

דו גייסט דאָך ראַטעווען פון תליות בידנע יונגעלייט!
פון קאַזעמאַטן! יאָ, זי איז אַ בייזע שיקסע, ריכטיק,
נאָר וועט זי האָבן אַ געליבטן יידן ביי דער זייט,
וועט זיין אמונה אויפגיין אין איר האַרץ־און־זעלע ליכטיק. —

עזריאל האָרכט זיך איין ווי ס'רעדט צו אים די דינסט, און שטוינט:
זי טראָגט מלאכים־פליגל, און די אויגן אירע — תכלת!...
— דיין מי, — זי שעפּטשעט מילד — וועט מיט הצלחה זיין געקרוינט;
אויך רות, די באָבע דודס, איז געווען דאָך אַן ערלית... —

זי בייגט זיך איבער אים, פון אירע אויגן טריף נאָך טריף
סע פאַלן טרערן בלויע אויף זיין שטערן און די שלייפן.
און ס'הייבט אַרויס צו איר זיך פון זיין זעלעס טיפסטער טיף
אַ ליכט, וואָס קרייזט אַרום איר שטערן־גוף מיט שטראַלן־רייפן.

— דו ביסט אַ מלאָך? — פרעגט ער. — ניין, אַ דינסטמויד, גאָרנישט מער.
— פון וואַנען זשע די פליגל? — פון די הענט, וואָס ערלעך דינען... —
עזריאל איז שוין מער קיין גוף נישט — ראיה בלויז, געהער,
געדאַנק געשפּאַנטער אָנצוהייבן ראַטעווען באַגינען.

.8

אין אייל שטייגט אויף דאָ אויפן פּלאַץ אַ נײַ פּאַרווײַלונג־הויז —
אַ באַדהויז מיט אַן אויסטערלישן נאָמען: „לײַבנגבורה״...
דאָרט לאָזן ווילגיין זיך די לײַטישסטע משפחות בלויז, —
סע היט זיין שוועל אַ שטרענגער שווײַצער מיט אַ לײַבנצורה.

און איין מאָל קומט די דינסט מיט דער פּרינצעסנס אַ באַפעל:
„זאָל היינט פאַר נאַכט אין באָד נישט אויפגענומען ווערן קיינער.
די טאָכטער דעם סולטאַנס אַריבערטרעטן וועט איר שוועל.
עמפּפאַנגען זאָל איר בלויז דער באַלעבאָס פון הויז — ער איינער״.

מיט פלאָטער האָט עזריאל זי באַגעגנט און געקניט...
— דער אויסטערלישער נאָמען, — טייטלט זי — וואָס מיינט צו זאָגן? —
ער ענטפערט גלייך און קלאָר, ווי זיך צו טראַכטן נישט באַמיט:
— די גבורה פון אַ לײַב זאָל יעדעס האַרץ וואָס ליבט פאַרמאָגן.

האָט ליב די טאָכטער דעם סולטאַנס פון פּראָסטן פאָלק אַ מאַן,
זאָל ווי אַ לײַב איר ווילן שטאַרק זיין און איר וואָרט דערפילן,
און אַז די צייט וועט קומען, זאָל די קרוין פון דעם סולטאַן
מיט אַלע דימענטשטראַלן אויף זיין שטערן זיך צעשפּילן...

— ווי שיין דו רעדסט! — צעשמייכלט זיך די טאָכטער דעם סולטאַנס —
נאָר ס׳איז מיר נישט אין גאַנצן קלאָר, צו וואָס דו שטרעבסט און צילסט זיך.
צי מיינסטו אפשר, גלייך ווי אַנדערע, דו האָסט אַ שאַנס?
פאַרשטייסטו נישט, אַז דו (צו יענע גלייך) מיט פייער שפּילסט זיך?...

— כ׳פאַרשטיי, — ער טוט אַ מורמל קוים — מיין לעבן שטייט אין קאַן —
ער וויקלט אויף אַ פענדל מיט אַ לײַבעלע אין מיטן —
נאָר כ׳האָף: סע וועט מיך ראַטעווען דער לײַב אויף אָט דער פאַן,
אויב ס׳האָט זיך ע מ ע צ ע ר, ווי איך, באַמיט זיין פאַר פאַרהיטן...

— ס׳האָט ע מ ע צ ע ר דאָס צווייטע פענדל מיט זיין פאַר פאַרהיט...
מיט אָט דעם רינגל צו מיין טאַטן גיי, מיין האַנט צו בעטן.
מיין ליבשאַפט אונטער אַש פון יאָרן האָט געגליט, געטליט,
און יעדן כ׳האָב באַשטראָפט, וואָס אויפן אַש געוואָלט האָט טרעטן...

— איז היינט, — עזריאל בעט, און ס׳בעט זיין יובלדיק געזיכט —
באַפריי די יונגעלייט, וואָס שמאַכטן אין די קאַזעמאַטן.
— געליבסטער, מאָרגן פרי געשעעט עס — דו ביסט דאָס געריכט.
איך קוש דיך פאַר דיין פסק, און איבערמאָרגן — גיי צום טאַטן.

9.

באַגינען. ביי דעם תפיסה־טויער שטייט עזריאל. וואַרט.
ס׳גייט אויף די זון. דער מאָרגן אָטעמט אויף. די לופט נעמט ווינטלען.
גבריאל קומט אַרויס. זיין פנים — ווי אַ פלאַנץ איז צאַרט
און בלאַס. די טאָגשיין בלענדט אים, און די ברעמען זיינע פינטלען.

ער זעט אים נישט. — גבריאל! — טוט ער אַ געשריי, פאַלט צו
מיט אַ געכליפּ צו אים, אוןביידע דריקן זיך צום האַרצן.
— עזריאל!.. כ׳האָב אַ וודאי צוגערויבט דיין גאָרע רו...
— אוי, דיר איז ביטערער געווען אין קאַזעמאַט דעם שוואַרצן.

ער פירט אים גלייך אַוועק צו זיך אין דער גן־עדן־באַד
און גיט אים איבער צו דער דינערשאַפט אים אָפּצופרישן.
גבריאל פילט: סע האָט אויף אים געניידערט גאָטס גענאַד,
אַז אַלע מיען זיך זיין פיין פון אים אַראָפּצווווישן...

און אָט־אָ זיצן זיי שוין ביי אַ גלעזל רויטן וויין
און לענען אונטער זיך דאָס האַרץ מיט פּרות און מעדנים...
— ס׳וועט ד יי נ ע די פרינצעסן זיין — אַ שכר דיר פאַר דיין פּיין,
און איך וועל גליקלעך זיין פון צוזעען דיין גליק פון דאַנען.

— דיין קרבן איז צו גרויס, עזריאל. תמיד וועט מיין פרייד
אַ שאָטן נאָכגיין, שעפּטשען: „האָסט דיין בוזעם־פריינד באַגזלט,
דו האָסט..." — אַז וואָס בין איך! דיין שאָטן בלויז... אומזיסט די רייד!
שוין מאָרגן וועסטו מיט דער שענסטער יונגפרוי זיין באַמזלט.

איצט — קום, סע וואַרט אויף דיר אין פּוכיק בעטגעוואַנט דער שלאָף.
מלאָכים זאָלן וועבן דיר אין דיין געמיט חלומות,
און יעדער חלום זאָל פאַרוואַנדלען זיך אין וואָרן שטאָף,
ווי ס׳טרעפט זיך אָפּטער, אַז די ווירקלעכקייט אַ הוילער טרוים איז... —

גערירט זיי האַלדזן זיך אַרום. גבריאל דרימלט איין
און האַרכט: ס׳דערוווייטערט זיך עזריאל אויף די שפּיצן פינגער...
און באַלד — מלאַכימלעך מיט פליגעלעך פון ווייסן לייַן
לעם זיין צוקאָפּנס שטעלן זיך — אַ כאָר פון בלויע זינגער.

און זע! די זינגער — מעוועס, דאָס געזאַנג — דער רויש פון ים.
דער ים זיך שפּרייט פאַר אים אַ שטראַלנדיקער, גאָלד־געשטריפּטער.
פון וואַסער שוימט אַרויף אַ פלאַנץ און שטייגט... אַ בוים? זיין שטאַם?
ניין... יענער פיש! ער שטייט פאַר אים — אַ מענטש, אַ שטאָלץ־
פאַרשטייפּטער.

.10

— ווייל האָסט אַ גוסטדיקן מיך געראַטעוועט פון פלאַם, —
הייבט פלוצעם אָן דער פיש — נו, ממש ווי אַ מענטש — צו ריידן —
האָט דיר אַ פריינד געשיקט, עזריאלן, דער שר־של־ים,
נאָר איצטער קאָנסטו רויק שוין מיט אים זיך שיידן:

עס זיצט פאַר דיר די טאָכטער דעם סולטאַנס, קוק אָן,
ווי שיין זי איז!... זי גרייט זיך אָננעמען דעם „אחד״־גלויבן. —
ער זעט: זי זיצט די טערקישע... שולמית אויף אַ טראָן,
און ס׳קרייזט אַרום איר קרוין אַ קראַנץ פון מעוועס — ווייסע טויבן.

— מיין זון, — זי נעמט אים פאַר אַ האַנט אָן צערטלעך, ווי אַ קינד —
ווי ליכטיק שטראַלן דיינע בליקן דורך די בלאַסע דעקלעך!
איך האָב פאַר צרות אויסגעוויינט די אויגן זיך ביז בלינד,
און אויך דער טאַטע האָט זיך עס צום האַרץ גענומען שרעקלעך.

— כ׳פאַרשטיי נישט, — מורמלט ער אומקלאָר — שולמית, וואָס דו רעדסט.
פאַר וואָס געוויינט? דיין טאַטע וואָס האָט זיך צום האַרץ גענומען?...
— אַך־אַך, מיין פייגעלע, פאַרטריבן פון דער מאַמעס נעסט,
פון הונגער ביסט פאַרחלשט. קאָנסט צום זיבען גאָרנישט קומען. —

נאָר אים אַ גרויסער שאָד איז עפענען די אויגן ברייט:
זי קאָן נאָך פון די ברעמען אים אַרויספאַלן, שולמית...
און גאָר פאַמעלעכן באַנעמט גבריאל און לסוף פאַרשטייט:
איר קול איז וואַרעם, מילד און זיס — אַ ווידערקול דער מאַמעס.

דער פיש נעמט פינטלען מיט אַן אויג און טוט זיך אַ באַוועג.
פאַרשוויגדט. און איבער זיין פאַרהווילעניש — אַ שוים, וואָס פלאַם איז.
זיין כלה ווערט אַ טויב, צעשפרייט די פליגל, פליט אַוועק.
ער שטרעקט איר נאָך די אָרעמס: „שובי, שובי, השולמית!...״

ווי קליין זי ווערט אין הימל דאָרט! אַ פינטעלע און גאָר!
נאָר ס׳טוט זיך אַ צעפלאַקער ווי אַ שרפה... זיינע אויגן
זיך רייסן אויף פאַר שרעק, און ער דערוואַכט, דערזעט די וואָר:
אַ ים־ברעג ערגעץ, טאַטע־מאַמע איבער אים געבויגן.

— קום, זונעלע, אַהיים. שוין שקיעה. ס׳אָטעמט קיל דער ים, —
דער מאַמעס ליפּן מורמלען אים אין אויער, ווי אַ תפילה.
— און דו ביסט מוחל, טאַטע? — פרעגט גבריאל ווי אַ תם,
— צי איך בין מוחל? אַדרבה, זון... איך בעט ביי דיר מחילה.

***

דאָס פישער־הויזגעזינד — ביים נאַכטמאָל, קעגן שיין פון קין;
די קאַרגע שפּייז — אַן אויסגעבאָרגטע ביי אַ גוטן שכן.
— איז הערט זשע, קינדער, — מורמלט ברוך — ווי אַ ייד איך בין:
אַוועק מיין פיש, נאָר נישט אַוועק מיין יידישער בטחון...

וואַרשע, מערץ־אַפּריל, 1949

# א נסיון

ה. לייוויקן
אין טיפער פאַרערונג

1.

דאָס פּנים שרהס וואָס מאַכט אומעטיק?... דער דעמער?
וואָס טונקלט־פעלדלט זיך איר קלאָרער שטערן־רונג?
ווי שרעקעוודיק סע בלאַנדזשען אירע אויגן! — לעמער,
דערשפּירנדיק: די וואָל זיך רייכערט פון אַ פונק.
וואָס לוגט זי אין די ווינקעלעך מיט בליקן — זאָרגן?
ווי גלייך זי שרעקט זיך: האָט זיך ווער דאָרט נישט פאַרבאָרגן?
וואָס זיצט זי דאָ אין צימער איינאַליין,
אַן ליכט, ווי שבת בין־השמשות פאַר הבדלה?

זי וואַרט: ווען קומט דער מאַן, אַברהם, שוין צו גיין,
צו שטילן אין איר האַרץ אַן וויסן די בהלה?
ווען ע ר איז אין דער היים, איז רו ביי איר אין ברוסט.
נאָר בלייבט אַליין זי... ווי סע וואָלט אַ כישוף י ע נ ע ר
איר אָפּגעטאָן... דער שענסטער איז ער צווישן מענער...
און ס׳הייבט איר בלוט אָן איילן מיט אַ טמאר לוסט.

2.

דער יונגער שרה, דער מכשף, איז צעטומלט,
געפינט זיך נישט קיין אָרט. ער איז דער ידישקעס געפאַנג.
סע האָבן אירע בליקן — בליצן, אים אַנומלט
דאָס בלוט צעברויזט אין אַ צעווילדעוועט געזאַנג...
סע זינגט צו איר מיט הייסער גלוסטעניש אָן אויפהער;
זיין גוף — ווי צוגעהעפט צו איר איז מיט אַ שרויף ער,
און זיין געדאַנק — ער ליגט לעם אירע פיס אין שטויב;
און גאָר זיין כישוף: זאָל זי זיך אין אים פאַרליבן
און קומען דאָ אים זוכן... איז אומזיסט! ווי טויב
צום בלוט־אַלאַרעם זיינעם וואָלט איר בלוט פאַרבליבן.
ער ווייסט פאַר וואָס זיין כישוף ווירקט נישט: ווייל פון ווייט...
זי טראָגט אַ שיצנדיקע הייליקע קמיע,
און ס׳האָט די קדושה אויף איר גלוסטיק בלוט די דעה...
ער מוז די טומאה לייגן אין דער קדושהס זייט!

3.

איר מאַן, אַברהם פרנס, גופא שפירט נישט גאָרנישט,
קיין שום פאַרענדערונג אין שרהס גייסט און לייב;
ער ווייסט, אַז סתם אַן אשה חושד זיין — מע טאָר נישט,
בפרט אַן אייגן צניעותדיק און כשר ווייב!
צי האָט געקאָנט ער וויסן, אַז פאַרבליבן אָ ן אים,
אַנטלויפט די פרישע ראָזע פאַרב פון שרהס פנים?
די בליקן־פונקען אירע לעשן זיך אין שרעק?
אַז נישט פון ליבשאַפט בלויז צו אים זיך טוליעט שרה,
ווען דאָס בית־מדרש צי דער מסחר רופט אַוועק,
און זי דערשפירט דעם כישוף פון דעם שיינעם שרה?
ער קושט איר שטערן פרום, ווי תיכף ביי דער טיר
די הייליקע מזוזה, מיט פאַרמאַכטע אויגן;
און איר זיך דאַכט: אַ מלאך איז אַוועקגעפלויגן.
וואָס האָט געוואַכט מיט צאַרטע פליגל איבער איר...

.4

דער פּרנס רב אברהם ווערט געשעצט פֿון מענטשן,
ווײַל כאָטש אַ נגיד, דאָך — אַ יוצא־מן־הכּלל:
זײַן האַרץ און האַנט די ברייטע די קבצנים בענטשן,
דאָס שפּריכוואָרט: „וואָס מער נגיד..." איז אויף אים נישט חל.
נאָך פֿיל געשעצטער ווערט זײַן אשת־חיל, שׂרה,
די שיינע, צניעותדיקע, הארציקע עקרה.
איר צימער־מיידל טריי און ווילדיק איר באַדינט,
און גערן, אויף איר ווונק בלויז, פֿאָלגט איר דער משרת;
מיט שמייכלהאָפֿטן בליק די הערצער זי געווינט,
און יעדער לייגט אַרויס פֿאַר איר זײַן פּעקל צרות.
ס'פֿאַרגעטערט זי דער שוסטער, וואָס באַשוכט די שטוב,
אַזוי דער שנײַדער, וועלכער נייט פֿאַר איר די קליידער;
פֿון אירעט וועגן, ווי געדאַוונט, נייט מיט פֿרייד ער:
גיב, גאָט, אַזוי דאָס גאַנצע לעבן ביזן גרוב...

.5

אַ ווערבע אין אַ שטורעם — שטייט דער שנײַדער... ציטערט...
צי דאַוונט ער אַזוי אין איינע שרעק פֿאַר גאָט?
דעם שׂרהס כמאַרע־בליק מיט בליצן אים באַריטערט,
דעם שׂרהס אויער — טויב, און שטיין — זײַן האַרץ פֿאַר גנאָד.
ער דונערט: — קריץ זיך עס אַריין אין די געהירן!
ביי איין אין קלייד... אויב נישט, דעם קאָפּ וועסטו פֿאַרלירן!
— מײַן קאָפּ? — פֿרעגט שטיל דער שנײַדער — משטיינס געזאָגט זײַן ווערט!
דער פֿישביין איז אוודאי דאָך פֿאַר איר אַ כּישוף...
מעג באַלד זיך אונטער מיר אָן עפֿן טאָן די ערד —
כ'בין גרייט צום קבֿר פֿאַר איר זעלע אָן שום ישוב...
— איז הער... — צעוואָיעט זיך דער שׂרה — זשידעק, הער!
ווילסט שטאַרבן? ביטע! ס'איז ביי דיר אין האַנט די ברירה.
נאָר... נישט אויף ד יי ן קאָפּ בלויז — אויף קהלס הענגט די גזרה;
דאָס גאַנצע שטעטל, הער, וועט ווערן וויסט און לער!...

.6

וואָס ציטערט עס אין שנײַדערס האַנט די נאָדל?... ציטערט,
און מיט אַ טרערן־גלאַנץ פֿאַרצויגן איז זײַן בליק.
צי ווײַל מיט זײַן פֿאַרוועלקטן לײַב די נויט זיך פּיטערט?
ווײַל ס'בענקט זײַן זעל נאָך רו אין גרוב — זײַן צווייטע וויג?

די נאָדל־פאָדעם ציט פּאַמעלעך דורך דעם זייד ער
און טראַכט: „איך בין אַ פּייניקער, און נישט קיין שניידער!
צי דען אין פּיינעם זיידנשטאָף איך שטעך אַריין
די נאָדל?... אין דער איידלער הויט פון דער עקרה...
סע טריפט דאָס זייד... מיט טראָפּנס בלוט, מיט טריפּלעך שיין? —
אַז איך זאָל זיין שוין פאַר איר זעלַע אַ כפּרה!
דער פישביין איז, אוי־ווי! אַריינגענייט אין קלייד,
דער כישוף וועט ווי זשאַר די גלידער אירע ברענען...
ווי פאָרכטיק די עשרת־ימי־תשובה זענען!
מיין אויער האָרכט שוין דעם יום־כיפור ווי ער גייט...”

.7

ס׳טוט שרה אָן דאָס ווייסע קלייד, ווי ס׳איז דער מנהג,
און שטעלט זיך בענטשן ליכט: — אום ערב־יום־הדין
בענטש, גאָט, מיין טראַכט פאַר פרוכט... פון אַלע וועלטן קיניג,
אַ זכות פאַר אונדז, דיין דינסט, מיין מאַן דיין קנעכט, געפין.
צינד אָן אַ ליכט אין פינצטערניש פון דער עקרה
אין זכות פון די אמהות... פון דער מוטער שרה...
איך פיל... באַשיץ מיך, האַר!... סע שפּראָצט אין מיר אַ זינד,
ווי קראָפּעווע צעפּוישט זיך איבער מיינע גלידער;
די בריענדיקע גאַרעניש: אַ קינד!... אַ קינד!..
קומט אויף אין מיר פון חשכות ערגעץ אין דער נידער — — —
מיט אויגן לייכט פאַרזשמורעטע דער מאַן זי האָרכט,
די אָפּשיין פון די ליכט אויף זיינע ברעמען שפּיזלט,
דעם ווייבס געיאָמער אין זיין האַרץ אַריין זיך ריזלט,
און ס׳צאַפּלט אויף זיין זעל פון ליבשאַפט און פון פאָרכט...

.8

ווער רייט גאַלאָפּ אין שטעטל איבער פּוסטע גאַסן,
וואָס שטומען, אָן אַן אָטעם, קעגן גרויס געפאַר?
די קאָפּיטעס, זיי רייסן פונעם באָדן פּאַסן,
און ליכט דורך פענצטער קוקן נאָך פאַרוווּנדערט־שטאַר.
פון הימל בלאַסט אַראָפּ צום רייטער די לבנה —
אין ווייסער טראַכט, אַ הייליקע, באַגערטע נאָנע...
„...און מ יי נ ע פון דער ווייבערשול, — דער רייטער טראַכט —
וועט באַלד אוודאי זיך באַווייזן, שפּרייזן מיר אַנטקעגן!
און ס׳וועט אויף אונדז: אויף מיר און איר, און אויף דער נאַכט

פון הימל טאָן אַ בלענד, אַ פלייץ אַ שטערן־רעגן...
איך וועל זי טאָן אַ כאַפּ, און אויפן פערד אַ זעץ,
און צו מיין פּאַלאַץ דורך די פלייצנדיקע שטערן...
נאָך היינט ביי נאַכט די ווייַסע נאַנע וועט צו מיר געהערן!..."
נאָר די לבנה... ווייזט אַ צונג אים פון אַ לץ — — —

.9

די לופט אין דעם בית־מדרש פון געדיכטקייט שטיקט זיך,
מיט אָטעם דורכגעזאַפּט, מיט שוויס, מיט זיפץ און וויי;
ווער ס'דאַוונט אומבאַוועגלעך, שטיל, און ווער סע וויגט זיך
און פון עקסטאַז אַרויס לאָזט הערן אַ געשריי.
די וואַקסליכט שמעלצן, מיט דער צייט אַלץ קירצער ווערן,
זיי וויינען, און דאָס זאַמד פון אונטן שלינגט די טרערן...
דער שניידער לעם דער הרובע שאָקלט זיך, ווי דול:
— שטיי־ביי איר דעם נסיון, דער עקרה, פאָטער... —
און שרה ראַנגלט זיך פון אויבן אין דער שול
און יאָמערט שטום אַרויס פון זיך וואָס ס'ברענט און בראָט איר...
און — וויי! — צו נעילה טוט עס איר אַ ריס, אַ צי,
זי שלייכט אַרויס פון שול, ווי פאַר אַ שטריק געצויגן,
און שפּרייזט צום שררהס פּאַלאַץ מיט פאַרגלעזטע אויגן...
זי איילט זיך, לויפט, זי פליט מיט ציטער אין די קני.

.10

ביים גאַנעק שטייט דער שררה און דערוואַרט זיין קרבן.
ער טוט אַ כאַפּ זי מיט די הענט, ווי מיט אַ צוואַנג:
— אָט האָב איך, ווייסע נאַנע, ענדלעך דיך דערוואָרבן!
דער יעגער האָט מיט מי פאַרדינט זיך דאָס געפאַנג... —
ער צערט איר קערפּער, ווי אַ חיה, מיט די בליקן
און כאַפּט זיך ס'ווייסע קלייד פון אירע גלידער פליקן.
די נאַנע ווערט זיך נישט, פאַרגליווערט ווי אַ געטש...
נאָר פּלוצעם (...ווייל דער פישביין איז אַרויסגעריסן
צוזאַמען מיט אַ צויט) — זיין פנים גליען פעטש...
ער כאַפּט זיך צום פּיסטויל: — איך וועל דיך, צויג, דערשיסן! —
נאָר זי אַנטלויפט, רינט אויס, ווי אַ געשטאַלט אָן לייב — — —
ווען ס'גייען פון דער שול אַרויס די ערשטע ווייבער,
אַ שוידער לויפט זיי דורך די הייסע מידע לייבער:
פאַרחלשט ליגט דאָ פאַר דער שוועל דעם פּרנס ווייב!!!

וואַרשע, מאַי, 1950

# מסירת־נפש

.1

— גוט שבת! — קומט אַריין רב לוי סופר פון דער קלויז,
פון צוויי מלאָכים אומגעזעען אַ באַגלייטער.
זיין בליק, געפאַלן אויף זיין פלוניתטע, ווערט ברייטער
פון שרעק: איר פּנים, אמת, איז צעבליט און ראָז — אַ רויז,

די אויגן אָבער נעפּלען אומעט: „אַן עקרה..."
זיי שטומען־אויס איר ווייטיק: „אַז סע איז נישטאָ קיין קינד,
דער מענטש איז אויף די ליכט און פרייד פון שבת־קודש בלינד,
און ס'טרייסט נישט זיין געמיט דאָס גבירעשאַפט דאָס גאָרע..."

„...סע זאָל דער שלעכטער מלאך אונדז נישט טאָן קיין שעלט
און אויף דעם גוטן נאָכצוזאָגן „אָמן" צווינגען..." —
רב לוי גרוילט און נעמט זיך „אשת חיל" זינגען...

צי האָבן די מלאָכים נישט אין בעטלערס זיך פאַרשטעלט?!
רב לוי קוקט זיי אָן, צעשפרייט די הענט, מיט חידוש:
— קומט, ליבע געסט, צום טיש, מיר וועלן מאַכן קידוש.

.2

אַ הויכער זקן מיט אַ בלויען בליק און גרייזער באָרד
שיינט מלכותדיק אַרויס פון זיינע בעטלער־בגדים;
ער קוקט באַצערט: רב לויס אשה איז אַ שאָד אים,
און אויף זיין מויל, צו טרייסטן זי, בליט אויף אַ וואָרט.

רב לויס אשה שפּירט דעם מילדן בליק פון אורח,
נאָר ס'זיצט לעם איר די בעטלערקע, די אויגן גרוי און שאַרף,
און, ווי אַ דינסט, באַדינען זי, דערלאַנגען אַלץ מע דאַרף... —
דאָס שטעטל רעדט: „די סופרס זענען רייך ווי קורח,

נאָר פרום און מכניס־אורחדיק, אַ שיינדל פאַר דער שטאָט.
נישט מער, אַ הויז אָן קינדער, נעבעך, איז צו שאַנד און שפּאָט...
אַריבער די חמישים שוין... די כוחות ווערן מינדער..."

רב לוי אויף די בעטשליכט (צוויי בלויז...) קוקט מיט פּיין
און גיסט דעם בעטלער אָן און זיך צו נאָך אַ בעכער וויין:
— איז ווינטשעוועט אונדז, אורח לעבן... ניין... בלויז קינדער...

3.

שוין אָפּגעסעודהט, אָפּגעבענטשט, מע הייבט זיך אויף פון אָרט,
דער זקן טוט אַ מורמל ווייך: — רב לוי, וועגן...
אַ קינד... ס׳באַטרעפט פיל מער ווי אייער גאַנץ פאַרמעגן...
צי זענט איר גרייט אַ בעטלער ווערן פונעם לעצטן סאָרט?

— כ׳בין גרייט! — און איר, רב לוי׳כע, וואָס וועט איר זאָגן? —
די בעטלערקע טוט בייז און שאַרף, מיט קוויטש אַ פרעג — און איר?
— איך גאָר אַ קינד... וואָס טויג מיר וואָס איך האָב אַ מאַן אַ גביר?
כ׳בין גערן שטאָט די שיינע קליידער טראַנטעס טראָגן...

— כי־כי! — די בעטלערקע צעלאַכט זיך — כי!... איז גוט און ווויל!
אין צווייטן חדר קום די לאַכעס אָנטאָן... זיי ניט פויל...
די מאַנצבל ווענלן דאָ זיך מיט די בגדים טוישן — —

מיט לעצטן בליק געזעגנען זיי די בענטשליכט, דאָס פאַרמעג,
רב לוי מיט זיין פלוניתטע, און לאָזן זיך אין וועג.
זיי גייען, האָרכן איין זיך ווי די ביימער רוישן...

4.

די ביימער שעפּטשען קעגן דער לבנהס קילער שיין
אַ הייסע תפילה: „שענק איר מוטערשאַפט, דער אשה,
אָנשטאָט די גוססדיקע קוואַלן שענק איר פרישע,
אין זכות פון איר געשטעלטן שבת־קודשדיקן וויין,

וואָס זי צעשענקט אום פרייטיק צווישן די קבצנים".
נאָר פּלוצעם בלייבט רב לוי שטיין און קוקט זיך שאַרף אַרום:
— קיין טראָט נישט ווייטער, מינדל... שבת... דאָ איז שוין דער תחום.
ס׳איז אונדז אין פעלד צו נעכטיקן באַשערט אַ פּנים.

— אַז ס׳איז פון אייבערשטן באַשערט, — זאָגט מינדל — איז באַווערט.
איז מילא וועט מען שלאָפן אויף דער הוילער האַרטער ערד,
אַבי ס׳זאָל זיין אונדז פאַר אַ קינדעלע צו שטייער...

— ס׳איז גאָט אַ פאָטער! — נעמט דער מאַן זי לייכט און צאַרט אַרום,
און צו אַ טויער אַ צעעפנטן ער פירט זי שטום...
סע נעמט זיי אויף מיט שמעקעדיקן היי אַ שייער.

.5

פאַר טאָג האָט זיך רב לוי אויפגעכאַפּט: סע קרייט דער האָן...
נאָר גלייך געכאַפּט זיך: ניין, דאָס וועקט מען דאָך צו תהילים!
און ס׳נעמט אַדורך אַ הייליק, וווּנדערלעך געפיל אים:
איך הער פון שטעטל אַזש דעם שמש קול! אַ ייד אַ שפּאָן...

ער עפנט אויף די אויגן: פאָטער, גאָט אין הימל!
איך ליג ביי זיך אין חדר? אין מיין אשת־חילס בעט?
ס׳איז מינדל לעבן מיר? און אפשר... אפשר גאָר אַ שד? —
ער רירט זי אָן — ס׳איז ז י, האַלב וואַך און האַלב אין דרימל.

— וואַך, מינדל, אויף. סע איז מיט אונדז אַ גרויסער נס געשען:
ס׳איז נעכטן א ל י ה ו אויף געוויס ביי אונדז געווען!
נאָר ו ו ע ר די בעטלערקע?.. איך וואָלט געזאָגט אַ סברה...

נאָר מינדל, אויפגעוואַכט, רייסט איבער גאָרנישט נישט דערשטוינט:
— צו נסים זענען יידן דאָך פון אייביק אָן געוווינט...
איך וועל אַ קינד געבוירן, ווי די מוטער שרה.

.6

ווי פייגל, פליען יאָרן. שוין פאַרפלויגן אַכצן יאָר.
ס׳טוישט פרילינג ווינטער. ווי דיביימער, וואַקסן מענטשן.
און מיט רב לויס חתן־בחור לייט זיך בענטשן.
סע זינגט פאַר אים דאָס שטעטל לויבגעזאַנגען ווי אַ כאָר:

— זיין שיינקייט, איידלקייט איז גאָרנישט אויסצומאָלן;
„זיין שכל — ווי אַ שאַרף פון חלף, וואָס צעשפּאַלט אַ האָר";
— זיין וויסן — ווי אַ ברונעם אָנגעפילט מיט לויטער וואַר;
„ער שטייגט אויף בערג און נידערט אין די טיפסטע טאָלן"...

— צום שפּיץ פון הייליקן באַרג־סיני וועט ער נאָך דערגיין!... —
ביז ס׳האָט אים פאַר אַ חתן אויסדערוויילט דער רב אַליין
פאַר זיין געבענטשטער בת־יחידה די צדיקת.

סע וואַקסט פון פרייד רב לויס האַרץ, זינגט־מיט די שבחים, און
ס׳ווערט שטאָלץ אַלץ מערער זיין געמיט מיט זיין באַרימטן זון,
וואָס ס׳איז פאַר אים קיין שווערס נישטאָ, אַחוץ די תיק"וס...

.7

ס'איז ערב שבת. שטיל און סודותדיק אין קלויז.
דער חתן דרייט זיך רונד אַרום באַלעמער.
ער זינגט מיט האַרץ, אַז די נשמה גייט אים אויס —
זי ווערט פאַרצערט פון רויטלעך־בלויע פלעמער:

„...אוי, שיר השירים... ס'ציט צו דיר זיך מיין געזאַנג,
ווי פלעמעלעך פון שבת־ליכט, שולמית;
איך בין געגליכן צו אַן עמוד־אש אין גאַנג,
ווייל די נשמה מיינע לויטער פלאַם איז...

דיין פרומע שיינקייט מיינע אויגן בלענדט, פאַרבלענדט,
ווען כ'שטרעק צו אירע שטראַלן אויס די בלאַסע הענט
מיט צאַפּלדיקע פינגער — צען געזאַנגען...

ווי נאָענט ביסט פון מיר! און גלייכצייטיק ווי ווייט!
אַט — ביי דעם הימלראַנד, און אַט־אַ — ביי מיין זייט,
און כ'קאָן נישט, אויסגעבענקטע, דיך דערלאַנגען...״

.8

די כלה שטייט ערשט אין דער ווייבער־שול. זי האָרכט
דעם חתנס שיר־השירימדיקע גראַמען,
און ס'נעמט איר דורך אַ ליבשאַפט, אויסגעמישט מיט פאָרכט...
זי צינדט זיך אָן, און ברענט מיט אים צוזאַמען,

און זינגט אָן ווערטער: „...ווי קרישטאָל ביסט לויטער־ריין,
און כ'קוק דיך אויס מיט ליבשאַפט און מיט מורא.
אין שלאָף, צוקאַפּנס פון מיין בעט, איך זע דיך שטיין,
און אויף מיין פּנים שטראַלט דיין כתר־תורה.

„נאָר עפּן איך די וויעס, ווערט דער חלל שוואַרץ,
אַ פינצטערניש אָן גרונט... און נאָר אין האַרץ
בלייבט ליכטיק, ווי סע וואָלט דערין פאַרבאָרגן

„אַ לויטערן, מיט חסד שטראַליקן בריליאַנט
דיין פלאַטערדיקע, שטראַלנדיקע האַנט,
וואָס טייטלט אויף אַ ליכטיקן פרימאָרגן...״

.9

אין שטעטל שפּילט מוזיק. סע פרייט זיך קינד און קייט.
אין קלויז רב לוי דאַוונט שחרית, אַ געריריטער:
ביי נאַכט הײַנט זיין בן־יחיד צו דער חופה פירט ער.
ער גלעט מיט שטאָלץ די באָרד, וואָס שימערט ווייס, ווי פרייד.

דעם חתנס „שטאַט" איז פריי. ער דאַוונט ביחידות
אין דרהיים, אין ווינקל לעם דער שאַפּע מיט זיין ש"ס.
ער איז באַצייטנס, פאַרן תענית נאָך, שוין בלאַס...
ווי גרויס ער איז אין תורה, איידל אין די מידות!

דאָ קומט אַ בעטלער, זעצט זיך אויפן חתנס אָרט.
רייסט אָפּ זיך פון רב לויס מויל אַ קאָכיק וואָרט:
— ווי האָסטו, שלעפּער, זיך אַזוינס צו טאָן דערוואוויגן?

אַרויס!... — דער בעטלער הייבט זיך אויף און שלייכט אַרויס,
פאַלט צו פאַרשעמט אין דרויסן צו דער וואַנט פון קלויז,
און ס'דרייט זיך אָן אַ טרער אין זיינע מידע אויגן.

.10

סע קייקלט נישט די טרער אַראָפּ זיך פון זיין ברעם,
זי שנירלט זיך אַרויף פון די פאַרגלאָצטע אויגן
און, ווי אַ פונק, צום הימלבלוי אַרויפגעפלויגן,
פאַלט צו צו דעם באַשעפער'ס פיס: „מיין פיין פאַרנעם..."

און ווען רב לוי גייט אַרויס פון קלויז, דערזעט ער:
דער בעטלער שטייט נאָך אַלץ און פאַר בזיון ברענט.
דערמאָנט ער זיך אין עפּעס: „ווײ!... אים שפּעט דערקענט.
ס'איז ע ר דאָך... י ע נ ע ר... אליהו אונדזער רעטער..."

— זיי מוחל... איך בין חייב מיתה דאָך דערפאַר! —
דער בעטלער מורמלט: — אַנגעצייכנט שוין דער גזר.
דיין הײם קוקט אויס דער מלאך מיט די טויזנט אויגן...

הייבט אָן רב לוי שלאָגן זיך על־חטא אין האַרץ...
אַ שוואַרצע כמאַרע. ס'הילט זיך אייך די זון אין שוואַרץ.
בלויז אליהוס בליק נאָך לייכט — אַ רעגנבויגן...

.11

מע פירט דעם חתן צו באַדעקנס. מיט אַ מאָל
דערזעט רב לוי סופר, וואָס סע זעט נישט קיינער:
די בעטלערקע!... אַ גרוי געשפּענסט פון טונקלע ביינער.
„דער טויט דערנענטערט זיך, — ער פליסטערט אָן אַ קול —

נאָר זע... גאָר נישט צו מיר זי שלייכט זיך... צו דעם חתן.
צי אים, מיין גאָדלען, אליהו האָט געמיינט?...
און ס׳ווייסט דערפון דעם פידלס סטרונע, וואָס זי וויינט?
געזינדיקט — איך, און אויפן זון האָט גאָט פאַרדראָסן.״

— דער חתן... — ווערט אַ טומל און מע ברעכט די הענט —
אין חופּה־שטיבל ליגט פאַרחלשט... גליט און ברענט.
זאָגט, יידן, תהילים! ווייבער, שרייט צום רופא־חולים!... —

און דאָרטן שמועסן געמיטלעך, נישט געאיילט
דער חתן מיטן מלאך־טויט, ווי זיך געווײלט, —
וואָלט ווער געהערט דעם שמועס, כאַפּט אַרום אַ גרויל אים:

.12

— נאָך וואָס ביסטו געקומען? וואָס איז דיין באַגער?
„דיין איידלע זעלע מיט דיין גראָבן גוף צעשיידן״.
— צי קומט דען נישט דעם גוף אַ ביסעלע גן־עדן?
ווי האָסטו רעכט דערויף צו זיין דערצו אַ שטער?

„איך בין געשיקט מעניש זיין דורך דיר דיין טאַטן:
ער האָט בפרהסיה היינט אַן אָרעמאַן פאַרשעמט...״
— ווי רב עקיבא, ווען מע האָט זיין לייב געקעמט,
כ׳נעם אָן דעם גזר... סע זאָל מיין פאָטער נאָר נישט שאַטן

— איך בין נישט מסכים! — טוט רב לוי זיך אַ ריס
און פאַלט אַנידער כורעים צו דעם מלאכס פיס...
נאָר ווען דערפילט דעם מלאכס קלעמענדיקע קנאָכן,

סע נעמט אים דורך אַ גרוילעניש, און איינגעבראָכן
ער מורמלט שטיל פאַרשעמט אין זיך אַריין, פאַרשטיקט:
— אַהין גיי, מלאך... וואַהין דו ביסט געשיקט.

.13

— מיין מאַן! — שאַרפט אויס רב לויס ווייב אַ ווילד געשריי —
ווי וועסטו קאָנען לעבן נאָך אַזאַ בזיון?
גיי איך, זיין אַלטע מאַמע, קעגן דעם נסיון.
דערשטיק מיך, מלאך!... כ׳גיי אין דיינע אָרעמס, כ׳גיי...

נאָר ווען דער מלאך טוט אַ קלעם איר דעם גרגרת,
און זיינע אויגן — לעכער שוואַרצע — זי דערבליקט,
זי טוט אַ שטיק זיך: — ווער האָט דיך צו מיר געשיקט?
פאַר וואָס קומט אונדז צו צאָלן פאַרן מאַנס עבירות?...

— מוז שטאַרבן ע ר, דער זון — דער מלאך טוט אַ ברום. —
גייט צו צו אים די כלה, ווייס ווי קאַלך, און שטום
לייגט פאַר איר גוף: — כ׳בין גרייט. איך גאָר צו זיין דער קרבן. —

ער שטיקט — זי שווייגט. ער שטיקט — זי שטומט. אָט באַלד. אָט־אָט...
ווי פּלוצעם שרייט דער מלאך אויס: — אָ, גאָט, מיין גאָט!
אפילו איך... איך קאָן נישט זיין אַזוי פאַרדאָרבן.

.14

סע האָט דער טויט געלעסטערט גאָט. אים קומט אַ פּסק.
נאָר גאָט אין הימל שמייכלט: „מוחל  א י ם  און אַלע
פאַר דער מסירת־נפש פון דער חתן־כלה״.
אַ רויז צעבליט זיך אויף דער כלהס באַק.

און ס׳ווערט אויף ס׳ביי אַ טומל: — לעבעדיק און פריילעך!
שפּילט, קלעזמער, אויף און וועקט צו לעבעדיקע טענץ!
פלעכט, בתולות, זיך צונויף אין לעבעדיקע קרענץ
און טאַנצט אַקעגן חתן דומה צון אַ מלך!...

די חופּה אויפן שולפלאַץ פלאַטערט קעגן ווינט,
מיט שיין פון שטערן און הבדלות זיך פאַרשפּינט,
און ס׳זעט די כלה דורכן שלייער אויף די אויגן:

די שטאַנגען פון דער חופּה האַלטן בעטלערס פיר,
מיט אויגן, ווי די זונען, קוקן זיי אויף איר,
די קעפּ מיט ליבשאַפט און פאַרערלעכונג געבויגן...

וואַרשע, יוני, 1958

# בטחון

.1

וואָס ציטערט דער בעכער ביי פריידען אין האַנט?
די באַקן זיך רויטלען — פון בלוט צי פון שאַנד?
„...ווי זאָל איך פאַרטאַכליעווען „ליאַנעוועס״ כוס?
וו׳ גרויס איז מיין ווייטיק! ווי טיף מיין פאַרדראָס,
וואָס חיים (כאָטש רעכטפאַרטיק תמיד זיין גאַנג)
האָט שלום געמאַכט מיט אַזאַ־אָ געדאַנק:
פאַרקויפן דעם כוס מחמת שענדלעכער נויט...
„אַ מענטש קאָן באַגיין זיך, — ער טענהט — אָן ברויט,
נאָר פראַוועין אַ סדר אָן מצות, אָן ווייַן? —
דאָס הייסט דאָך פאַרוואַנדלען גאָטס יומטוב אין פּיין!״
ניין, כ׳וועל נישט אַרויסגיין, — באַשליסט זי — אין גאַס״.
די רויטקייט פאַרשווונדן, איר פּנים ווערט בלאַס:
— באַשעפער, מיין תפילה האָרך אויס און פאַרנעם:
דיין דינסט פאַר איר מאַן און פאַר לייט נישט פאַרשעם.

.2

— גאָט העלף! — און סע שטייט אויף דער שוועל
אַ פרעמדער. אַ זקן. ס׳איז העל
זיין בליק, ווי זיין רחמימדיק וואָרט.
סע שימערט זיין שנייוויסע באָרד.
— גוט יאָר, — ענטפערט פריידע פאַרשעמט,
און ס׳וואָרט אין איר קעל ווערט צעקלעמט —
מיין מאַן איז געגאַנגען אין קלויז,
און איינע אַליין כ׳בין אין הויז...
אומזיסט אייער שטיין אויף דער שוועל:
איך האָב נישט קיין גראָש ביי דער זעל.
— איך בין נישט קיין בעטלער, כ׳בין רייך.
כ׳וויל זיין אויפן סדר ביי אייך.
כ׳בין אויך אויף דער פרוטה נישט קאַרג.
אָט נאָט אייך אַ רענדל. אין מאַרק
פאַר דעם וועט איר קריגן וואָס נאָר
אַ יידענע חלומט אויף וואָר...
כ׳וועל קומען צום סדר ביי נאַכט.

אַ גוטן... — — די טיר איז פֿאַרמאַכט.
איז ווירקלעך דאָ עמעץ געווען?
האָט בלויז זי אַ חלום געזען?
נאָר ס׳ווינקט צו איר קלאָרן פֿאַרשטאַנד
דאָס גאָלדענע רענדל אין האַנט.

.3

און פֿריידע שפּרייזט אַוועק צום מאַן
מיט פֿרייד אין האַרץ, געזאַנג אין שפּאַן,
צעיובלט און צעבליצט דער בליק,
און אים דערציילט דאָס גאַנצע גליק.
און ביידע — נישט מע גייט, מע לויפֿט,
אין מאַרק, מע דינגט זיך נישט, מע קויפֿט
וואָס נייטיק איז צום סדר, אַלץ:
ווי זונען מצות, אייער, שמאַלץ,
און ווייַן, און עופֿות, שיינע פֿיש, —
ס׳וועט זיין אַ גאָטגעבענטשטער טיש!
פֿון חידוש —ביידנס אויגן גרויס:
דאָס רענדל לאָזט זיך גאַרנישט אויס!

.4

— גוט יומטוב, פֿריידע, מלכּה מיינע!
„גוט יומטוב, חיים, מלך מיין!"
— איך האָב צו דיר אַ שטיקל טענה:
ווי קאָן דיין זקן ערגעץ זיין?

אווו א קלויז, אויף אים געפֿרעגט זיך, —
מע האָט אַזעלכן נישט געזען!
אַ חשד ביי מיר אין האַרצן וועקט זיך:
ס׳איז אַ פֿארבלענדעניש געווען...

„דו האָסט דיין זאָג נישט אָפּגעוויגן.
וואָס הייסט, איך בין געווען פֿאַרבלענדט?
דו האָסט אַליין דאָך קלאָרע אויגן,
באַטאַפּ דאָס אַלץ מיט דיינע הענט.

געוויס, ס'איז אויכעט מיר אַ חידוש,
וואָס ער איז אַלץ נישטאָ..." — ס'ווערט שפּעט.
איז נעם איך, פריידע, מאַכן קידוש...
געננוג שוין וועגן דעם גערעדט. — —

און ס'גייט דער סדר, ווי סע פירט זיך,
געדעמפּט מיט פייערלעכער פרייד.
רב חיים ווי אַ מלך פירט זיך,
ככתוב... ווי אין פּסוק שטייט.

סע פלאַמט זיין מלכותדיקע צורה,
אַזש פריידע ציטערט פאַר זיין הויך...
זי עפנט אויף די טיר... מיט גבורה
און צאָרן שרייט רב חיים: „שפוך...!"

און פריידע זעט: דער ייד!... דער אַלטער
שלייכט שווייגנדיק אַריין אין שטוב...
ביים טיש אַ רגע זיך פאַרהאַלט ער
און טוט פון בעכער וויין אַ זופּ:

— לחיים, פריידע... — און נישטאָ אים!...
איר בלאַנדזשענדיקער בליק בלייבט שטיין
אויף חיימען... „אוי, פּלאַי־פּלאַים, —
— זי טוט אַ שעפּטש צו זיך אַליין —

באַהיט זאָל ווערן ער פון גיהנום
און נישט באַשטראָפט פאַר זיינע זינד...
ער האָט דאָך נישט געהאָרכט און נישט געזען אים,
ווייל... ווער סע זינדיקט, דער איז בלינד".

.5

— — — — — — — — —
— — — — — — — — —
גערודער ביים גן־עדנס טויער
פון ווייסער פרייד מיט שוואַרצן טרויער:
פון אונטן אַ געיאָמער טראָגט זיך,
אַן אשה דאָרטן קלאָגט און פּלאָגט זיך;

און דאָ שוין וואַרט רב חיימס זעלע,
די פרומע, לויטערע און העלע,
און בעט הכנעהדיק באַשיידן,
מע זאָל זי לאָזן אין גן־עדן;
אויף שטערנשטראַלנדיקע וועגן
צדיקים גייען איר אַנטקעגן;
מלאָכים אויף צעשוועבטע פליגל
זיך דרייען אַרום איר אַן עיגול;
נאָר ביי דעם טויער אליהו
צעבייזערט זיך: — ער איז נישט ראוי! —
און ס'ווערט אַ טומל: „הייתכן?!..."
— סע האָט אים אויסגעפעלט בטחון, —
זאָגט צאָרנדיק דער מילדער זקן,
(רב חיימס זעלע קוקט דערשראָקן) —
כאָטש פרום איז ער געווען, דאָס ווייס איך.
געדענקט ער י ע נ ע ם ערב פסח?...
„כ'דערמאָן זיך, ליבער גרויסער זיידע...
בטחון האָט געהאַט מיין פריידע". —
רב חיימס זעלע ווערט אַנטשוויגן
און בלייבט אין שטויב פון שטערן ליגן.
און שטיל ווערט אַלץ אַרום, פאַרטראַכט זיך.
דער טויער מיט אַ קרעכץ פאַרמאַכט זיך.

.6

— — — — — — — —
— — — — — — — —

נאָר ס'בענקט צו חיימס זעלע פריידע,
און... אָט־אָ זענען זיי דאָ ביידע.
פאַר איר — דער טויער אַ צעפראַלטער,
און אליהו, אַ צעשטראַלטער,
פאַרבעט זי: — קום, איך וועל דיך פירן,
דיין שליסל זיין צו אַלע טירן;
בת־טובים וואַרט אויף דיר און אַלע,
ווי אויף אַ גאָטגעבענטשטער כלה... —
און ס'ענטפערט פריידע אים באַשיידן:
„און א י ם וואָס טויג מיר דער גן־עדן?!
איך וויל נישט גיין, און דאָ — אין צווייען

מיר טײלן זיך מיט פרײד־און־װײען...
און זײ, מײן חײם, נישט געבראָכן,
װי איך, פאַרליר נישט דעם בטחון
אין גאָרן חסד אליהוס,
דעם טרײען קנעכט פון גאָט צבאות..."
— אָך, ליבע טאָכטער, — אליהו
זאָגט שמײכלענדיק — ביסט ראױ, ראױ...
דער חתן װערט אַצינד נתעלה
דורך דעם בטחון פון זײן כלה.
ס'איז דײן נצחון, פרומע פרײדע,
איז קומט זשע אין גן־עדן בײדע.

פאַראַנין, אױגוסט, 1958

## דעם האַלצהעקערס װאָר און חלום

### דער בױם

װאָס שטײט אַזױ דער האַלצהעקער פאַרקלערט?
צי דען איז דאָס בײ אים דער ערשטער בױם?
די בלעטלעך רױשן — דוכט זיך אים: ער הערט
װי ס'װאָלט דער בױם געװעקט זיך פון אַ טרױם.

דער בױם איז יונג און פריש, און פול געלעכץ,
זײן יעדעס בלעטל צו דער זון זיך ציט.
צי דוכט זיך עס אים אױס?... ער הערט אַ קרעכץ,
װי פון אַ צאַרטן נפש, גאָט באַהיט!

געװײנלעך קרעכצט אַ בױם בעת ער פאַלט,
נאָר טעמפּ און האַלצעריק איז זײן געשרײ,
און ד ע ר — אָט װי ער שטײט זיך גרין צעשטראַלט —
צי קרעכצט ער נישט: „אױ־װײ צו מיר! אױ־װײ!?..."

װי נאָר סע בליצט אַקעגן אים די שאַרף, —
דער בױם צעקרעכצט זיך, צי זײן אײגן האַרץ?
װי ס'װאָלטן זיך די צװײגן טאָן אַ װאָרף,
די גרינע בלעטלעך װערן טונקל, שװאַרץ...

סע טוט לסוף אַ זעץ די האַק. ווי ס'וואַלט
אין שלאַנקן שטאַם אַריינגעבלענדט אַ בליץ...
דעם קרעכץ פון בוים די ווייטקייט ווידערקולט,
און ס'טוט פון אים אַ שנירל בלוט אַ שפּריץ...

## דער שפּיגל

פון שרעק געטריבן, לויפט דער האָלצהעקער, ווי בלינד:
וואָס שנעלער, שנעלער שוין צו זיין ביי זיך אין שטוב,
ער וועט זיך אפשר דאָרט פאַרשפּילן מיטן קינד...
און פלוצעם — פאַל! ער הויערט אין אַ טיפער גרוב.

וואָס שימערט דאָ? אַ שפּיגל ליגט דאַלעבן אויפן דנאָ.
ער שטעלט זיך, איבער אים געבויגן, אויף די קני:
אַ וועלט מיט פליגן אינעם שפּיגל... פליגן?... יאָ,
נאָר איינע צווישן זיי — ווי גאָלד פון זונענגלי.

פאַרשטייט ער נישט: וואָס הייסט? און וואָס איז דער באַשייד?
ער קוקט אַרום זיך אין דער פינצטערניש פאַרווירט.
און דאָ דערזעט ער: קעגן אים אַ זקן שטייט;
זיין באָרד — ווי שניי, וואָס ס'האָט קיין שטויב נאָך נישט באַרירט;

די אויגן קוקן אָן אים מילד און הימל־בלוי,
די ליפּן מורמלען מיט גענאָד און שטילן צער:
— די פליגן מיינען — מענטשן... מענטשעלעך... אַזוי...
און דו ביסט יענע פליג... די ליכטיקע... דערפאַר

ווייל דו האָסט מיטגעפילט דעם ווייז פון יונגן בוים
און אויך דערבליקט דאָס בלוט, וואָס פליסט אין אים געהיים — —
און דאָ פאַרשווינדט דער זקן, ווי אַ נעפּל־טרוים,
און ער, דער האָלצהעקער... ער ליגט ביי זיך אין דרהיים.

## די וואַנט

ס'איז קיינער דאָ נישטאָ. סע גליווערט אַלץ. קיין ריר.
נאָר ווידער העלט דעם זקנס שטים מיט זיסער שיין:
— ביי דיר אין וואַנט, אין וועלכער ס'איז פאַראַן די טיר,
פאַרבאָרגן ליגט דער ע נ ד פון מענטשנס לייד־און־פּיין. —

סע טוט דער האַלצהעקער אַ לאָז זיך צו דער וואַנט:
דעם ע נ ד דערוווּרבן זיך, און זיין זאָל גוט — אַן עק!
נאָר ז י רוקט אָפּ זיך פון זיין אויסגעשטרעקטער האַנט
אַלץ ווייטער... ווייטער... און סע שוידערט אים פון שרעק:

כ'וועל קיין מאָל נישט דערגרייכן זי!... און פרעג, צו וואָס
איר נאָכגיין, ווי אַ קאַלב צו שחיטה אויפן שטריק?
און... באָרוועס — מיינע פיס, דער וועג — פון שפּליטערס גלאָז,
וועט אויך נישט לייכטער זיין זיך אומקערן צוריק...

און ווידער טוט דעם זקנס שטים מיט טרייסט אַ קלונג:
— כל־זמן דו גרייכסט נישט צו דער וואַנט, בין איך מיט דיר —
דער אַלטער אליהו, וואָס איז אייביק יונג —
און ווי אַ טרייער טאַטע פאַר דער האַנט דיך פיר.

ס'וועט גאָט, ווי דו דעם בוימס, פאַרנעמען דיין געשריי,
ער וועט באַווייליקן דעם קרבן פון דיין בלוט.
דו וועסט די וואַנט דערגרייכן, זיכער זיי און גיי!
ס'וועט ווערן גוט דער מענטש, און ווערן וועט אים גוט.

פּאַראַנין, אויגוסט, 1958

## דער בעל־תשובה

„...בעולם הזה מי שהוא כלב יכול לעשות ארי..." —
אויף דער וועלט, ווער ס'איז אַ הונט, קאָן פאַר־
וואַנדלט ווערן אין אַ לייב...

.1

אום פרייטיק, פאַרנאַכט־צו, ווער גייט דאָרט צום ישוב געאיילט?
ס'איז וואָלף שניידערוק, דער טרייפניאַק, וואָס דעם פריץ פאַרווײַלט
מיט שפּאַס און לצנות פון יידישע דינים, מנהגים.
ווי נאָר זיך דער זונטיק דערנעענטערט, טוט עס אַ טראָג אים
צו כאַפּן פון פריצישן טיש, אויב מ'עט וואַרפן, אַ ביין
און זעען ווי לוסטיק דער פריץ וועט שטשערען די ציין
אַקעגן די נאַדלען, וואָס פאַלן מיט פרייד פון דעם מויל אים,

ווי ס׳וואָלט אים נישט גאָרנישט, דעם זשידליאַק, געפעלט, און ס׳איז וויל אים.
און אָט שוין דער ישוב. די סטאַדע קערט אום זיך פון פעלד.
אַ נעפל פון שטויב, פון דער שקיעה צעראָזיקט־צעהעלט.
און הינטער דעם נעפל — דריי יידן באַגלייטן אַ וואָגן.
אין מיטן — אַ ייד מיט אַ שטריימל; ער שפּרייזלט צעטראָגן;
סע שימערט זיין באָרד מיט די פאות, בשפע צעשפּראָצט;
די אויגן פון אונטערן שטריימל — צום הימל פאַרגלאָצט...
„אַזוי ווי אַ בלינדער. כאַטש נעם פאַר דער האַנט אים און פיר אים, —
טראַכט וואָלף מיט געשפּעט — און וואָס פרעפּלט ער דאָרט? שיר השירים?
סע האָט אים, דעם צאַפּיק, דער שבת אין וואָגל געפּאַקט,
ווי זאָגט מען — דעם טויער פון שטאָט פאַרן חוטם פאַרהאַקט,
וועט מוזן ער פּראָוועת די טישן אין דאָרף ביי דעם יידן...
צי וועט אויך אַ פערטן נישט שטעלן דער דאָרפס־ייד צופרידן?
כ׳וועל פרעסן און זשליאָקען און... וואָס נאָר כ׳וועל האָבן געזען,
כ׳וועל זונטיק דערציילן דעם פּריץ צום לאַכן פאַר צען..."
און גלייך מיט די יידן ער קומט צו דער קרעטשמע צו שלייכן.
דער קרעטשמער, דערזען אים, אים גלוסט זיך מיט יאַשטשערקעס קייכן:
ררראַב וואָלף דער טרייפניאַק אין געשטאַלט פון אַ חסיד!.. נאָר וואָס?
פּרווו גיב אים דעם דרך!..׳ דער פּריץ איז דאָ באַלעבאָס...
און זאָל אויך דער זכות פונעם צדיק אים ביישטיין, דעם רשע.
ס׳וועט גאָט מיר פאַרגעלטן. ער איז אַ בטוח, נישקשה.
האָט שוין מיר באַצאָלט מיטן הייליקן גאַסט אומגעריכט...
— העי, בנים, געאיילטער!... און דו, אסתר רייזיע, בענטש ליכט.

2.

ווי ליכטיק סע איז היינט ביים קרעטשמער אין כאַטע!
צי בלויז פון די שבת־ליכט שפּרייט זיך די שיין?
„...וואָס שיינט אַזוי פריילעך די מאַמע? דער טאַטע —
צי האָט אים פאַרשיכורט דער ראָזשינקע־וויין?"

סע קנאַקן די בנים די עברי היינט בעסער,
ווי קעלבער, פאַרקוקט אויפן הייליקן גאַסט;
די קרעטשמערין יובלט, איר פרייד וואַקסט אַלץ גרעסער,
ווי היינט וואָלט דעם בכור זי למזל פאַרקנסט.

נאָר איינער — וואָלף שניידער זיצט וואַכעדיק־קויטיק
אַקעגן דעם צדיק, פאַרטעמפּט דער געדאַנק;
ער פּילט זיך, אַזוי ווי אַ חזיר, גראָבהויטיק
און שטיקט זיך אין אייגענעם שאַרפן געשטאַנק...

סע האָט אים דער צדיק ביים מאַכן דעם קידוש
פאַרוואָרפן אַ שטראַל אין די שליפעס — זיין בליק;
סע מונטערט דער שטראַל אים פּראָסט־פּשוט אויף יידיש:
„טרייפניאַק, האָב חרטה!... פאַרנעם זיך צוריק!"

דער צדיק זינגט זמירות... ער זינגט זיך און זינגט זיך
און ווענדט אויף קיין רגע דעם בליק נישט אַוועק;
דער בליק ווי אַ שטראַל אין זיין אומריינקייט טרינקט זיך,
נאָר ווערט נישט אין גאַנצן פאַרזונקען, פאַרדעקט...

סע דאַכט זיך אים, וואָלפן: אָט נעמט עס אים שמיצן,
אָט ווערט ער דאָ תיכף אויף קליעפּקעס צעשיט!..
און אָט־אָ דערפילט ער: נאָך דונערן־בליצן
אַ הימל זיך תכלתט ביי אים אין געמיט...

דער בליק פונעם צדיק צום שלאָפן באַגלייט אים,
פאַרשטעקט ווי אַ נאָדל... סע שטיקט אים אין קעל...
ער וויינט און שלאָפט איין, און די נאָדל פאַרנייט אים
מיט פאָדעם פון תכלת אַ ריס אין דער זעל...

3.

אַזויפילע ליכט אין דער קרעטשמע! פון וואַנען?
צעשפּאַרט עס די זון דורך דער סטעליע די ווענט?
נעם שעפּ עס, דאָס זונליכט, מיט טויזנטער קאַנען —
סע וועלן נישט קלעקן קיין מענטשלעכע הענט!

די זון הענגט אין הימל... דאָס שטראַלט אַזוי וואַרעם
די מראה פון צדיק, דאָס וואָרט פון זיין מויל.
נאָר וואָלפן — „דערבאַרעם זיך, צדיק, דערבאַרעם!" —
סע בריט יעדעס וואָרט, ווי אַ גלייקע קויל.

ס׳פּאַרשיט אים דעם פּרצוף די הייליקע תורה
מיט פונקען, וואָס שרפען די שליפיעס ביז בלינד:
— אַ לץ... וואָס שפּאָט אָפּ פון זיין פאָלק, — אַ מצורע
איז ריין קעגן אים, ווי אַ תמימותדיק קינד... — —

סע שפּריצן וואָלפּס אויגן מיט טרערן אין שיסל,
ווי וואַקסענע ליכט אום יום־כּיפּור אין שול,
און ס׳דאַכט זיך אים דעמלט: ס׳ווערט ריינער אַ ביסל
ביי אים אין געמיט, וואָס מיט שרצים איז פול.

און אויך ווען די זון לאָזט אַראָפּ זיך פון הימל,
ביים טיש איז אַלץ ליכטיק, און וואָלף שניידערוק
דערשפּירט: זיין נשמה, פאַרקרעציקט מיט שימל,
קריכט צו צו דעם צדיק און טוט זיך אַ בוק:

„איך בין אַ פאַרשפּילטע אויף אייביק, אַ טרייפע,
און שווידער אין גאַנצן פון עקל און גרויל.
איך ווייס: כ׳האָב פאַרדינט זיך אויף סקילה און שרפה, —
פאַרברען מיך צו אַש מיטן פלאַם פון דיין מויל!"

— דו ביסט שוין צום שפּיץ פון חרטה דערגאַנגען, —
אים ענטפערט דער צדיק מיט שטראַליקן בליק —
דו דאַרפסט נאָך די הייכן פון תשובה דערלאַנגען,
און ס׳טווערן אַ ייד צווישן יידן צוריק.

.4

ווי נאָר סע לעשט זיך דעם צדיקס הבדלה
אין ווייַן אויפן טיש מיט אַ זיפּצל און ריס,
שפּאַנט וואָלף פון דער קרעטשמע אין גרויסער בהלה, —
סע טראָגן אים האַסטיק דאָס האַרץ און די פיס.

צום פּריץ? ער ליגט שוין נישט מער אים אין זינען;
כאָטש הונגעריק, טראַכט ער נישט מער וועגן פּרעס:
צו יידישקייט גייט ער, ער וועט עס געפינען —
סע האָט אים דער צדיק דערלאַנגט דעם אַדרעס.

ס׳באַלייכט די לבנה דעם וועג, ווי אַ נס, אים —
דער קאָפּ פון דעם צדיק דורך וואָלקנס דאָרט שוועבט;
דער הייליקער צדיק באַטראַכט, ווי אַ מת, אים,
וואָס חצות־צייט פון גרוב זיך אין שטאָט אַריין שלעפּט...

סע רוישן די בלעטלעך פון ביימער — די ליפּן
דעם צדיקס: „טו תשובה... טו תשובה...״ אַ ווינט
יאָגט אָן אים, אַ שוידער נעמט דורך זיינע ריפּן,
די הויט די פאַרשוויצטע פון לייב זיינעם שינדט.

און אָט־אָ פאַרשווינדט די לבנה אין כמאַרעס,
אין שלייערס פון שאָטנס די וועלט זיך פאַרהילט...
בלויז אָנקוקן זי, די אלמנה, אַ צער איז, —
נאָר האָט זי איר ליכט דען אויף אייביק פאַרשפּילט?

ס׳איז ערגעץ מבשר אַ האָן דעם באַגינען,
וואָס קומט באַלד צו שפּרייזן מיט זונשיין געקרוינט...
— אויך דיך, — קרייט דער האָן, — וועט דאָס זונליכט געפינען:
חרטה און תשובה ווערט תמיד באַלוינט. —

אין גייסט אַ געשטאַרקטער, אין שטאָט שפּאַנט אַריין ער,
נאָר גייט נישט צום ווייב — ס׳איז נאָך איצט נישט די צייט:
זאָל פריער אַ ייִד, ווי סע דאַרף צו זיין, זיין ער,
און צווישן דעם עמך — אַ שניידער אַ לייט.

5.

אין קלויז איז נאָך קיינער נישטאָ. בלויז דער שמש,
און וואָלף שניידערוק, און אַ ראָזלעכער שטראַל,
וואָס איז ווי אַן איידעלער פינגער מרמז:
אויף מזרח פראַלט אויף שוין דער זוניקער קוואַל.

נאָר דאָ איז נאָך טונקל. תחנונימדיק בעט זיך
וואָלף שניידער: — וואָס טרייבט איר מיך? לאָזט מיך דאָ זיין.
כ׳טו תשובה... — דער שמש דאָס בערדעלע גלעט זיך:
„אַזוי גאָר?.. איז גאָר עפּעס אַנדערש... גאָר פיין...

נאָר ווער וועט דיר גלייבן ?..." „דעם פּריצס פאַרשטעלער...
ער דאַוונט, און טראַכט פון אַ פּרעס און אַ זויף..."
— איז דאָ דאָך אַן עצה: פאַרשליסט מיך אין קעלער,
וואָס אונטער דער בימה... ביי נאַכט שליסט מיך אויף...

„געמאַכט. — גיט דער שמש אים טלית און תפילין —
דאָ האָסטו אַ סידור און וואַקסענע ליכט,
און גאָט זאָל דיין תשובה־בקשה דערפילן".
אַז ווער וואָלט אויף אים זיך אַזעלעכס געריכט!

ער לאָזט אים אַראָפּ, און דער קעלער פאַרמאַכט זיך.
„...איך בין איצט מיט גאָט דעם באַשעפער אַליין!...
איז וואָס, אויב דער פּריץ אין פּאַלאַץ צעלאַכט זיך
און שטשערעט בייַנאַנד מיט זיין כלב די ציין ?...

„כ'וועל וואַכן, חדשים, דאָס האַרץ זיך צעברעכן,
כ'וועל פאַסטן, חוץ שבת, מעת־לעת נאָך מעת־לעת,
ביז גאָט וועט מיר געבן פון האַרצן אַ צייכן:
„געענוג שוין". באַשער מיר, באַשעפער, דעם נס".

די טעג רינען אויס אים אין סידור, אין תהילים —
די נעכט, ווען ער רייסט פון די וויעס דעם שלאָף;
די שאָטנס אין קעלער באַוווּנדערן שטיל אים:
צי איז ער נישט איינער פון די ל"ו ?!...

.6

וואָס ווייטער — די פּיין פונעם פאַסטן אַלץ גרינגער;
נאָר שפּירסט: ווי דאָס לעבן רינט אויס דורך דער הויט,
ווי ס'פרירן און שטאַרן די קנאַכיקע פינגער,
און ס'גנבעט זיך אונטער צום האַרצן דער טויט...

און אָט איז שוין פרייטיק פאַר אָוונט... סע צינדט זיך
זיין זעל ווי אַ בענטשליכט, דער לייכטער — זיין גוף;
געלייטערט און לייכט, ער דערשפירט ווי אַ קינד זיך
און וואַרט צו דערהערן פון האַרצן גאָטס רוף...

די שטאָט, אַ צעבענטשטע, ער זעט דורכן קעלער,
אין טרערן דאָס ווייב צינדט די בענטשליכט אין שטוב;
זיי לייכטן מיט שיין מרה־שחורהדיק געלער,
אַזוי ווי דאָס ליכטל פון וואַקס דאָ אין גרוב.

דו הערסט? ס׳איז דער עולם מתפלל פון אויבן
און שבת־המלכה מקבל מיט פרייד, —
נעמט דורך אים אַ ציטער פון האָפנונג און גלויבן,
און זייער געזאַנג מיט געשעפּטש ער באַגלייט.

— גוט שבת!... גוט שבת!... — דער עולם צעגייט זיך.
„...דער שמש וועט אויפשליסן באַלד... איכל גיין...
אַהיים... מאַכן קידוש פאַר שרהן, — ער פרייט זיך —
נאַר הער!... סע איז שטיל שוין?... ס׳איז נישט צו פאַרשטיין!

„דער שמש... אויך ער?... און פאַרקלאַפּט איז... מיין קבר!
און ס׳גייען די כוחות מיר אויס... שוין די רעשט...
אַז קוים וואָס סע רירט זיך... אין מיר... נאָך אַן אבר...
איך צאַנק... ווי דאָס ליכט... און דאָס ליכט... זיך פאַרלעשט..

„ס׳איז פינצטער... כ׳בין מוחל... זיי מוחל אויך דו אים...
דעם שמש... ער פראָוועט זיין טיש איצט... באַרוט...
אַ מענטש קאָן פאַרגעסן... לאָז, הימל, צו רו אים...
און נעם נישט נקמה... פון אים... פאַר מיין בלוט...״

7.

און פּלוצעם: צוויי פלעמלעך... דעם צדיקס פאַר אויגן
באַטראַכטן און גלעטן אים פאָטעריש ווייך:
— דיין גבורה ז׳ צום כסא־הכבוד דערפלויגן, —
„כ׳פאַרגיב!״ — קלינגט דיין האַרץ, ווי אַ גלאָק פון דער הייך...

„פאַר וואָס האָסטו, צדיק, געמאַכט מיר דערשפּירן,
אַז כ׳זינק אין אַ שמוציקן זומפּ, ווי אַ שווין?
אָן דיר וואָלט איך קיין מאָל פון אים זיך נישט רירן:
זיין גיפטיק געטראַנק האָט געשמעקט מיר, ווי ווין״.

— מיין זון, ווייל צום זומפּ האָט דער דלות געפירט דיך,
דיין דורשט נאָך געניוס, און נאָך שפּאַס, און נאָך פרייד;
דעריבער — ווי נאָר ס׳האָט מיין בליק־שטראַל באַרירט דיך,
האָסט גלייך מיט דעם זומפּ זיך מיט עקל צעשיידט.

„איז קאָן איך שוין לויטער אָוועקגיין פון לעבן
און קומען  א ה י נ צ ו  מיט אַלעמען גלייך?"
— פאַר וואָס זשע אַוועקגיין, אויב ס׳איז דיר פאַרגעבן?
אַהיים גיי... נאָר וויטער — פון אומריינקייט וויייך!

„איז ווי זשע?... ביים שמש אין שאַרבן איז תּמוז...
אַוועק מיטן שליסל... און וואָס קאָן איך טאָן?"
— כ׳בין איצטער אויך דאָרטן... איך וועק אים, דעם שמש,
אין חלום, ווי דיך, און... ער טוט זיך שוין אָן... — —

געדויערט נישט לאַנג, און אין קלויז — אַ גערודער...
דאָס קול פונעם שמש: — געשען מיר אַ נס!...
זייט מוחל, רב וואָלף, ווי אַן אייגענעם ברודער,
איר זענט מיר פון זינען אַרויס, ווי אַ מת...

נאָר ס׳האָט מיך אין חלום אַ זקן באַגאַסן
מיט ליכט און מיט מוסר: „וואָס טייטש? און וואָס הייסט?
ווי האַלט מען אַ יידן אום שבת פאַרשלאָסן?!
לויף שנעל מיטן שליסל... אַז כ׳שיק דיך, ער ווייסט..."

— — — — — — — — — —

און זונטיק, ווען ס׳קומט אַ שטאַפּעט פונעם פריץ צו וואָלפן,
האָט ער מיטן ווייב שוין געעוקרט... זיי זענען געהאָלפן!

וואַרשע, אויגוסט, 1958

# רב שמעון און זיין זון אלחנן

יידישע בלומען אויפן פרישן קבר
פון אפרים קאַגאַנאָווסקי

## אין רוים

וואָס דריקט אויפן קאָפּ פון דעם הייליקן פּאָטער אַזוי די טיאַרע ?
וואָס זוכט זיין צעוויטיקטער בליק אין דער וועלבונג ? — צום הימל אַ שפּאַרע,
און דאָרטן — אַ דורכלויכט צום פּאָטער, צום זון און דער בתולה דער מוטער,
זיי זאָלן אים געבן באַשייד אויף דער שאלה... ווער פרעגט ? דער נישטגוטער ?..
ער קומט ערשט פון טבילה. ער האָט דאָרט צום וויפלטן מאָל שוין פאַרחידושט
באַטראַכט אין דעם וואַסער די גלידער : ער איז, ווי גאָטס זון, דאָך געיידישט !
צו וואָס האָט דער הימל דערמיט אים געצייכנט ? און וואָס גע‏מיינט זאָגן ?
ער זאָל אויף די אומרייניע יידן, פאַרפלוכטע קיין שנאה נישט טראָגן ?
און וואָס האָבן פּאָטער־און־מוטער געטראַכט, ווען סע האָט זיך אַנטפּלעקט זיי
דער יידישער צייכן ביים קינד אויפן לייב ? אַז ער שענדט און באַפלעקט זיי ?
צי איבערגעקוקט זיך אָן וואָרט און אָן אָטעם, געפּלעפט פון דעם פּלא :
זאָגט עדות דער צייכן אין לייב אויף אַ פּגם אויך אין עופּעלעס זעלע ?...
זיין פּאָטער־און־מוטער ווער זענען געוועזן ? ער זעט זיי ווי... פלעקן
פון בלאַסע פיגורן אין פינצטערן עבר... סע הייבט אים אָן שרעקן...
שטרעקט אויס ער די אָרעמס צום הימל, גאָטס מוטער זאָל נעמען אין שוץ אים :
די פראַגן, זיי קומען אוודאי פון שטן !.. ער רייצט אים... און פּלוצעם —
ווי ס'וואָלט דורך דער וועלבונג די זון זיך צעגאָסן, פאַרבלענדט אים די אויגן...
ער ליגט אויף איר שטראָם, און סע טראָגט אים צום עבר, ווי פייל אויסן בויגן — —

## אויף די ברעגן פון דעם ריין

ס'איז שבת. פון זונגאָלד און שלוות געוועבט איז די לופט אין דעם צימער ;
סע שמייכלט פון טיש דער שבתניק מיט זילבערנעם קילבולעכן שימער,
ווייל אויסגעברענט האָבן די קנייטלעך אזש ביז צו דעם דנאָ פון די רערלעך...
ביים ליכטבענטשן נעכטן — ווי שיין דער שבתניק ! די מוטער ווי הערלעך !
אַצינד לוגט פאַרהוילן די וואָך פון דער שוואַרצקייט פון זייערע לעכער...
נאָר וואָס ! אַז דער שבת פאַרשפּרייט, ווי אַ טישטעך, אפילו די דעכער,
וואָס קוקן אַריין דורכן אָפענעם פענצטער. און אונטן דאָרט פליסט זיך
דער טייך, און דאָס פליסיקע גאָלד פון דער זון אויף זיין שפּיגל צעגיסט זיך...
„...דער רב און די רביצן זענען געגאַנגען אין שול... הער, אַ צרה !
אַ בערעלע קלאַפּט אין דער טיר... — און זי שמייכלט, די אַלטינקע שרה —

די קינדערלעך לאַכן: וואָס האָבן זיי מורא? די טיר איז געשלאָסן;
איז קלאַפּט ער און קלאַפּט ער, דער בער, ביז סע האָט ביזן ביין אים פאַרדראָסן,
און — זעץ אין דער טיר מיטן תחתון" — גוטשבת! — באַגריסט זיי די אַלטע
שאַרלאָטע, די שבת־ערלית, מיט אויגן העלבלויע און קאַלטע... —
— "גוטשבת דיר, חנאלע, — חזרט זי איבער און גלעט אים דאָס קעפּל —
איך האָב דיר געבראַכט אַ מתנה... אָט האָסטו אַ בשרן עפּל
מיט רויטינקע בעקעלעך שיינע... אַזעלכע זאָל האָבן דיין כלה...
דערפאַר וועט מיר געבן דיין שרה, זאָל לעבן, אַ גרויסע שטיק חלה,
באַגאָסן מיט בראַנטווייין, באַשאָטן מיט מעלצוקער וויסינקן, ריינעם...
"נו, רעד נישט אַזויפיל, שאַרלאָטע, — זאָגט שרה, — צעלאָזט מיר דעם קליינעם...
נעם גיכער אַראָפּ דעם שבתניק. אָט גיי איך אין קיך. כ'וועל דיר געבן
אַ קעלישאָק בראַנטווייין... וועסט טרינקען "לחיים" — פאַר חנאלעס לעבן,
ווייל קראַנק איז מיר נעבעך דאָס קינד, ס'אָל מיר זיין פאַר זיין יעדינקן אבר.
איז ער דאָך מיין איינציקער נחת, מיין טרייסט, וואָס באַגלייט מיך צום קבר..."
און ווי סע גייט שרה ארויס נאָר — שאַרלאָטע, ווי גאַרנישט נישט אויסן,
אים נעמט אויף די אָרעמס... אַ גיי צו דעם פּענצטער... אַ וואָרף אים אין דרויסן...
ס'כאַפּט אויף אים אַ שוואַרצער מאַנאַך, ווי אַ שטורקאַץ, מיט ווילדער בהלה,
פאַרקלעמט מיט אַ לאַפּע דאָס מויל אים און וויקלט אים איין אין זיין פאַלע...
ס'ווערט שטיקנדיק־פינצטער... ער טראָגט אים מיט אימפּעט אַזוי ווי אַ שפּענדל...
אַ שפּרונג און... די פאַלע צעפאַלט זיך... דער טייך און די זונשיין פאַרבלענדן...
אַקעגן דער זון פליסט דער טייך, ווי אַ זילבער־צעשמאָלצענער שפּיגל.
און ס'טראָגט זיי אַ שיפל — אַ פויגל, מיט וויאָסלעס — צעפאַכטעטע פליגל — —

## ווידער אין רוים

דער הייליקער פאָטער צעעפנט די אויגן און קוקט זיך אַרום אויף די ווענט:
"איך שטאַם פון די יידן?! פאַרשאָלטן! פאַרשאָלטן! — אַ צאָרן אין אים זיך
צעברענט —
צי איז דאָס געווען בלויז אַ זעונג אַ פאַלשע? דער שטן מיט מיר האָט געשפּאַסט?
וואָלט יידיש בלוט פליסן ביי מיר אין די אָדערן, וואָלט איך אַזוי זיי געהאַסט?
און אפשר... האָט יעזוס באַוויליקט, מיין זעל צו אַנטפּלעקן די שרעקלעכע וואָר,
צעוויקלט פאַר איר מיין זכרון־מגילה, וווּ אַלץ איז פאַרשריבן אויף קלאָר?
און וואָס איז זיין געטלעכער מיין? איך זאָל מער זיי נישט האסן? ווייל כ'בין
דאָך אַ ייד,
ווי ע ר איז געווען... צי פאַרקערט, אַז מיין האָס צו די מערדער — נאָך
ווייניק צעגליט?
זיי האָבן געקרייציקט אַן אייגענעם ברודער, פאַרפּייניקט דאָס האַרץ פון דער וועלט...
עקשנים פאַרשאָלטענע — זענען די אויגן ביי זיי נאָך עד־היום פאַרשטעלט!

פאַרשאָלטענע קינס! זיי זאָלן נישט האָבן קיין רגע מנוחה אויף דרערד,
און וויַ נאָר זיי וואַרעמען אויס זיך אַ נעסט, זאָל זי ווערן דורך פייער פאַרצערט!
נישטאָ פּאָר גאָסט מערדער קיין מיטלייד! די הייליקע קירך וועט זיי יאָגן, כל־זמן
זיי וועלן נישט קומען צעבראָכן, געבויגן אין דרייען — צו גיין אין איר שפּאָן...״
און גלייך ווי אין קראַטער, באַפרייט פון דער לאַווע, די היץ נעמט זיך קילן און פאַלט,
אַזוי אויך אין האַרצן פון הייליקן פאָטער. ער הייבט אָן צו טראַכטן אויף קאַלט:
„שאַרלאָטע... איז שטאַם איך פון דייטשלאַנד. דער טייך? ס׳איז דער ריין אויף געוויס.
ביי קעלן? ביי מאַינץ? זאָג מיר אונטער, זכרון, אין וועלכער... געוועז איז מיין ברית?
פּאָר ראַטעווען מוטיק, אין הייליקן גלויבן, פון יידישער טומאה אַ זעל —
אַ לויב דיר, שאַרלאָטע! דיין זעל — אין דער קרוין פון דער בתולה אַ דימענט —
לייכט העל.
און שרה, די אַלטיטשקע שרה, ווי גוט זי געווען איז צו מיר, אָבער — בלינד,
איר זעל איז אין חושך און וואָגלט מיט יאָמער אַרום נאָכן יידישן קינד...
כ׳וועל בעטן די מוטער די בתולה, זי זאָל אין איר רחמים איר ווייזן דעם וועג,
אַ שטראַל פון שאַרלאָטעס נשמה זאָל פאַלן אויף איר און איר פירן צום ברעג...
אַ לויב דעם מאָנאַך! צי ער לעבט, צי ער לעבט נישט. מיין אמתער פאָטער איז ע ר.
זיין פלאַם פון די גלויביקע אויגן, אַזוי ווי פון פאַקלען, דערגרייכט ביז אַהער...
און קעגן דער דאָזיקער שיין זע איך קלאָר וואָס דער פאָטער אין רוים האָט צו טאָן:
פאַרטרייבן די יידן פון... מאַינץ... זיך צו ראַטעווען אונטער דער קריסטלעכער פאָן...
שוין העכער אַ האַלבער יאָרהונדערט... צי לעבט נאָך מיין מוטער? מיין פאָטער?
קאָן זיין...
איז דאַרף איך אוודאי עס טאָן: פון דעם חושך זיי טרייבן אין יעזוסעס שיין! —

## אין מאַינץ

רב שמעון הגדול, דער מאַינצער ראָש־בעזן,
שלייכט אום אין זיין שטיבל דערשלאָגן:
איז ווייניק נאָך יעקב צו חרפה געוועזן,
ישראל — צעריסוקט פון פּלאָגן?

איז ווייניק דאָס שמאַכטן אין זאַמד פונעם גלות,
געשלאָגן, ווי זאַנגען פון האָגל?
באַפעלט מען אים ווידער: פאַרהייבן די פּאָלעס
און לאָזן פון מאַינץ זיך אויף וואָגל!

מיד דריקן די יאָרן, די שמונים, ווי יאָכן,
און ס׳עקבערט אַ ווייַ די געלענקען.
די גזרה דעם פויפס מיין געמיט האָט צעבראָכן,
און פיינען מיין זעלע פאַרשווענקען...

אָ, מאַינצער קהילה! איך האָב דיך דערצויגן,
אַזוי ווי מיין קינד דאָס געזויבטע... —
נאָך היינט קוק איך אויס עס מיט צערפולע אויגן
אויף שליאַכן, מיט פרעמדקייט פאַרשטויבטע...

אוי, טייערע קינדער! וואָס קאָן איך אייך געבן,
חוץ אויסגיסן ס׳האַרץ אין אַ תפילה
פאַר אייער מנוחה אין יאַכיקן לעבן,
ווי חנה, מיט ווערטער שטיל־שטילע? — —

רב שמעון בלייבט שטיין לעם דער וואַנט, ביי דער שאַפע,
לענט אָן אויף די ספרים דעם שטערן,
און ס׳פאַלן פון מויל אים, ווי בלעטעלעך שלאַפע,
די ווערטער, געמישטע מיט טרערן:

— דו האָסט דאָך געשוווירן, אָ, גאָט אין די הייכן,
אַ צווייט מאָל די וועלט נישט פאַרלענדן;
און זע — מיין קהילה קדושה דערגרייכן
די וואַסערן שוין צו די לענדן.

די ידישע אויגן — פון טאָג צו טאָג טריבער,
די בליקן פון נכרים — אַלץ פרעכער:
סע ווייגען די ווענט פון די ידישע שטיבער,
און ס׳יאָמערן זייערע דעכער.

רבונו־של־עולם! דערלייכט מיינע אויגן
און ראַט וואָס צו טאָן מיינע נירן.
איך שטיי ווי דער נידריקסטער קנעכט דאָ געבויגן
און בעט: ווי אַ קינד, זאָלסט מיך פירן.
— — — — — — — — — —

אַ קלאַפ אין טיר וועקט אויף דעם רב,
און ווי אַן אויפגעריסענער פון שלאָף
ער קוקט זיך שמייכלענדיק אַרום...
סע שטייען אויף דער שוועל דאָ שטום
פרנסים דריי מיט פרעגנדיקן בליק:
אַריינגיין? יאָ? צי גיין צוריק?
— רבותי, קומט אַריין... נו, זיצט, —

פאַרבעט רב שמעון זיי, און ס׳בליצט
אַ שטראַל פון זיינע אויגן — פרייד
פון אויסגעפינען אַ באַשייד —
ס׳האָט פון די ספרים אומגעריכט
אַ קוועל געטאָן אין מיר אַ ליכט,
און ווי אַ בליץ באַלייכט אַ תהום:
„זאָלסט לאָזן, שמעון, זיך קיין רוים!
ס׳זאָגט עשו: „גלות, אָדער שמד!״ —
צו קריגן זענט איר נישט ביד, —
צו וואָס ס׳האָט יעקב זיך געגרייט, —
ווייל איר אין גלות זענט צעשפרייט.
נו, תפילה טוט איר גלייך ווי ער,
נאָר ער געטאָן האָט נאָך וואָס מער;
אַ רייך געשאַנק צון אים געפירט, —
פון שוחד עשו ווערט גערירט...
אויך דו זאָלסט פירן אַ געשאַנק״...
נאָר וואָס?... סע בליצט מיר אַ געדאַנק —
אַ אוצר וועט דאָס קאָסטן, אַך! —
פון גאָלד און איידלשטיין אַ שאַך.
גייט זאַמלט געלט וואָס מער, וואָס מער,
און שיקט דעם גאָלדשמידט מיר אַהער.

## ווידער אין רוים

סע ברענט די זון שוין הויך אין מיטן הימל
און אויפן שליאַך דעם שטויב ביז ווייס צעגליט;
די הייזער זינקען שמאַכטנדיק אין דרימל;
אַ גאַנצע פאַר אַ קירכע ערגעץ קניט;

נאָר הינטער ווענט דאָס לעבן שטראָמט זיך ווייטער...
— וואָס טוט דער ייד ביים פויפס אין ווייטן זאַל?
„דעם יידן שענקט אַוועק די גאָרע צייט ער״ —
די קאַרדינאַלן קלאָגן זיך מיט גאַל...

דער מאַינצער רב און אַנאַקליט דער צווייטער
פאַרזונקען זיצן ביי דעם רבס געשאַנק.
דער פויפס שטרעקט אויס אַ בלאַסע האַנט, אַ גרייטער
צו גייך אַ דעצידירנדיקן גאַנג.

דער רב קוקט מילד, זיין שטערן — אַ צעזונטער,
און אויף זיין באָרד דער ווייסער שפּילט אַ שטראַל.
— פֿאַרשפּילט! — זיפֿצט אָפּ דער פּויפּס, דאָס פּנים צונטער —
כ׳מוז מודה זיין: דער רב איז געניאַל.

„כ׳דערלויב זיך נישט דעם פּאַטערס חריפֿות לויבן,
ווי שלאָגעוודיק דעם פּאַטערס יעדער גאַנג;
און ווען ס׳וואָלט מיר נישט העלפֿן דער וואָס אויבן,
וואָלט הינטערשטעליק בלייבן מיין געדאַנק״.

צעמישט און בייז, דער פּויפּס — אַ שמיץ די כּלים:
— איז הייבן מיר אַ קאָן אָן פֿון דאָס ביי...
אויף זיכער טראַכט דער רב, אַז מיט ערלים
אין שאָך צו שפּילן... הממ... איז נישט כּדאַי...

דער ערל עקלהאַפֿטער פֿון אַ מויז איז,
ער מעג אפֿילו זיצן אויבן אָן...
און דער וואָס אויבן — מיט די יידן בלויז איז,
וואָס זיי דערוואַרטן ערשט משיחס פֿאָן...

„דערוועגט זיך גאָר אַ ייד אַזוי צו טראַכטן,
אויב ער צום שטאַרקסטן איז באַשטראָפֿט פֿון גאָט,
אַז אלע פֿעלקער זאָלן אים פֿאַראַכטן
און תּמיד מאַכן אים צו שאַנד און שפּאָט!

„און איך אַליין? — אַ שטאַם אָן צווייגן בין איך:
מיין יונגסטע צווייג פֿאַרטראָגן האָט אַ ווינט.
דעם אייביקן אין גרויס הכנעה דין איך
און בעט אים: „קער מיר אום מיין איינציק קינד״.

„ס׳האָט אויסגעווייינט די אויגן זיך זיין מאַמע
און אָפּגעזעגנט בלינד זיך מיט דער וועלט —
אַ טונקלע, ווי בעת אַ ליקוי־חמה...
ס׳האָט אויך זיין אַלטע ניאַניע זיך געפֿעלט.

„זיין צווייטע מאַמע, שׂרה די צדקת,
וואָס האָט אומזיסט געשלאָגן זיך על־חטא;
צעפֿרעסן קראַנקערהייט פֿון ווערעם — ספֿקות,
אַ קבֿר איז געווען פֿאַר איר דאָס בעט...״

— און ווי האָט עס געהייסן, ס'ייִנגל אייערס —
שטעלט אַן אויף אים דער פּויפּס אַ הייסן בליק.
„אלחנן... חנאלע... מיין קינד מיין טייערס...
אַן איידלשטיין... אַן אוצר... אַן אַנטיק..."

— אל... חנן: גאָט האָט זיך דערבאַרעמט... פּאָטער! —
שרייט־אויף דער פּויפּס — דערקען אין פּויפּס דיין קינד,
וואָס גאָטספּאַרכטיק זיין פּאָלק פּאַראָטן האָט ער,
און ווי אַ פיינט באַטראַכסטו אים אַצינד...

„אוי! שמע ישראל! — שרייט דער רב דערשיטערט —
מיין בראָך איז שטאַרקער נאָך, ווי כ'האָב געמיינט...
סע האָבן שונאים פּאַסטעכער געפּיטערט
מיין קינד... סע האָט מיין גרייזן קאָפּ פאַרשטיינט...

„אָ, רחל מיינע, ס'גליט צו דיר מיין קנאה:
דו האָסט די אויגן אויסגעוויינט ביז בלינד...
פאַר וואָס איז מיר באַשערט צו זעען ש נ א ה
אין דעם געשטאַלט פון אונדזער טייער קינד?!

„האָט ער דאָך — וויי! — אַרויסגעלאָזט די גזרה:
‚אויף וואָגל, מאַינץ! אויף וואָגל, אָדער שמד'"...
אויף אים צו קוקן איז דאָך אַן עבירה,
און נישט צו קוקן בין איך נישט ביד..."

רב שמעון טוט אַ קוק דעם פּויפּס אין פּנים
און קאָן נישט אָפּרייסן פון אים דעם בליק...
סע טראַכט זיך: „יאָ... ס'איז חנאלע... כ'דערקאָן אים...
אים כאַפּן פאַרן העלדזל... טאָן אים אַ דערשטיק..."

ס'נעמט דורך אַ שוידער זיינע אַלטע גלידער,
ער נעמט די פאות רייסן זיך פון קאָפּ, —
לויפט צו דער פּויפּס און קניט פאַר אים אַנידער:
— די גזרה, פּאָטער — כ'רוף זי הייבט נאָך אָפּ...

און פאַר אַהיים, און וואַרט אויף מיר... ס'וועט קומען
צום קערפּער צריק דער אָפּגעהאַקטער גליד
און ווערן מיט אַ נייער הויט אַרומגענומען...
„שטיי אויף, מיין גרויסער זון, ביסט שוין אַ ייד!"

זיי האַלדזן זיך אַרום. און ס'זאָגט רב שמעון:
„איך וועל דאָרט אויף דיין מוטערס קבר גיין
און אויפזינגען צום אייביקן אַ הימען:
„אל... חנן"... האָט פאַרנומען דיין געוויין...

## ווידער אין מאַינץ

ביים רב אין שטוב, אין פאַדערהויז, וואָס טוט דער דייטש דער אַלטער?
ער בעט זיך צו דעם רב, נאָר וואָס איז זיין באַגער, באַהאַלט ער.
זיין אָפּגעדעקטער קאָפּ איז ווייס, ווי שניי נאָר־וואָס געפאַלן,
די הויט פון פנים — דורכגעפעלדלט ווי מיט שפּריצלעך שטראַלן;
סע דאַכט זיך רגעווייז: פון זקנה צוקן זיינע גלידער,
די אויגן לעשן זיך און צינדן, און זיך לעשן ווידער.
סע העלפט נישט וואָס דער שמש זאָגט אים: „ס'איז דער רב פאַרנומען,
פון לאַנד ישראל אַ ראַבינער איז צו גאַסט געקומען...".
עקשנות שטייפט די קנייטשן אויף זיין פנים אויפן האַרטן:
— איך וועל נישט אָפּטרעטן פון דאַנען... איך וועל אייביק וואַרטן...
„טוט אָן דאָס היטל, — ענדלעך זאָגט דער שמש — אַט דערוואַרט זיך".
ער טוט עס... שרעקעוודיק, צעמישט צום רב אין חדר שאַרט זיך,
און פאַר די צוויי ראַבינערס בלייבט ער שטיין פאַרשטומט, געבויגן,
און, ווי דער זון אין פנים, פינטלען, טרערן זיינע אויגן...
— ווער זענט איר? — שטרעקט רב שמעון אויס צו אים די האַנט אויף „שלום".
„אַ קריסט..." — איז וואָס פאַרלאַנגט איר פון אַ רב?! „געהאַט אַ חלום..."
— רעדט קלאָר, — בעט מילד דער רב — כדי מיר זאָלן אייך באַנעמען.
„נישט אַלץ, — ער שטאַמלט — וואָס מע ווייסט צו זאָגן... זאָגן קען מען...
איך... נעם צוזאַמען מיינע רעשטלעך כוחות... און... כ'וועל זאָגן:
ס'האָב א י ך אַ מאָל... פון אייער הויז... דאָס קינד אַוועקגעטראָגן...
אַוועקגעפירט... זיך אומגעקערט... פאַרשוווּנדן — בלויז שאַרלאַטע...
כ'האָב אַלץ געוווּסט: דער מוטערס און דער ניאַניעס טויט... חרטה
געפרעסן האָט מיין זעל... פאַרפאַלן... דען געהאַט אַ ברירה ...
און דאַ געקומען איז אויף מאַינץ דעם פויפּס די שוואַרצע גזרה...
און שטאַרקער נאָך געגנומען האָט מיך גריזשען דאָס געוויסן:
די גזרה האָט דער רב דער הייליקער פון מאַינץ צעריסן!...
די מוטער פונעם קינד, זיין ניאַניע קומען אין מיין צעלע
ביי נאַכט צו מיר אין חלום, זידלען מיך: „דו שוואַרצע זעלע!"...
דערנאָך... געשטאָרבן איז דער פויפּס... נישט זאָגט נאָך מיט קיין עלטער...
צי נישט צוליב זיין גזרה זיך געזעגנט מיט דער וועלט ער?...
נאָר נעכטן איז אַ בר־מנן צו מיר געקומען... נעכטן:
„כ'בין דער, וואָס מ'האָט אין רוים באַערדיקט אַלס דעם פויפּס דעם שלעכטן...

דער שלעכטער פויפס — ער איז שוין מער נישט שלעכט: אַ ייד געוואָרן...
ווער אויך אַ ייד... און ראַטעווע דיין רעשטל שוואַרצע יאָרן..."
— איז וואָס איז אייער ווילן? — פרעגט אים, ווייס ווי קאַלך, רב שמעון.
„דער רב זאָל מיך מגייר זיין... ישראלס גאָט צו רימען...
איך זאָל מיין שוואַרצע זעלע טובלען און דערוואַשן קאָנען..."
— וואָס זאָגט דערויף, — פרעגט שטיל דער רב אויף לשון־קודש — רב אלחנן?...
סע שטייט דאָך: „קשים גרים לישראל כספחת", *
צי דווקא פון אַזוינעם וועט ישראל האָבן נחת?
— מיר דאַכט, — זאָגט שטיל דער זון — ס'איז עכטע יידישע נקמה:
פאַר מיין נשמה... ראַטעווען אַ קריסטלעכע נשמה...
אויב ס'האָט דעם אמת אים אַנטפּלעקט דער אייבערשטער אין חלום,
פאַרדינט ער ווערן אַ ישראל... „על ישראל שלום!"... **
— — — — — — — — — — — —

וואַרשע, אָקטאָבער, 1958.

## דער יורד

### א.

דער סוחר אליהו גינגאָלד שלייכט אַרום אין צימער,
זיך דרייענדיק פאַרדאגהט; זיינע אויגן — אָן אַ שימער.
וואָס גייט אים אָפּ, דעם סוחר דעם באַרימטן מיט עשירות,
וואָס מענטשן זאָגן: „אויך אין גוטע מידות ער אַ גביר איז"?
ער טראַכט, אַז לעצטנס די געשעפטן זיינע הינקען אונטער,
איז ווי זשע קאָן מען, ווען מע בלייבט מיט זיך אַליין, זיין מונטער?
און אָט־אָ ווי ער קרייזט אַרום אַן אומעטיקן עיגול,
בלייבט שטיין ער אַ פאַרטראַכטער און דערזעט זיך אינעם שפּיגל...
און זע אַ וווּנדער: ס'איז דאָך ע ר, און דאָך נישט ע ר — אַ זקן!
ס'קוקט יענער אָן אים מילד, און ער אויף יענעם קוקט דערשראָקן.
און ס'פרעגט דער אַלטער אליהו אים מיט ווערטער — טויבן:
— וואָס דאגהסטו?... סע קאָן דאָך ערגער זיין... פאַרלירסט דאָס גלויבן?...

### ב.

די צייט ביינאַנד מיט דאגות קנייטשן פאַלדן אויפן שטערן
פון אליהו גינגאָלד: די געשעפטן זיינע ווערן
פון טאָג צו טאָג אַלץ קרייטישער; פון פרעמד פאַרמעג שוין לעבט ער;
דער ביסן גייט אים שוין נישט איין; ער פילט זיך אַ געקעפּטער...

---

* גרים זענען שעדלעך פאַרן יידישן פאָלק, ווי קרעץ.
** פרידן אויפן יידישן פאָלק.

די ווענט פון צימער קוקן נאָך אים שטום: צעטומלט שפּרייזט ער
אַהין און צריק, און אָט אַרום דעם טיש דערשלאָגן קרייזט ער
און רעדט צו זיך: „אַן אַדלער כ'בין מיט אָפּגעהאַקטע פליגל".
און אָט־אָ בלייבט ער שטיין מיט אויגן גלאָצנדיק אין שפּיגל...
ווי! ברייט צעעפנט ער די אויגן! זיך אַליין דערזעט ער —
אַ זקן שוין. צו אים מיט ווערטער סאַמעטענע רעדט ער:
— וואָס דאגהסטו?... סע קאָן דאָך ערגער זיין... „נאָך ערגער, אַלטער?!"
און אויף זיין כמאַרע־שטערן טרעט אַרויס אַ שווייס אַ קאַלטער...

ג.

ווען ס'וואָלט אים אַ בן־עיר באַגעגנט — אוי ווי! אַ בראָך אים! —
וואָלט יענער אים דערקענט — אים, דעם חוזר־על־הפתחים?
דעם אָפּגעשליסענעם, מיט גרויער טאָרבע אויפן רוקן,
וואָס האָט זיך איינגעבויגן, ווי פאַרשטייפט זיך אין זיין בוקן?
אים דאַכט זיך צייטנווייז, אַז ער דערקאָנט זיך שוין אַליין נישט,
און רעדט צו זיך: „דו ביסט נישט אליהו גינגאָלד.. ווייַן נישט...
עלהיי ביסט קיין מאָל נישט געווען קיין עושר, זאָל דיך דאַכטן..."
ער האָט שוין נישט קיין שפּיגל מער, אין וואָס זיך צו באַטראַכטן.
נאָר איין מאָל האָט ער זיך דערזען גאָר אין אַ פּעסל וואַסער —
דער זעלבער זקן!... אליהו!... בלויז אַ ביסל בלאַסער:
— וואָס דאגהסטו?... סע קאָן נאָך ערגער זיין.. „נאָך ערגער, זקן?!"
און טוט אַ זיפץ, און דרייט אַוועק דעם שווערן קאָפּ דערשראָקן.

ד.

ווי שווער ס'איז צייטנווייז דעם גוף דעם אייגענעם צו טראָגן:
דו פילסט זיך ווי אַ זאַק אַן אָנגעשטאָפּטן פול מיט פּלאָגן!
נאָר ער, דער בעטלער שפּירט: ער טראָגט אויף זיך אַ לאַסט מסוכן:
אַ מענטש איז אָנגעוואַקסן, ווי אַ מכה, אויף זיין רוקן!...
אַ מענטש — אַ פּרעסער! ווי אים! ס'איז אַ מכה נישט צו היילן:
ער מוז מיט אַלץ, וואָס ער באַקומט געשענקט, זיך טיילן.
ער כאַפּט אַרויס אים פון די הענט, איז גרייט מיט אים זיך שלאָגן,
און ביידע גייען שלאָפן מיט אַ הונגעריקן מאָגן.
ביז איין מאָל: אָוונט; ער דערזעט זיך אין אַ שויב אַ שוואַרצער;
— וואָס מאַכסטו? „ערגער איז שוין נישט געמאָלט גאָר!" — שרייט פון
האַרץ ער.
—ס'קאָן אַלץ נאָך ערגער זיין, — זאָגט מילד אים אליהו — ערגער! —
און ער דערפילט דעם גאָרגל צווישן פינגער פון אַ ווערגער.

## ה

דערפילט ער איין מאָל: ס'איז דער אַויר אַרום אים פֿאַרדאָרבן...
אוי־ווי צון אים! דער פרעמדער אויף זיין רוקן איז געשטאָרבן!
ווי גרויס סע איז געווען זיין בראָך, נאָך שטאַרקער ערשט זיין גרויל איז:
פון בר־מנן זיך צו באַפרייען איז ער נישט ביכולת.
דער ריח לויפט פאַר אים אַוו ער זאָל זיך נאָר גישט שטעלן
און אויסשטרעקן אַ האַנט.. סע טרייבן לייט אים פון די שוועלן;
זיי זעען נישט אויף אים דאָס מת, און שעלטן, זידלען, שטראָפן;
דער שמש יאָגט אים פון דער קלויז — נישטאָ שוין ווו צו שלאָפן...
אַ הונגעריקער זיצט ער איין מאָל ביי אַ זומפּיק וואַסער,
און זעט: אַנטקעגן אים דאָרט... אליהו דער מבשר:
— וואָס מאַכסטו? — פרעגט דער אַלטער. ענטפערט ער אים אָפּ דורך טרערן:
„ס'איז גוט. סע איז מיר ווויל און גוט. ווייל... ס'קאָן נאָך ערגער ווערן...

## ו.

ווייל וואָס דו האָסט געזאָגט מיר, נביא אליהו, וואָר איז",
און ווי דאָס אָפּגעזאָגט, — דאָס וואַסער פון דעם זומפּ גאָר קלאָר איז
און לויטער, ווי קריסטאָל, אַדורכגעלויכטן פון די שטראַלן,
וואָס ציטריק גילדן אָפּ די פיש און אויפן זאַמד־דנאָ פאַלן.
און אליהו מורמלט: — טו זיך אויס, פאַרוואַרף די לאַכעס
און באָד זיך אָפּ. דו וועסט זיך אָנטרינקען מיט עמער נחת...
איך וואַרט.. דו וועסט אַרויסגיין אַ געלייטערטער, געגעזן,
נאָר — זאָלסט געדענקען אייביק, אַז אַ בעטלער ביסט געוועזן... —
און אליהו גינגאָלד פאָלגט... די אויגן באָדט אין הימל...
די זון אים וואַרעמט דורך, ער ווערט פאַרשיכורט פון אַ דרימל — —
און ווען ער כאַפּט זיך אויף, מיט וווּנדער קוקן זיינע אויגן:
ער ליגט ביי זיך אין בעט... אַ מלאָך איז פאַרבייגעפלויגן?...

וואַרשע, אָקטאָבער 1958.

# דאָס לובלינער שנײַדערל

.1

וואָס ווייסט פון יידישקייט אַ דאָרפיש יינגעלע פון פינעף יאָר? —
אַז ס'איז פאַראַנען אַ „מע טאָר נישט״; זעלטן־ווען נאָר, אַז מע טאָר...
אַז גרויסע יידן דאַווענען — דער טאַטע און די מאַמע אויך;
צו גאָט אין הימל קרייזט אַרויף דאָס דאַוונען, ווי אַ ווייסער רויך...
אַז גויים מאַדליען זיך צום יוזל און — להבדיל! — נישט צו גאָט,
אַז ווען די מאַמעס שמועסן דערוועגן, שמייכלען זיי מיט שפּאָט.

דאָס אייגענע געוווסט האָט אויכעט סראָליקל פון פּיאַסקעס, נאָר
מיט אים געלערנט האָט דער טאַטע: — זאָג זשע, קמץ — אלף: אָ!
ווייל גאָר אַ קבצן איז געווען זיין טאַטע, נישט געווען אימשטאַנד
צו דינגען פאַרן קינד אַ רבין... אָרעמקייט איז נישט קיין שאַנד.
נאָר סראָליקל איז — ווי אים! — נישט דערגאַנגען ביזן קמץ — תיו,
ווייל ס'האָט די פּעסט געבראַכט די עלטערן אַן אויסגעכאַפּטן סוף.

סע האָבן פרעמדע מענטשן איילנדיק אַוועקגעפירט פון שטוב
דעם טאַטן מיט דער מאַמען... אַז מע פירט באַגראָבן זיי אין גרוב,
האָט נישט באַנומען סראָליקל... ער האָט געריסן זיך, געקלאָגט,
ווען מ'האָט אים אין אַ קאָטש אריינגעזעצט... מע יאָגט...
וווּהין? פאַר וואָס? און פּלוצעם — טפּרר! מע טראָגט אים אין דעם פּריצס הויף.
זיין הערצל פלאַטערט, ווי אַ פייגעלע, און קאָרטשעט זיך צונויף — —

.2

די פּריצע האָט געהאַט חלומות ראָזע:
מיר זענען שוין געהאָלפענע אַצינד,
מיר וועלן שוין נישט זיין מער קינדערלאָזע:
דאָס יינגעלע וועט ווערן אונדזער קינד.

נאָר ער, די בעסטע שפּייז האָט אים געאיבלט,
ער האָט געלעכצט: דער מאַמעס פּיסנע ברויט,
באַשיט מיט זאַלץ... באַקנאָבלט, צי באַציבלט...
ווו זענען זיי, די טאַטע־מאַמע?... טויט...

דעם פּריצס וואָנצעס האָבן אים געשראָקן,
דעם פּריצס שמייכל האָט אים נישט געקויפט.
מע האָט געאיילט דאָס יינגעלע פאַרלאָקן,
צו זען שוין דאָס יידעלע געטויפט.

דער קשאַנדז האָט אים געמאָלט דעם בייזן גיהנום
און ווי דעם קריסט דער צלם ראַטעוועט פון גרויל...
נאַר סראַליקל, כאַטש בראָט אים און כאַטש ברען אים,
ער רירט נישט צו צום צלם דאָס פאַרקלעמטע מויל...

ווייל פאַר די אויגן שוועבט דער מאַמעס שמייכל:
„איז אויסער גאָט אַן אַנדער גאָט דען דאָ?
פאַרליר נישט, סראַליקל מיין קינד, דעם שכל:
קיין ווייסע טויב פאַרטויש נישט אויף קיין קראָ".

צו לעצט דערקלערט דער קשאַנדז: — כ'בין העכסט פאַרוווּנדערט:
אַ יידיש קעפל, און — ווי אויסגעשניצט פון דעמב!
איך חזר אים די דינים אַ מאָל הונדערט,
און... גאָרנישט! ס'איז אַ קאַלב אַזוי נישט טעמפּ! —

האָט ענדלעך אויך דער פריץ איינגעפונען:
דער קשאַנדז האָט רעכט. מע קאָן נישט זיין דאָך בלינד;
דעם פריצעס ראָזער חלום איז צערונען:
שוין ליבערשט גאָרנישט, איידער דאָס־אָ קינד.

3.

זיצט דאָס אַכטיעריקע פאַסטעכל וויטעק אין פעלד.
אַלץ איז באַטרונקען מיט שיין פון פרימאָרגן, צעהעלט:
ס'גרינס פון דער לאָנקע, די קווייטלעך, דעם טייכלס טשערעט, —
זונשטראַלן טרינקען די טויען אויף זיי צו דער זעט.
שטיל איז די ווערבע, דאָס טייכל אָט־דאָ ווו ער זיצט,
פישעלעך שטיפן דערין, — ווי זיי שווימבלען צעבליצט!
פינטלט זיין ברעם, ווי פאַרשטויבט מיט אַ גאָלדענעם שטויב;
אַלץ דאָ שפילט אויס צום באַשעפער אַ שטראַליקע לויב...
גאָט פון אברהם... דער מאַמעס... ער האָט אים דערקענט!
וויטעק ביז ווייטיק, ביז בלינדקייט פון גאָט איז פאַרבלענדט,
זעט נישט און הערט נישט וואָס טוט זיך דאַלעבן אַרום;
פול זיין געמיט איז מיט תפילה, דאָס מויל אָבער — שטום.
זיצט ער זיך, וויטעק, די פלייצעס געלענט אויפן בוים,
און אויף די ליפּן, שטאָט ווערטער — אַ ברום, ווי אַ שוים...
„באָאָאָם! — סע צעקלינגט זיך דער קאַשטשאָל אין פיאַסקעס — בים־באָם!...
שעפּסן, סע רופט אייך דער פאַסטעך", — ער ברומט בקול־רם.
ווויל אים! ס'איז וויטעקס געהער ווי פאַרמויערט — אַ וואַנט,

דורכגייִן דורך איר איז דער פּיינטעלעכער קלונג נישט אימשטאַנד.
אָבער ווי ס'גאַגען די געגנדזלעך, דאָס הערט ער: „גאַ־גאַ!...
נעבעך... ער ווייסט נישט, ווי ס'דאַוונט אַ יידל... אָווּאַ!"
שפּרינגט ער אויף, ווויטעק, מיט אויגן פאַרגלאָצטע בלייבט שטיין:
— גאָט, כ'האָב דיך ליב... נאָר איך ווייס נישט צו דיר ווי צו גיין.
ברענג מיר די געגנדזעלעך דיינע פון דאָרט וווּ דו ביסט —
כ'וועל זיי דיר פיטערן, גאָטעניו־טאַטע, אומזיסט...

.4

לובלינער רב, דער עניו דער באַרימטער,
געקומען איז קיין פּיאַסקעס אויף אַ ברית;
ווי תמיד, צו דער רגע דער באַשטימטער
צו טובלען זיך סע פירן אים די פיס.

און לעם דער וערבע טרעפט ער נאָך דער טבילה
אַ יידיש פּאַסטעכל צעדאַוונט שטיין.
ער שלאָגט אים איבער: „גוייש איז דיין תפילה,
פון סידור דאַוון, נישט פון זיך אַליין".

ס'האָט ווויטעק שטום דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזן,
די באַקן — אויסגעלאָשן, ליימיק־בלאַס;
די גאָנערס האָבן צאָרנדיק געבלאָזן,
די גענדזעלעך — הויך צעגאַגעט זיך אין כעס.

— — — — — — — — — — — — — — —

ויהי בחצי הלילה... קאָן דער רב נישט שלאָפן:
„אַז וואָס האָב איך געטאָן עס?! — אים „די נירן שטראָפן" —
דער פויגל זינגט זיין תפילה, און דער בער ברומט אויס,
די קו מיט מרוק איר שיר־היחוד דאַוונט אויס, —
ווי האָב איך אויסצולאָכן זיך דערוועגט, פאַרשוואַרצן
דעם ייִנגלס תפילה, וועלכע לויטער קוועלט פון האַרצן?
און אַז אויף גוייש לשון — וואָס איז דאָ דער חטא?
זיי מוחל, גאָט, דיין קנעכט, פאַרנעם מיין האַרצס געבעט,
ווי ס'וואָרקען פון אַ טויב און ווי פון פיש דאָס שטומען".
ביז ענדלעך איז צום רב פאַר טאָג דער שלאָף געקומען
און אים אַרויפגעזעצט אויף פליגל פון אַ טרוים...
אַ פאָך און נאָך אַ פאָך — ער איז אין הימלס רוים —

— — — — — — — — —

סע שוועבן מלאָכים און קרייזן אַן עיגול.
זיי פאָכען און פּאַטשן, פאַרברעכן די פליגל:
— אַווו איז די תפילה?
„די לויטערע, שטילע?"
— צי האָט רב ישראליק, חלילה,
דאָס לשון פאַרלאָרן?!
„צי האָט זי אַ הימל פאַרהאַלטן? —
צעשרייט זיך אַ מלאך מיט צער און צאָרן —
אויף צווייען אים שפּאַלטן!..."
— ס'איז שולדיק דער רב דער לובלינער,
גאָטס ערדישער דינער, —
איז עמעץ מודיע דעם עולם, —
זיין זעל איז דערווידער
אַ תפילה וואָס קומט נישט פון סידור...
„גאָטס ערדישער דינער? אַ גולם! —
צעלאַכט זיך ווער, לאַכט —
ער האָט דאָך דעם הייליקסטן סידור פאַרמאַכט:
דאָס האַרץ רב ישראליקס,
אַ האַרץ אַן איינמאַליקס,
וואָס האָט מיט די גענדזלעך און... גאָט זיך פאַרברידערט".
און פּלוצעם — סע דונערט און בליצט
אַרום כסא־כבוד... דער אייביקער זיצט...
און ס'ווידערקולט, נידערט
די שטימע פון גאָט:
— הער אויף מיט דיין שפּאָט,
דו שטן, מיין אייביקער מסור;
און דו, מיין געטריייער, מיין דינער,
דער מרא־דאתרא לובלינער,
נישט ציטער...
„הפה שאסר,
הפה שהתיר"...
און גיי צו דעם יינגל נאָך טבילה
און זאָג אים: — שיק ווידער דיין תפילה
צו גאָט פון דיין נידער:
דיין האַרץ איז גאָטס סידור...

— — — — — — — — —

.5

האַר׳בסטן גוסען... ס׳וואַקסן קינדער.
יאָ׳רן שטאַרבן — לעבן ווידער;
וויטעק פאַשעט היינט שוין רינדער,
נאָר נאָך אַלץ דאָס האַרץ — זיין סידור,

כאָטש ער האָט דער מאַמעס סידור
איז זיין שטיבל אָפּגעפונען; —
אָפּט ער קניט פאַר אים אַנידער,
זיינע אותיות בלענדן — זונען...

„שעפער, ברענג מיר דיינע רינדער,
כ׳וועל אומזיסט זיי פאַשען, היטן
פאַר אַן אויג אַ בייז, ווי קינדער, —
כ׳וואָלט אויף גליק זיי נישט פאַרביטן!״ — —

פאַר יום־כיפּור וויטעק טרעפט זיך
צו דעם אָפּפאָר פון די „זשידעס״
קיין לובלין... צו זיי באַהעפט זיך —

— — — — — — — —

אין בית־מדרש אַ יאַריד איז,

גאָטס יאַריד... די „זשידעס״ — רינדער...
ס׳וויינען ליכט, די לופט געצונדן...
שטייט ער — ווי אַ טויבער... בלינדער...
ס׳ברענט די זון אין הימל רונדן:

ס׳איז אַ שטול פון פלאַטער־פלאַמען
אויף אַ טעפּעך זשאַר פון קוילן...
לעבן גאָט דאָרט שטייט?... מיין מאַמע!!!
גאָט אַליין — אין בלענד פאַרהוילן...

דאָ אַרום — אַ ים פון „זשידעס״
כוואַליעט זיך צום גאָט אין גליעכץ...
דאָס געבעט אַ פלאַמיק ליד איז,
דורכגעוועבט מיט ווייסן בליעכץ...

און פון דאָרט די מאַמע ווינקט אים:
„דאַוון, קינד מיינס, דאַוון... סראָליק...״
יאָ... זי רעדט צו אים, זי זינגט אים,
און איר קול איז ווידערקוליק...

ס׳זינגט דער חזן מיט די זינגער;
מיט אַ מאָל — זיין הויט צעשטראַלט זיך,
און — אַ שטעק אין מויל צוויי פינגער:
פיי יי יי ף! דער רוים אויף צווייען שפּאַלט זיך,

און סע נעמט אַדורך אַ גרויל אים...
פלעמלעך שטייען אָנגעצונדן...
ס׳גליווערט שטום דער גאַנצער עולם,
ברייט צעעפנט מויל־און־אויגן.

נאָך אַ רגע וועט זיך צינדן
צאָרן־פייער אין געמיטער, —
ווער פאַרהאַלטן וועט דעם בלינדן
זאָט פון בלוט אין גלויבן־ציטער?

דער לובלינער רב... אָט גייט ער
שנעל צום דאָרפסיונג, צו דעם גולם,
האַלדזט אַרום אים אַ דערפרייטער,
טוט צוויי מאָל אַ קוש אין מויל אים:

— ס׳האָט דער פייף זיך דורכגעשניטן,
ווי אַ בליץ, צום כּס־הכבוד —
דורכגעהייליקט, דורכגעליטן,
ווי אַ מזמור, שיר לדוד — —

.6

יאָרן וויקלען זיך צוזאַמען, ווי מגילות
פון דעם לעבן פון יחידים און קהילות;
וואָס סע ווערט פאַרמעקט אין לויף פון לאַנגע יאָרן
אויף די פּאַרמעטן פון מענטשלעכן זכרון,
אין דער צ יי ט אַ האַנט אַ געטלעכע פאַרשרייבט עס
מיט אַ גלי־קויל, — אין דער אייביקייט פאַרבלייבט עס.

צי געדענקט דען אין לובלין היינט ווער אַ וויטעק?
ווינט אַ סראַליק אין אַ שטיבל טריב און קויטיק, —
ווייסט דען עמעצער, אַז דאָס איז ער, דער זעלבער,
וואָס געפּאַשעט האָט אויף לאָנקעס גענדזלעך, קעלבער?
סראַליק שניידערט, מידט זיך איבער אַלטע שטאָפן, —
קיינער ווייסט נישט וואָס מיט אים איז זיך פאַרלאָפן...

אויפגערודערט ווערט לובלין, די גאַנצע געגנט:
מיט די לעבעדיקע זיך דער רב געזעגנט...
נישט געהאָלפן, נישט דער תהילים, נישט דער תענית!
ווער באַזעצן וועט זיין כסא־הרבנות?
קאָן זיך עמעץ מיט אַזאַ גאונות רימען? —
לויטן מנהג דאַרף דער שכיב־מרע באַשטימען.

מורמלט קוים דער רב: — דער שניידער רב ישראל
וועט באַשטימען... — וווּנדערט זיך לובלינער קהל:
ווער איז עס דער שניידער? און אַ שניידער זאָל עס
זיין דער פּוסק־אחרון פון אַ שטאָט מזלות?
נאָר... ס'האָט אויסגעהויכט דער צדיק די נשמה, —
הערט זיך זיין צוואה ווי אַ „קול־ברמה"...

זוכט מען... רב ישראל?... איז ער נישט קיין שניידער,
נאָר אַ סוחר, אָדער ס'האָט אַ קראָם פון זייד ער...
„סראַליק דער לאַטוטניק?... א י ם דער רב זאָל מיינען?!"
יענעם, וועלכער פרעגט עס, איז מען גרייט פאַרשטיינען.
אָבער... זוך און זוך, ס'איז פאַרט נישטאָ קיין צווייטער, —
האָט מען נישט קיין שטיגן, קריכט מען אויף אַ לייטער...

קומט מען צום לאַטוטניק... פון דער סטעליע קאַפּעט;
ער אַליין — אין בעט, און קוים ער זשיפּיעט, סאַפּעט:
קלייבט זיך שוין אין וועג אַריין... מע דאַרף וואָס גיכער
פרעגן. פרעגט מען, און ער שעפּטשעט שטיל, נאָר זיכער:
— פאָרט צום אַסטרער... אויב איר וועט... ביי אים נישט פוילן...
זאָגט אים: „דאָס לובלינער... שניידערל... ט'באַפוילן...".

און סע טוט זיין ליפּ אַ ציטער... זיינע אויגן
ווערן מיט אַ גלאָזיק נעפּעלע פאַרצויגן — —
ווײנט דער הימל, מיט אַ טרערן־רעגן גיסט ער:

אויפן רב, צי אויפן שניידערל דעם נסתר?
די נסתרות פון באַשעפער ווער פאַרשטייט זיי?!
— — — — — — — — — — —
גאַנץ לובלין אין איין לויה־צוג באַגלייט זיי.

7.

איז ווער, חלילה, אין דער שטוב פון אָסטרער רב פאַרביי?
וואָס זאַמלט מען זיך דאָ מיט קולות און געאַמפעריי?
— מיר ווילן נישט, — שרייט איינער — זיין ווי אַ פאַסטעך שאָף!
„מיר וועלן נישט, — אַ צווייטער שרייט — אַרויסלאָזן דעם רב!"
— מיר לייגן זיך אַנידער, יידן, פאַרן צדיקס טרעפ —
וועט ע ר דען טרעטן איבער הערצער יידישע און קעפ?! —

אין שטוב דער אָסטרער שאָקלט מיט דער באָרד, אַז: — ניין, און שוין!
איך וועל מיט אייך נישט פאָרן קיין לובלין בעד כל הון!
אָהבתי — איך האָב ליב מיין אָסטרע, ווי אַן אייגן קינד,
ווי קאָן איך לאָזן עס פאַר הפקרדיקער נעץ פון זינד?
ווער לערנט דעם צו גיין אויף דעם באַשעפערס רעכטן וועג?
דער תורה בין איך מקריב מיינע נעכט, און ד ע ם — די טעג...

שטום־שוויגנדיקע שטייען די שליחים אין אַ רונג
אַרום דעם גאון: אָפּגענומען איז ביי זיי די צונג.
— אני הקטן זאָל באַזעצן דעם לובלינערס אָרט —
הייסט: געבן אייער שטאָט אַ לחמאָ־עניאָ שטאָט אַ טאָרט...
פּרנסים חשובים, גלייבט מיר: כ'בין נישט ראוי... כ'בין נישט ווערט;
נישט מיר — ווער ב י ן איך און וואָס בין איך? — אין לובלין באַשערט. —

סע האָרכן די פּרנסים אים מיט אַכפּערונג, צעקלעמט.
„ס'לובלינער שניידערל..." — רופט אַן זיך איינער, ווי פאַרשעמט.
— ס'לובלינער שניידערל?! — כאַפּט אַן זיך פאַר דער באָרד דער רב —
רעדט ווייטער!... ו אָ ס דאָס שניידערל?... דערזאָגט זשע ביזן סוף!
„דאָס שניידערל האָט אייך באַפוילן קומען קיין לובלין..."
— זיין וואָרט, — גליט אויף דער רב — איז הייליק, הייליק ווי אַ דין! —

ער טוט צום פענצטער זיך אַ יאָג און עפנט מיט אַ שטויס:
— פאַרפאָלן, קינדער מיינע! בלי־נדר... כ'פאָר אַרויס...
ס'לובלינער שניידערל באַפעלט עס — קאָן דען זיין פאַרקערט?...
אַ?... וואָס דער מער איז מיטן שניידערל? רבותי, הערט: —
און אַלע בלייבן שטום, אַראָפּגעלאָזט די קעפּ און הענט,
די גליענדיקע אויגן מיט געבעט צום רב געווענדט — —

.8

— איך פלעג אַזוי זיך אַלע מײַנע יאָרן פירן:
ביי נאַכט פאַרשליסן אין בית־מדרש פענצטער־טירן;
ס'איז גאָט דער שומר... נישט, חלילה, צוליב מורא,
נאָר נישט געשטערט צו ווערן אין מיין לערנען תורה.
ווי איין מאָל... אין אַ שווערער סוגיאַ טיף פאַרזונקען,
מיר נעמען פּלוצעם פאַר די אויגן פליען פונקען...
כ'הייב אויף דעם בליק: אַ ליכטיק יידל שטייט אַנטקעגן;
„די טירן־פענצטער דאָך געשלאָסן?", וויל איך פרעגן;
נאָר ס'איז די צונג מיר אָפּגענומען מחמת תימה,
און כ'הער סע קלינגען מיר די ציין אין מויל פון אימה...
איך קוק און שטום... ווי ס'רופט זיך אָפּ צו מיר דאָס יידל,
און ס'גלעט זיין קול, ווי ס'וואָלט אַרויס פון דודס פידל:
„איר וווּנדערט זיך נישט, רב, ס'איז פשוט־כמשמעו —
איך בין אַריין אַהער בייַנאַנד מיט אליהון..."
— און איר ווער...? „אַ לובלינער שניידערל, נישט מערער,
נאָר ס'רוט אויף מיר ס'אַצילות פונעם גרויסן לערער..."
— איך וואָלט אים וועלן... „ניין, איר זענט דערצו נישט ראוי!
נאָר ס'רעדט צו אייך דורך מיינע לעפצן אליהו:
„סע האָט דיין לערנען תורה דיר פאַרבלענדט די אויגן
און זעסט נישט, וואָס סע טוט זיך אין דיין שטאָט... געצויגן
פון בעצן זינד, זי זינקט אַראָפּ אַלץ אין דער נידער
און ווערט, ווי נינוה, דעם באַשעפער שוין דערווידער...
גיי ראַטעווען דיין שטאָט!" — און מיט אַ מאָל בלייבט שטיין ער,
ס'לובלינער שניידערל... און... ס'איז נישטאָ שוין קיינער...

— — — — — — — — — — —

וואַרשע, דעצ. — יאַנ. 1959

# נ ג י נ ה

מיין ראַטנער יידן, דעם ירא־שמים און קאַרלינער חסיד,
אַן אָפּשטאַמלינג פון רב אהרן קאַרלינער, רב שלמה אהרן, ז"ל.

„דאָס וואָרט איז די פעדער פון האַרץ"
דער בעש"ט.
„אין די נגינה איז די פעדער פון דער נשמה"
ליאַדער רב.

**

אהבה האָט נגינה,
קיין ניגון נישט — די שנאה;
אהבה שפּילט אויף פידלען,
און שנאה קאָן בלויז זידלען, —
אַזוי־אָ זאָגט גאָטס דינער,
רב אהרעלע קאַרלינער.

אהבה טאַנצט אַן עיגול
אַרום דעם בוראס זיגל —
דעם אמת... מיטן ניגון
פאַריאָגן מיר דעם ליגן, —
אַזוי־אָ זינגט גאָטס דינער,
רב אהרעלע קאַרלינער.

נגינה — אין באַגערן,
נגינה אויך אין טרערן,
אפילו אין יללות,
נאָר קיין מאָל נישט אין קללות, —
אַזוי־אָ זינגט גאָטס דינער,
רב אהרעלע קאַרלינער.

מע קאָן זיך בלויז מיט ניגון
צום אייבערשטן דערקריגן, —
איז לאָמיר, יידן פרומע,
נישט דאַוונען קיין שטומע! —
אַזוי־אָ זינגט גאָטס דינער,
רב אהרעלע קאַרלינער.

אהבה — בלויער הימל,
און שנאה — גרינער שימל;
צום הימל פירט נגינה,
אין גהינום פירט די שנאה, —
אַזוי־אָ זינגט גאָטס דינער,
רב אהרעלע קאַרלינער.

ס'איז תפילה, ווו ס'איז רינה,
ווו רינה, רוט די שכינה:
די שכינה האָרכט דעם זינגער,
און גאָט באַווייזט זיין פינגער... —
אַזוי־אָ זינגט גאָטס דינער,
רב אהרעלע קאַרלינער.

## א.

דער סדר בלענדט מיט זויבערקייט און כל־המיני שיינען:
מיט בלאַנק פון העסעבעטן, טישטעכער און קיטלען, ווייַנען
אין שימער פון געגילדטע כוסות, זילבערנעם געשיר,
פון איידלשטיין, וואָס שפּילט מיט טויט־און־לעבן פון קאָליר —
אַ רמז אויף דער שריפט דער געטלעכער, דעם רעגנבויגן...
פון גלאַנץ פון איידלע הויכע שטערנס און צעשטראַלטע אויגן.
פאַר וואָס זשע שאָטנט אויפן צדיקס שטערן זיך אַ פלעק?
די אויגן — ווי ביי איינעם וועלכער בלאָנדזשעט אום אין וועג?
און זיין געזאַנג — ווי ס׳וואָלטן עפּעס זיך געשראָקן טענער,
אָט וואַקסט זי אויס, די שרעק, און אָט־אָ, דאַכט זיך, ווערט זי קלענער,
און אָט גאָר בלייבט ער שטום, און די מחשבות יאָגן־שוועבן, —
צו עמעצן, וואָס ראַנגלט מיטן טויט זיך פאַר זיין לעבן?
דער צדיק קומט צו „אדיר הוא...״, און ס׳טוט זיין אויג אַ טרער,
און ס׳פּאַלט אים פון די לעפצן: „שוין... נישטאָ רב סענדער מער...
אַ פּראָסטער ייד... אַ בעל־מנגן... זיך מיט אים צו צירן...
פון „אדיר הוא...״ דעם ניגון ער האָט דאָך געבראַכט צו פירן...
געהערט אים פון אַ מאָלדעוואַנער, האָט ער גלייך דערשפּירט:
ניצוצות... און געלייטערט אים... מיט קדושה אים געצירט...
און צו מיין טיש געבראַכט אים — אַ דערהויבענע מתנה...
מיט אים מיר זינגען „אדיר הוא...״ ביים סדר שנה־שנה...
נישטאָ רב סענדער... זיין נשמה צו דעם הימל שוועבט...
אוי־ווי!... נישטאָ רב סענדער... „אדיר הוא...״ זיין ניגון לעבט...
און וואָס ווערט זיין מיט זיין בן־יחידל אָן טאַטע־מאַמע?
ס׳ווערט יאָסעלע, ווי ער, אַ בעל־מנגן זיין מסתמא...״ —
און מיט אַ מאָל צעשמייכלט זיך זיין פּנים פון אַ שפּאַס:
„מיין חסיד איז דאָך אויך דער ערל זייגער, רב טאַראַס...
רעדט יידיש, ווי אַ גוי, נאָר ווייסט צו זאָגן „בלי נדר״...
ער וועט אַהערברענגען דעם יתום צו דעם צווייטן סדר״ — —
דערמיט לאָזט אויס רב אהרעלע די זאָרגעוודיקע רייד
און „אדיר הוא...״ צעזינגט זיך מיט התלהבותדיקער פרייד.

## ב.

דער הויף האָט יאָסלען נישט אין גאַנצן צוגעטראָפן:
סע האָט געלאָקט דאָס דאָרף, דער טייך, דער וואַלד, די שיין;
ביז איין מאָל פרייטיק איז פון מרחץ ער אַנטלאָפן,
און ס׳האָט געזאָגט דער צדיק: „מילא, זאָל שוין זיין...

„ס'וועט לערנען רב טאַראַס, אים זיין אַ ייד, און ווייטער
וועט ביישטיין אים זיין טאַטנס זכות, דעם ווילדן קינד;
און מיטן כביכולס הילף וועט זיין אַ לייט ער,
און ס'וועט דער שטן נישט דערפירן אים צו זינד...

„ווייל יעדער מענטש טרעט אויס אין לעבן זיך זיין דרך,
און יעדע זעל שפילט אויס איר אייגענע מוזיק...
דעם יתומס טריט אויף טעפּעכער פון ניגון הער איך,
און ביז היכלות הויכע פאָלגט אים נאָך מיין בליק".

באמת, ס'האָט טאַראַס אים ווי אַ ייד דערצויגן:
אַליין געגאַן אין קלויסטער, אים אין שול געשיקט;
אים אָפּגעהיט מיט מילדע טאַטע־מאַמע־אויגן,
מיט פאָלקס־ניגונים יידישע צום שלאָף פאַרוויגט.

⁂

— ס'איז היינט דער יאָרצייט פון דיין טאַטן, אַלע־שלום,
איז פאַר אין שטאָט, זאָלסט קדיש זאָגן, ליכט צינד אָן;
דיין טאַטע איז ביי נאַכט געקומען מיר צו חלום
און מיך געפרעגט: „און קדיש זאָגן יאָסל קאָן?"

— נאָך שפּאָגל־ניי, ווי פרישע, די תכריכים זיינע,
זיין פּנים קוקט אַרויס פון זיי, ווי זון, צעשטראַלט...
און איך האָב אים געענטפערט שיר נישט מיט אַ טענה:
„איר קאָנט אים, באַלעבאָס, פאַרהערן שוין און באַלד".

— איך ווייס, — זיך קראַצט טאַראַס — צי איז עס נישט קיין ליגן?
און וואָס זאָגסטו? כ'מיין... יאָסל, האָב איך רעכט געהאַט?
דיין טאַטע האָט געשמייכלט שטראַלנדיק, און מילד געשוויגן,
און איך — געציטערט ווי אַן אָסיענדיקע בלאַט...

⁂

— און וואָס איז מאָרגן, — פרעגט טאַראַס אים — ליבער זינגער?
„מיין מאַמעס יאָרצייט!" — עטפערט יאָסל ווי דערפרייט.
און ס'דראָט טאַראַס אים מיט אַ וואָרנענדיקן פינגער:
— געדענק זשע ווי געהעריק זיך צו מאַכן גרייט.

און יאָסל פאָרט אין שטאָט און גייט אַריין צום רבין:
„איך האָב היינט יאָרצייט". — ווער האָט דיר געזאָגט? „טאַראַס".
— דער אייבערשטער זאָל אים אריכת־ימים געבן,
דיין גוטן רבין. — מאַכט דער צדיק זיך אַ שפּאַס.

— און זינגען קאָנסטו? — פרעגט דער צדיק מיט אַ שמייכל.
און יאָסל זינגט, מיט וואָס טאַראַס אים שלעפּערט איין.
— ...נגינה שטראָמט פון האַרצן מערער ווי פון שכל,
און ס'איז דאָס האַרץ ביי רב טאַראַסן אידל־פיין...

ג.

ס'וואַקסט יאַשקע אין דאָרף, און אין טייך, און אין וואַלד מיט די שקצים.
די פּלייצעס — ווי מוירערן פעסט שוין, ווי אייזן — די הענט
ביים לייגן אַ קלאַפּטער; אין וואַלד איז אַ שפּילכן אַ קלאָץ אים;
אַלס זינגער און טענצער דער בעסטער אין קאַנט איז פאַרשמט. —

אין נעכט ווייס־לבנהקע טראָגט זיך אַ ליד אַ פאַרבענקטע
פון יענער זייט דאָרף, פון דער פינע, וואָס באָדט זיך אין שיין;
אויף הייסע געלעגערס זיך וואַלגערן שיקסעס געקרענקטע:
„ווען איך בין עס יאַשקעס באַגערטע! ווען איך זאָל עס זיין..."

סע גיסט זיך די בענקשאַפט פון ליד, און זי מאָנט מיט אַ טענה:
„ווו ביסטו? פאַר וועלכן באַהאַלטסטו זיך, ווילסט מיר זיין פרעמד?
מיין גוף און נשמה דיך רופן: „הושענאַ, הושענאַ!",
סע פלאַטערט מיט פלאַמענע צונגען מיין הויט און מיין העמד..."

סע ריזלט די בענקשאַפט אַריין אין דער נאַכטיקער שטילקייט,
וואָס הייבט זיך אָן שטיקן, און ס'פאַלט אין חלשות די וועלט.
נאָר פּלוצעם אַ ווינטל יאָגט אָן און דערמינטערט מיט קילקייט,
ביים ברעג אין אַ קוסטל אַ נאַכטיגאַל זיס זיך צעטרעלט...

און יאַשקע נעמט קנאַלן אַ פריילעכס: ער האָט זי געפונען,
די ליבסטע! זי האָט זיך פאַרהוילן, נאָר גראָד נישט פאַר אים:
אַ שפּאַרבער נאָך איר האָט געיאָגט זיך, איז שנעל זי אַנטרונען;
זי שמייכלט, וואָס ס'האָט זי געפאַנגען די נעץ פון זיין שטים. —

אוי, טאַנצט ער, דער יאַשקע! די שיקסעס דערפילן, אַז ווינטן
זיך דרייען, ווי פלאַמען, און שלענגלען אַריין זיך אין לייב;
ער דרייט זיי, ער הייבט זיי, ער וואַרפט זיי, ווי שטרויענע בינטן...
„אַך, וואָס וואָלט געווען, ווען ער נעמט מיך פון טאַנץ פאַר אַ ווייב?

„כ'וואָלט זיכער פֿאַרשרפֿעט געוואָרן לעם אים פֿון זיין אָטעם...
כאָטש גלייך פֿון גלעגער — אין טרומנע, די טרומנע — אין דרערד!"
נאָר ווייַ! ס'איז דער אַלטער טאַראַס זיין דערציער, ער ראָט אים:
— מע טאָר נישט... — און יאַשקע אַזוי ווי אַ טאַטן אים הערט".

— דו ווילסט, אַז די עלטערן זאָלן אין קבר זיך שעמען? —
אים מוסרט דער אַלטער, ווי ער וואָלט געווען נאָך אַ קינד —
אַז גאָט וועט דיר העלפֿן, אַ יידישע טאָכטער וועסט נעמען,
אין דעמלט, כאָטש ברען זי, כאָטש בראָט זי — באַגייסט נישט קיין זינד. —

און יאַשקע אים האָרכט מיט אַ שמייכל און טראַכט וועגן מיידל —
אַ בלאָסע בת־מלכה — דעם צדיקס אַ שכנה אין שטאָט...
אַ הייליקער פֿידל... צו קושן דעם זוים פֿון איר קליידל...
צי גאָר פֿאַר אַ זעלכן ווי ער האָט באַשאַפֿן זי גאָט?...

## ד.

ס'איז יאַשקע „חסיד־שגץ", ווי סע רופֿן אים די חסידים,
(ווייל אָפֿט אים רופֿט דער צדיק פֿאַרזינגען אַ ליד אים)
דער צושטעלער אין הויף אַריין. ער ברענגט צו פֿירן אַלץ:
פֿון מילכיקס — קעז־און־פּוטער; אייער; אַלערליי ירקות;
פֿון עופֿות — הענדלעך, הינער, גענדז אויף פּסחדיקער שמאַלץ.
און אָפֿט אים רופֿט צו זיך דער צדיק, ווען בישט נאַכט, נישט טאָג איז,
און פֿרעגט אים אויף זיין יידישקייט, זיין פֿרומקייט און זיין פֿאַרכט,
און הייסט אים זינגען לידער... שליסט דערביי די אויגן, האָרכט.

— ...פֿאַרשטייסט, מיין זון? די ווערטער זענען קליפּות, און דער עיקר
איז די נגינה... ווערטער קאָנען קומען פֿון אַ רשע, צי אַ שיכור,
פֿון הימל אָבער — די נגינה... און די קליפּות וואַרפֿט מען אָפּ...
אין ים פֿון ווערטער פֿעלן פּערל? קאָן מען זיי פֿאַרטוישן...
מע לאָזט זיך, ווי אַ טויכער, אין דער טיפֿעניש אַראָפּ...
דאָרט הערט דאָס אויער ווי מלאָכים מיט די פֿליגל רוישן... —
און יאַשקען דאַכט זיך, אַז ער האָרכט דאָס רוישן שוין אַצינד,
די מאַמע אים פֿאַרוויגט צום שלאָפֿן: „שלאָף זשע, שלאָף, מיין קינד..."

— ...און זע, זאָלסט פֿאָלגן רב טאַראַסן, זיי אין אים מקיים
דעם „כבד את אָביך"... טרינקט ער, טרינק מיט אים לחיים,
ווייל זיין נגינה צו פֿאַרדאַנקען ביסטו דאָך אַ ייד,

אַ ייִד... און די געבליטן דייַנע — אויסגעלייטערט־רייַנע.
„ס'איז אמת — שטאַמלט איין מאָל יאַשקע — ווען מייַן בלוט פֿאַרזידט...
נאָר דאָ... אַקעגן צדיקס פֿענצטער... וווינט אַ... בתולה אייַנע.:.
אַ ייִדישע... צי קאָן עפּעס אַרויסקומען דערפֿון ?...
— אַ שדכן... טאַקע רב טאַראַסן... שיק אַהין, מייַן זון.

ה.

שטייט יאַשקע אויפֿן לערן וואָגן און ער שרעקט די פֿערד,
דער וואָגן שפּרינגט, טאַנצט אונטער, ס'טאַנצט פֿון אים אַוועק די ערד;
סע זינגט אין אים אַ גרויס געזאַנג אין אַלע זייַנע גלידער,
ווי איין מעלאָדיע, אויסגעמישט פֿון אַלע זייַנע לידער;
ער כוואַשטשעט מיט דער בייַטש, זי פֿייַפֿט און דרייט זיך, ווי אַ שלאַנג,
נאָר אויך איר פֿייַף און קנאַל זיך מישט צונויף מיט דעם געזאַנג...
ער קערט זיך אום פֿון צדיקס הויז, ווו אָפּגעשטעלט די סחורה,
געזונגען פֿאַרן צדיק און געהאָרכט זייַן ניגון־תורה...
איז אויך פֿאַר אי ר געשטאַנען, פֿאַר זיין... פֿידל, ווי אַ סמיק:
— איך פֿאָר אַהיים צו בדיקת חמץ, „מאָרגן קום צוריק".
און אָט שוין איז ער ביים פֿאַראָם. ער פֿאָרט שוין אויף דער פּינע, —
איז נאָך איינער, ווי ער, אַ גליקלעכער אין דער מדינה ?!
און ווידער טאַנצט דער וואָגן, שפּרינגענדיק פֿאַרבייַ דעם טאָרף,
און יאַשקע קנאַלט אַריין מיט אַ געזאַנג און פֿייַף אין דאָרף...

דאָס דאָרף איז טויב און שטום,
פֿאַרשטאַרט פֿון עק צו עק;
זייַן בליק עס טאַפּט אַרום,
ס'וואַקסט אָן אין אים אַ שרעק;

ער לויפֿט אַרויס צוריק...
אין וועג דאָרט באַרג־אַרויף
פֿאַרטשעפּעט זיך זייַן בליק:
מע שפּאַנט צום פּריצס הויף.

אָט איז ער ביי זייַן שטוב —
נישטאָ טאַראַס! „טאַראַס!"... —
ס'איז שטיל ווי אין אַ גרוב, —
דאָס פּנים ווערט אים בלאַס.

אַ שפּרונג, אַ שמיץ די פֿערד
און מיט די ציין אַ קריץ.
סע לויפֿט אויף צריק די ערד,
ער טראָגט זיך ווי אַ בליץ...

— — — — — — — — — — — —

דער פּריץ באַפֿוילן האָט שמייסן טאַראַסן
פֿאַר קלייבן אין וואַלד זייַנעם כראָסט:
— אַז שינדן פֿון אים זאָל מען בלוטיקע פּאַסן!
און זאָל עס אים האָבן געקאָסט...

— אים בינדן, דעם הינטישן זשידישן דינער!
די ריטער אַהערצו און — שמייסט!
המם... פינעף און צוואַנציק, נישט מינער.
דאָס לייב אים אויף שטיקער צערייסט!

— — — — — — — — — — — —

און ווי, צעשימערט־פייכט, די ערשטע רוט
דעם אַלטן טוט אַ שינד, און טונקל בלוט
באַווייזט זיך אויף זיין לייב — סע טוט אַ שפּרונג
צום פּריץ אַ צעפּלאָמטער הויכער יונג.
— אוי, יאַשקע!... — מורמלט מען מיט שרעק — דער גבר...
„ס'קומט מ י ך באַשטראָפן — זאָגט ער — גרויסער האַר,
אין וואַלד נאָך כראָסט האָב א י ך דאָך אים געשיקט".
— אָך, דו?! דער זשיד, — דער פּריץ לאַכט אַנטציקט,
און דורותדיקע שנאה טוט אַ בליץ
ביי אים אין בליק — גאַנץ פיין... קריגסט טאָפּל שמיץ...
נישט מער... ווייל נעמסט אויף זיך אַליין די שטראָף. —
און יאַשקע לאָזט זיך בינדן ווי אַ שאָף.
— אָך, יאָסל — קרעכצט דער אַלטער איבער אים
מיט דורכגעטרערטער, ציטערדיקער שטים —
דאָס יונגע לעבן האָסט געשטעלט אין קאָן.
צו וואָס? פאַר וואָס, מיין זון, אַזוי געטאָן?
„צוליבן „כבד..." — ער פאַרקריצט די ציין,
טאַראַס דעם שטערן קנייטשט און וויל פאַרשטיין. —
„כ'וועל אויסהאַלטן, טאַראַס... איך בין אַ ייד...
און דו — צום איינשלאָפן מיר זינג דאָס ליד..."
און ס'זינגט טאַראַס... און ס'שמייסט און שינדט די רוט...
דער פּריץ לאַכט אַקעגן שפּריץ פון בלוט...
נאָר יאַשקע שווייגט... ער שטומט, די ציין פאַרקריצט...
און ס'זינגט טאַראַס, מיט יאָסלס בלוט באַשפּריצט...

— — — — — — — — — — — —

און דעם אַלטנס וויג־נגינה
יאָסלס ווייַ פאַרוויגט און שטילט.
אַז סע וואַכט אויף אים די שכינה,
יעדער פּאַדעם לייב דערפילט.

ס'צינדן אָן זיין בלוט די ריטער —
זעט ער ווי זיין מאַמע צינדט
יומטוב־בענטשליכט און מיט ציטער
איז מתפלל פאַר איר קינד.

הערט: דער טאַטע ברומט מיט ניגון: „שטאַרקער, זון, פאַרקלעם די ציין; וועסט אין פיין דעם פיינט באַזיגן, ווייל דיין זעל איז לויטער־ריין״.

און דער צדיק זינגט מיט שמייכל: „פאַל אין עצבות נישט אַריין, קוק אין דער נגינהס היכל, וואָס איז אָנגעפילט מיט שיין...״

— — — — — — — — — — — —

„אוי, יעזוס!... ס'נעמט נישט צו די שמיץ קיין סוף!״
נאָר זע! — זיין ניגון וויגט אַריין אין שלאָף
פּאַמעלעכן דעם גאַנצן עולם דאָ,
סע דרימלט איין דער טאָג, זיין שיין ווערט גראָ...
דער פריץ און די שמייסערס דרימלען איין...
און יאָסל צאַפּלט... אין זיין רויטער פּיין...

— — — — — — — — — — — —

און יאָסלס מיידל וואַרט אים אָפּ אין שטאָט אויף מאָרגן:
אָט קומט ער... האָט דאָך נישט געגאַרט זי... ניין!
איר בלויע בענקשאַפט גרויט, פאַרוואַנדלט זיך אין זאָרגן,
און צו דער שקיעה — אין געוויין.

זי קוקט אַרויס פון פענצטער צו דעם צדיקס שויבן:
זיי גליען קעגן שקיעה בלוטיק־רויט...
די אויגן קוועלן אָן, ווי קרעניצעס, מיט גלויבן:
„אָ, העלף אים, אויב ער איז אין נויט!...״

— — — — — — — — — — — —

אין אליהוס בעכער פינקלט שוין דער רויטער ווין,
די טיר איז אָפן צו דעם דרויסן אין לבנה־שיין,
דער צדיק שטעלט זיך אויף און — אליהו קומט אַריין!
ער טראָגט אַ בינטל רויטע ריטער... ווערט דער צדיק בלאַס,
אַ גבאי טוט אַ ריס זיך פון דער העסעבעט מיט כעס:
„אָן ערל! ס'טייטש? וואָס הייסט?״, נאָר ס'זאָגט דער צדיק: — רב טאַראַס,
קום נעענטער... דערציילט ער... און דער צדיק זאָגט:
— די ריטער, דורכגעווייקט מיט יאָסלס בלוט, צום טיש דערטראָג,
זיי גייען קעגן דימענטן, ברילליאַנטן אויף דער וואָג... —
און ווען טאַראַס דערלאַנגט זיי, הייבט ער אויף זיין בעכער הויך
און מיט אַ לייבן־קול צעשרייט זיך: — גאָט אין הימל, שפּוך! —
שרייט מיט דער גאַנצער עולם, און טאַראַס דער אַלטער אויך.

— — — — — — — — — — — —

אין דרויסן רייסט אַ מיידל זיך די האָר: — צי שוין נישטאָ אים?!...
און מורמלט נאָך דעם עולם — „שפוך חמתך על הגויים..."

— — — — — — — — — — — —

און דאָרט אין דאָרף קומט יאָסל אויף פון הינערפּלעט אין ווייען:
ס'איז פּסח היינט...ביים סדר דאָרף אַ יעדער ייד זיך פרייען...
און זי... מיין פידל? יאָמערט אויף געוויס אַצינד אַ ניגון:
„ער האָט אויף הפקר פאַרן ווינט אין פעלד געלאָזט מיך ליגן.."

— — — — — — — — — — — —

ו.

די פינע טראָגט די וואַסערן צו דער געגאַרטער וויט,
און די גורלות פון די מענטשנס לעבן טראָגט די צייט:
אויף די מאָהילקעס היט אַ צלם שוין טאַראָס געביין,
ווּהין זיין יאָסל קומט אַ מאָל, איין מאָל אין יאָר, צו גיין
און פונעם קבר רייסט דאָס ווילדגראָז, רייניקט אים געטריי.
שטיל־שטיל — צי אַ קאַפּיטל תהילים? — שעפּטשעט ער דערביי.
ער הייבט זיך אויף, און גלייכט זיך אויס, און וואַרפט אַ בליק אַרום:
אַ טאָפּל פרעמדע וועלט... די צלמים קוקן אָן אים קרום...
צו דעם געזאַנג פון פייגל אין געצווייג ער הערט זיך איין,
און אויף זיין שטערן — ציטער־שפּיל פון שאָטן און פון שיין...
סע הענגט אַ רגע אויפן קבר'ס צלם שטאַר זיין בליק,
און ברומענדיק אַ ניגון לאָזט ער זיך אַהיים צוריק:
דאָרט קוקט אים אויס מיט בענקשאַפט און באַזאָרגט זיין... פידל, ס'ווייב,
וואָס האָט אים אויסגעשפּילט... ניגונים, קינדער פון זיין לייב.
זעקס קינדערלעך... (ווי ס'קאָן אַ מענטש אין אָרעמקייט זיין רייך!)
און ס'וואַרט די אַרבעט, און די נעצן, און די פיש אין טייך.

ז.

ס'האָט ליב רב אהרעלע פון יאָסלען אָפּט צו ריידן:
— ער קומט אַ יעדן פרייטיק אין דער פרי
און רייסט זיך צו פאַרבלייבן שבת הי...
„דו טאָרסט נישט, זאָג איך, מיט דיין פידל זיך צעשיידן..."

— יאַ־יאַ... אַ פידל, וואָס סע רוט אויף אים די שכינה
און איז באַהאַפטן מיט זיין זעל און לייב —
ער רופט אַזוי זיין גאָטס־באַשערטע ווייב...
איך הער ווי איר נשמה זינגט פון זיין נגינה.

— זיי האָבן קינדערלעך — איז יעדעס קינד אַ ניגון
פון זייער אינגעווייד, נאָר זינגט אַליין —
זיי וועלן ווייטער אין דעם עתיד גיין
און זינגען „דער געשמיסענער, וואָס האָט געשוויגן"...

— שלא בפניו...* יאָסלען לאָמיר זינגען לויבן:
ער זאָרגט פאַר אונדזער שבתדיקן טיש,
באַשיינט, באַהערלעכט אים מיט שטומע פיש
און מיט ניגונים, וועלכע רעדן גאָר געהויבן...

ח.

רב אהרעלע שיקט אָפּ דעם גבאי: — לאָז מיך ערשט אַליין. —
דער פינעס ברעג איז לער און שטיל; קיין זכר נישט פון מענטשן;
די זון צו טבילה גייט אין אַ פּאַלאַנקע... צום פאַרגיין.
ער הערט דעם גוססדיקן טאָג דעם אָונט בענטשן.

זיין לעכצנדיקער בליק איז איינגעשטאָכן אין דער ווייט,
און זיין געהער פאַרנעמט דורך דיקע קליפּות אייז דאָס פליסן
פון וואַסער אונטער זיי, וואָס בענקט און רייסט זיך צו דער צייט,
ווען ס׳וועט — באַפרייט — אַן אָטעם טאָן מיט לופט, און זון געניסן.

מיט בענקשאַפט איז אַדורכגעזאַפּט דער חלל פון דער וועלט,
זי דרינגט אַריין אין מענטשנס האַרץ דורך סודיקע צינורות;
די מלכה שבת שטייט נאָך מיט אַ האַלבער וואָך פאַרשטעלט,
נאָר זע — סע בענטשט שוין ליכט דער הימל — שטערן אין מנורות.

פון בענקשאַפט צו דער מלכה ווערט דעם צדיקס האַרץ צעשפּאַרט,
און ס׳רייסן זיך די הענט, ווי פליגל צו אַ רוים אַ פרייען.
זיין שיר דעם אָנגעהויבענעם צו ענדיקן ער גאַרט
און נעמט אים ווידער אויף דער וועבשטול פון געפיל און רעיון...

* הינטער די אויגן.

און מיט אַ מאָל... בריליאַנטן־שניי פון הימל טוט אַ פלייץ,
די לופט ווערט בלענד... אין בלענד זי נידערט ווי אויף שטיגן,
די מלכה שבת... זי איז מלא־חן און מלא־רייץ...
אַ שטאַלט פון גייסט... אַ הימלדיקער שטראַלנדיקער ניגון...

— אַ, מלכה! — רייסט זיך פונעם צדיקס קעל אַרויס אַ פרייד,
באַגייסטערט קנאַקט ער צו מיט זיינע איידל־בלאַסע פינגער — —
דער לעצטער „בית״* פון זיין ליד איז פאַר די אויגן שטייט.
ערשט פעלט נאָר די נגינה פון זיין גאָט־געבענטשטן זינגער...

ט.

— אַ יישר־כוח, יאָסל, פאַר דיין שלח־מנות — פאַר די פיש,
נאָר כ׳בעט פון דיר אַצינד אַ גאָר געהויבענע מתנה:
איך דאַרף אַ נייעם ניגון צו מיין שבתדיקן טיש,
וואָס לעכצונג ביז מסירת־נפש שטעקט אין זיין כונה...

איך האָב פאַר מלכה שבת אויסגעווערקט אַ נייעם שיר,
שפּאַצירנדיק אין שניי ביים ברעג פון דער געשמידטער פינע, —
סע דאַרף דער ניגון זיין אויף מלכה שבת האַלדז אַ ציר
און ראוי, סע זאָל רוען אויף זיין יעדן טאָן די שכינה...

ס׳זאָל הערן זיך די לעכצונג פון דעם וואַסער אונטער אייז,
וואָס רייסט זיך פון דער פינצטערניש צום כתר — קרוין פון שטראַלן,
און ווו אַ שטראַל אין אַ פּאַלאַנקע טוט זיך אַ באַוויז,
עס זעט אין אים אַ צייכן, נישט צו זיין ביי זיך געפאַלן...

ס׳זאָל הערן זיך פון וואַסערן די יובלדיקע פרייד,
ווען ס׳פּלאַצט דאָס שוואַרצע אייז, און ס׳פאַלן אָפּ די קייטן,
ווען פאַליעס יאָגן איבער זיך מיט רויש צעשוימטערהייט,
און לינדע רוחות זיי אין שטראַלן־קאַרעטעס באַגלייטן...

ס׳זאָל הערן זיך דער גלוסט, דער כלות־הנפש פון אַ זעל,
וואָס זעט איר מלכה פון דער ווייט און קאָן זי נישט דערלאַנגען,
וואָס איז מקנא אויף דער מלכהס האַלדז די מינדסטע קרעל
און וואָלט אויף יענערס אָרט אַ זעליקע זיך אויפגעהאָנגען. —

* סטראָפע.

אַזוי גליט אויס דער צדיק; יאָסל האָרכט אים בלאָס און שטיל.
— און איצטער, יאָסל, האָרך דעם שיר, פאַרנעם מיט זעל־און־לייב אים,
ווי דו אַליין וואָלסט אויסגעכאָוועט אים מיט דיין געפיל;
דעם ניגון לערן ביי דער פינע און אין זעל פאַרשרייב אים...

— — — — — — — — — — — —

דער צדיק זאָגט אויף לשון־קודש און פאַרטייטשט אויף יידיש
אַ יעדעס וואָרט, און יאָסל הענגט — אַ פאָדעם — אויף זיין ברעם...
זיי קוועלן אָן פון יעדן וואָרט: ס'איז יעדעס מלא־חידוש
און יעדעס הייליק, ווי פון כהן־גדולס מויל דער שם...

— — — — — — — — — — — —

„איך לעכץ, באַשעפער, נאָך דער מילדקייט פון דער מלכה שבת,
וואָס איז צונויפגעפּאַסט, באַהאָפטן מיט די מעלות דיינע:
באַשענק דיין פאָלק מיט לוסט צו יראת־אלוקים, די יידן,
וואָס זייער שטרעבן איז דעם רצון דיינעם צו דערפילן;
אָ, זויבער זיי און הייליק מיט דער קדושה פון דער מלכה,
דער מלכה שבת, וועלכע איז באַהאָפטן מיט דיין תורה;
באַגער זיי, גיב צו עפענען דיין רצונס טויער, בורא.

„אָ, גאָט, וואָס ביסט געווען, און ביסט אַצינד, און זיין וועסט אייביק,
באַוואָך די שוינער און דערוואַרטער פון דער מלכה שבת.
ווי ס'לעכצט אַ הירש ביים וואַסער, לעכצט מיין זעלע אויפצונעמען
דיין מלכה שבת־קודש, די באַהעפטע מיט דיין נאָמען.
באַשיץ די פרומע, וועלכע שפּעט זיך שיידן מיט דער מלכה שבת,
זי זאָל נישט אָפּגעשלאָסן זיין פון זיי די וואָך די גאַנצע,
די טעג, וואָס הייליקייט פון איר, דער הייליקער, באַקומען,
און רייניק זייער האַרץ, ס'זאָל טריי און אויפריכטיק דיר דינען.

„אָ, מלכה הייליקע, מיין זעלע פיבערט פון אהבה!
אין שאָטן פון די פליגל דיינע, מלכה שבת־קודש,
געפינען שוץ די יידישע פאַרוואָגלטע נפשות
און מיט די אויסדערווײלטע שפּייזן פון דיין טיש זיך זעטן.
אָ, מלכה הייליקע, מיין זעלע פיבערט פון אהבה!".

י.

שוין נאָך חצות. סע שלאָפט נישט יאָסל פישער, —
וואָס האָט אויפגערודערט זיין געמיט?
רגעווייז דעם שטערן טוט אַ ווישׁ ער —
קלאָרער אויפגיין זאָל דעם צדיקס ליד...

ס׳וואַכט אין אים דער ערשטער האַלבער ניגון —
ווי געשמידטערהייט דאָס וואַסער לעכצט,
אין דערוואַרטונג זיך אַרויסצוקריגן
פון דעם אייז, הנאהדיק צעקרעכצט.

וואַרט ער, יאָסל, אויף דער העלפט דער צווייטער,
ווען אַ פּלאַץ טאָן וועט די דעק פון אייז,
און סע וועט זיך, אַ צעשוימט־דערפרייטער,
טאָן דער שטראָם צום הימל אַ באַווייז...

— יאָסל, וויפל איז דער שיר זיך פלאָגן? —
מאָנט ביי אים פון בעט אַרויס דאָס ווייב —
שפּאָר זיך צו; סע הייבט שוין אָן צו טאָגן;
האָב רחמנות אויף דיין אייגן לייב.

„רחל... — טוט ער מיט אַ ברעם אַ פינטל —
נעכטן איז דאָס אייז געוועזן שוין שוואַרץ;
ציט נאָר אָן אַ וואַרעם מזרח־ווינטל —
פּלאַצט עס... ס׳זאָגט נביאות מיר דאָס האַרץ.

„אַז... דו הערסט?!...״ — ער קושט איר אין די אויגן
און לעמ איר דאָס שלאָפנדיקע קינד
און — אַרויס אין דרויסן פייל־פון־בויגן,
ווי געטראָגן אויף אַ כוואַליע ווינט — —

— — — — — — — — — — — —

דעם ערשטן טראָגט עס יאָסלען אָן צעפלאָשעט צו דעם ברעג.
סע קאָרטשעט זיך, ווי לייב, דאָס אייז, אין בייזן וויי, אין שרעק;
דורך שוואַרצע שפּאַרעס שפּאַרט זיך פליסיקייט און בלעזלט קוים,
און דאָ און דאָרטן טוט אַ שפּריץ עס מיט אַ ווייסן שוים;
אָט טוט זיך ס׳אייז — אַ כמאַרע — טיף אַ קנייטש־אַריין אין זיך,
און באַלד אַ קנייטש־אַרויס זיך, ווי אַ בויך, און שווער אַ קריך
אויף זיך אַליין, און אַ צעבראַזגע זיך מיט אַ געקנאַל;
כּע שיסן גייזערס הונדערטער און טוען צריק אַ פאַל;
דער טונקלער רוים איז פול מיט רויש, געטומל, קנאַלעריי, —
דער הימל, צי די ערד צערייסט דאָרט קייטן?... צו דער פריי!
נאָר ס׳טוען זיך אַ וואָרף די קריעס, שטעלן זיך ד׳באָם,
געדיכט אין מחנות זאַמלען זיך: — נישט דורכלאָזן דעם שטראָם!
דעם וועג פאַר אים פאַרשטעלן אין דער ברייט און אין דער לענג! —

נאָר ס׳וואַסער מיט אַ זידעריי שפּרינגט אויף און זיי פאַרשווענקט;
זיי טויכן באַלד אַרויף פאַרגאַפּטע, ווי געטאָן אַ טראַכט:
„נאָך פּרווון?...״ — גלייך אַ צווייטע כוואַליע וואַרפט אויף זיי זיך, לאַכט
מיט ווייסן שוים און גריזשעט זיי, און בייסט זיי, ווי מיט ציין, —
איז געבן זיי זיך אונטער: ווי סע גייט שוין, זאָל עס גיין...
און אויס שוין מיט דער אחדות... יעדערער באַזונדער איילט,
ווער שטאַרקער, שטויסט דעם צווייטן, זעצט אים אין די זייטן, קיילט...
אַצינדער טומלט שוין און רוישט דאָס גאַנצע דאָרף ביים ברעג,
און מיט די אויגן לויפט מען נאָך דאָס אייז, וואָס ציט אַוועק.
און אין דעם טומל, וואָס פאַרשלינגט דאָ אַלעמען אַרום,
אויך יאָסל שטייט — אַן אָפּגעזונדערטער און שטום;
סע ציט זיך מיטן קריע־גאַנג זיין יובלדיקער בליק,
און ס׳זינגט אין אים אַ שטים — זיין יעדער אבר איז מוזיק;
ער שפּירט: דער צדיק ברומט אין אים זיין לעכצנדיקן שיר...
ער טראַכט: „דעם צדיקס שמאַכטנדיקע זעל — אין מיר...״
דער עולם מערקט נישט, אַז סע שטייט דער טאָג שוין אויפן ברעג,
ווי פּלוצעם טוט די זון זיך אויפן מזרח אַן אַנטפּלעק,
און יאָסל זעט: די מלכה שבת נידערט אויף דער ערד,
אַנטקעגן גיין איר. יעדער טראָפּן בלוט אין אים באַגערט;
ער טוט אַ שלעפּ אַראָפּ אין טייך אַ שיפל, שפּרינגט אַריין
און ווערסלעוועט, און רייסט זיך צו... דער מלכהס שיין...
צעזינגט זיך אויפן קול, באַגאָסן פון דער זונשיין רויט,
און פישער שרייען נאָך אים: — יאַשקע, גייסט אַקעגן טויט! —
„...מיין זעלע פיבערט פון אהבה... כ׳אייל צו דיר... איך קום...
מיך שרעקן נישט די אַנגסטן, וועלכע רינגלען מיך אַרום...״
די קריעס שפּאַרן־אָן געדיכט, דאָס שיפל קלעמען איין
און אין די אָרעמס פון דער מלכה טראָגן אים אַריין....

— — — — — — — — — — — — —

די ערב־פּסח־ער״ב־שבתדיקע זון פאַרגייט.
אַרום דעם צדיקס חדר טרעט מען ווייך און שטומערהייט;
אין חדר צינדט די רביצין אין שטום געוויין די ליכט,
און זייער שיין מיט בלאַסע שטראַלן שפּילט אויף זיין געזיכט;
ביי זיין צוקאָפּנס יאָסלס ווייב און קינדער שטייען שטום:
ער גוססט: „...איך... באַשעפער... פיבער פון אהבה... המם...
איך גיי שוין, יאָסל... הערן דיך... דיין ניגון... צו מיין שיר...״
דעם צדיקס בליק און ברעמען גליווערן צום לעצטן ריר...
געשיידט זיך מיטן גוף, דערזעט זיין אויסגעבענקטע זעל:
די ווייסע מלכה שבת וואַרט שוין אָפּ זי אויף דער שוועל...

וואַרשע, יוני, 1959

## אויפֿן ברוקלינער בית־עלמין „הר הכרמל״ *

דער הימל איז באַוואָלקנט, ווי אַ קאָפּ מיט זילבער־קרויזן,
און די לבנה זייט איר שימער דורך די תּכלת־בלויזן;
אַ בלעטל דאָ, אַ גרעזל דאָרט אַקעגן אים צעגרינט זיך,
און מיט דער שטילקייט פֿון דער האַלבער נאַכט די שיין פֿאַרשפּינט זיך.
אויף ברוקלינער בית־עלמין „הר־הכרמל״ שאָטנס בלאָסן —
שפּאַצירנדיקע מתים צווישן די מצבות־גאַסן.
ווי פּלוצעם נעמט אַ ווינטל אין די קרויזן־וואָלקנס בלאָזן,
און ליכט און שאָטן יאָגן איבער זיך אין רוים, ווי האָזן.
די מתים בלייבן שטיין פֿאַרגאַפֿט, צעפּלאָטערט אויף די ערטער
און נייגן צו אַן אויער צו די ווינטלדיקע ווערטער:
„אַ גאַסט... ער ווירבלט זיך אַרויף פֿון טיפֿעניש פֿון באָדן,
זיין ברויזנדיקער גייסט מיט גלי־ליכט פּונעם סנה באַלאָדן...״
און מיט אַ מאָל — אַן עמוד־אש. אין אים — אַ מענטש אַ נסתּר.
און די מצבה, וווּ ער שטייט, מיט טיפֿן נייג באַגריסט ער...
צו דער מצבה לאָזן זיך די מתים. אין אַן עיגול
זיך שטעלן איין — מלאָכים מיט געשטרעקטע ווייסע פֿליגל.
סע הערט זיך פֿונעם עמוד־אש אַרויס אַ שטילער פֿליסטער:
„איך בין צו דיר געקומען, שלום, ווי אַ מת אַ נסתּר:
ס'האָט המנס אייניקל צעמורשט מיין לייב, מיין יעדעס אבֿר,
און ס'ווייסן נישט די יידן מיינע וווּ סע איז מיין קבֿר.
פֿון אומרו וועט מיין בלוט אין טויטן האַרצן אייביק זידן,
כּל־זמן מיין קבֿרס ערד וועט נישט פֿאַרנעמען טריט פֿון יידן...״
פֿון דער מצבה קומט אַרויס דער פֿאָלקס־באַליבטער שרייבער,
דער „פּשוטער, וואָס האָט געשריבן יידיש־טייטש פֿאַר ווייבער״,
סע פֿלאָטערט אויף זיין שאַרפֿן בליק און ווייכן מויל אַ שמייכל,
אַן אומעטיקער, דורכגעשפּיזלטער מיט שטראַלן שׂכל,
און פֿאַרן פֿייערזייל פֿאַרנייגט זיך טיף מיט דרך־ארץ:
„דו קדוש... קדוש! קדוש! גרויסמאַרטירער מאַרקיש פּרץ,
ווי משהס פּנים איז צעשטראַלט דיין גאַנצער גוף אין וווּנדן,
ווי רבֿ עקיבֿאס לייב, וואָס מ'האָט פֿון דעם די הויט געשונדן...
ביסט נישט קיין נסתּר: פֿאַר דיין אָנדענק שטייט דאָס פֿאָלק געבויגן,
און דו — אַ פֿייערזייל אין זייערע פֿאַרבלענדטע אויגן.
אַ נסתּר איז דיין קבֿר בלויז — דאָס אָרט פֿון דיין עקידה —
פֿאַרבעט איך דיך צו זיך... ס'וועט קלעקן אָרט דאָ פֿאַר אונדז ביידע,
און זאָל דיין אומרו־בלוט אין האַרצן אויפֿהערן צו זידן.

* וווּ ס'ליגט שלום־עליכם.

אין אונדזער קבר וועסט פאַרנעמען שוין די טריט פון יידן..."
„איך גיי צו דיר. איך הער די שטים פון פאָלק אין דיינע ווערטער,
ביי אונדז אין קבר וועל איך רוען, שלום מיין באַשערטער..."
און פון דעם עמוד־אש טיילט אויס פּאַמעלעך אַ געשטאַלט זיך,
און די מצבה, ווי אַן אָרון־קודש, ברייט צעפּראַלט זיך,
געאַרעמטע זיי שלייכן שטיל אריין אין דער מצבה,
וואָס אַן אַ קלאַנג פאַרמאַכט זיך, ווי די טיר פון נחס תבה...
און פאַר די מתימס אויפגעפּראַלטע און פאַרגלאָצטע אויגן
צעווירבלט זיך אַרויף דער עמוד־אש — אָוועקגעפלויגן — —
און ווידער איז דער הימל ווי אַ קאָפּ מיט זילבער־קרויזן,
און די לבנה זייט איר שימער דורך די תכלת־בלויזן;
אַ בלעטל דאָ, אַ גרעזל דאָרט אָקעגן אים צעגרינט זיך,
און מיט דער שטילקייט פון דער האַלבער נאַכט די שיין פאַרשפּינט זיך.

וואַרשע, יאַנואַר, 1959

## די געטאָ־קעמפער און משיח ביי די טויערן פון רוים

דער וואַרשעווער געטאָ — אַ ים פון צעפלאַקערטע שייטערס — —
— — — — — — — — — — — —
ווער זענען די נעפּל־געשטאַלטן, וואָס שלייכן דורך פלאַמען
און לויטערע טרעטן אויף שוואַרצע יריעות פון רויכן,
און שטייגן אַלץ העכער און העכער אין אָפּשיין פון שרפות?
עס פלעכטן זיך טויבן אין קרענץ, פאַר די פיס זיי צו פאַלן;
דער נאַכטיקער הימל באַלייכט זייער וועג מיט די שטערן,
און פול איז דער רוים מיטן שטערן־געזאַנג, וואָס באַגלייט זיי;
ווער זינגט עס — די שטערן, צי זיי, דאָס געזאַנג פון נצחון?
און פעלדער, און וועלדער, און טייכן, און בערגער, פאַרגאַפטע,
זיך טוליען אין שויס פון דער נאַכט און פאַרנעמען דאָס זינגען.
סע ציט זיי, די נעפּל־געשטאַלטן, ווי פייגל, קיין דרום.
סע טוישן זיך לענדער: צו דריטער אשמורה — איטאַליע;
סע רופט זיי דאָס רוישן פון טיבער; זיי שלייכן צום באָדן —
אַ ריזיקע מחנה געשטאַלטן אין שפּור פון אַ פירער.
דער פירער, מיט שטאָלץ אויפן שטערן און זיג אין די אויגן,
שלייכט לאַנגזאַם, באַצוונגען, קיין רוים, צו די טויערן אירע;
די מחנה שלייכט־נאָך אים אין פאַרכטיקן הייליקן שווייגן.
געקומען... געשמידט צו די טויערן שטייט דאָ אַ גיבור,
אין קייטן, מיט בליץ אין די אויגן, מיט גבורה אין אָטעם,

כאָטש זיקנה, ווי שניי, לייכט אַראָפּ פון זיין קאָפּ דעם געקרויזטן.
— משיח... אין קייטן?! — שרייט אויף אין פאַרצווייפלונג דער פירער —
און לעבסט? און דו ביסט גישט פאַר ווייטיק און חרפה געשטאָרבן? —
סע קוקט אים משיח אַריין אין די אויגן און ענטפערט:
— פאַר ווייטיק צו שטאַרבן? קאָן זיין דען אַ חרפה נאָך גרעסער?!
פאַר חרפה? צו שמידן אין קייטן — בלויז דאָס איז אַ חרפה!
צו זיין אַ געשמידטער, הייסט — ווייזן די שאַנד פון באַצווינגער.
סע זענען געשמידט מיינע הענט, מיינע פיס — נאָר אַ פרייער
שוועבט אום מיין געדאַנק און באַגייסטערט צום קאַמף פאַר דער פרייהייט.
צי האָסטו נישט, מרדכי, געזאָגט אים אין קאַמף אין דעם געטאָ?
— סע האָט דער געדאַנק וועגן פרייהייט באַגלייט מיך כסדר,
געפירט פאַר דער האַנט מיך, אַזוי ווי אַ מאַמע, די שכינה;
ער האָט מיר געלויכטן, משיח, דורך שטויב און דורך גאַזן —
ביסט דו עס...? דאָס איז ער! אָט לייכט ער אַצינד אויף דיין שטערן! —
געשעפּטשעט האָט מרדכי, אין ערפורכט צו אים זיך דערנענטערט
און, פּנים־אל־פּנים — סע האַלדזט אים משיח און קושט אים.
דערזעען די נעפּל־געשטאַלטן: זיי זענען דאָך איינער —
משיח, און מרדכי, און יענער געדאַנק, וואָס באַפליגלט
האָט יעדן פון זיי אין־עם קאַמף פאַרן מענטשלעכן כבוד.
— חברים! — סע רופט זיי משיח, די שטים אָבער — מרדכיס —
דערנענטערט זיך אַלע און לאָמיר אַרומנעמען, קושן
די הייליקע קייטן, וואָס קלינגען מיט בשורה פון פרייהייט. —
און איינציקווייז שלייכן די נעפּל־געשטאַלטן צו מרדכין;
סע האַלדזט זיי משיח, טוט יעדן אַ קוש אויפן שטערן,
און ס'קלינגט זיך צוזאַמען דער קוש מיטן קלאַנג פון די קייטן;
און ס'ווערט יעדע רגע מיט איינעם געמיינערט די מחנה...
דערווייל נעמט שאַריען... דאָס לעצטע געשטאַלט איז פאַרשוואונדן.
אַליין שטייט משיח, געשמידט, נאָר מיט שטאַלץ אויפן שטערן.
אין רוים האָט אַ האָן זיך צעקרייעט: סע האָט אויפן מזרח
דער הימל געבורן אין בלוטן אַ זון, און איר אויפגאַנג
טוט אָן אויפן קאָפּ אויף משיחס אַ גאָלד־קרוין פון שטראַלן — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

דער וואַרשעווער געטאָ — אַ תוהו־ובוהו פון ציגל,
און איבער אים שוועבט דער געדאַנק פון באַפרייונג משיחס.

ערב פינפטן יאָרטאָג פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד. לאָדזש.

# מיר קאָנען נישט פאַרגעסן

## גבריאל פרישדאָרף פון כמורנער־שול

מיין שילער — מיין סאָליוט

כ׳געדענק דיך, פרישדאָרף, פונעם לעצטן קלאַס —
דער העכסטער שילער מיטן גלייכסטן שכל,
אַ גרייטער תמיד אויף אַ שטילן שפּאַס.
סע שטייט מיר פאַר די אויגן נאָך דיין שמייכל —

אַ שעמעוודיקער, קלוגער, מיטן מיין:
„וואָס כ׳ווייס, כ׳האָב ליב אין האַרצן צו פאַרשליסן..."
די אויגן גלאַנצן, און די באַק מיט חן
זיך גריבלט, רויזלט זיך צוליבן וויסן.

כ׳האָב דעמלט נישט די גרויסע קראַפט געאַנט
(און ווער האָט גאָר געקאָנט אַזעלכעס אַנען?),
וואָס הינטער שטילקייט דיינער איז פאַראַנען! —

אין צייט פון גרויסן בראַך וועסט זיין אין שטאַנד
באַווייזן גבורה, גלייך אַ פעלדז צו רירן,
און דורות וועלן מיט דיין טאַט שטאַלצירן.

גבעתיים, מערץ, 1963

## פרץ אפאטשינסקי

א.

ביסט אויפגעגאַנגען ווי אַן איידלער פלאַנץ
אויף מיסט פון אָרעמקייט און בלינדן גלויבן,
נאָר שטיל געפלאָכטן האָט זיך אין אַ קראַנץ
אַרום דיין קאָפּ אַ ווייס געזעמל טויבן.

נאָך קינדוויין ביסט אַוועק אויף נע־ונד,
ביי פרעמדע טישן בעטלבראָט צו עסן;
ס'האָט זעלטן דיך געמאַכט דער מאַלצייט זאַט,
ווייל ביסט אויס שאַנד אויף קוילן־גלי געזעסן,

און ווען די בענקשאַפט הייבט דיך אָן צו נאָגן,
און דיין געמיט — זיך קאָפּ אין וואַנט צו שלאָגן,
צו דעם תנ"כל טוסטו זיך אַ יאָג,

וואָס ס'האָט די מאַמע דיך דערמיט געזעגנט,
און וויינסט... אויף דיינע בלאַסע באַקן רעגנט,
און אין געזאַנג פאַרוואַנדלט זיך דיין קלאָג...

ב.

אין נויט האָסטו געשטיגן, זיך דערהויבן,
פון לערעס זיך געזאַמלט אַ פאַרמעג;
אַוועקגעווישט די בעלמע פון דעם גלויבן
און דורכגעלייגט דורך צווייפל זיך אַ וועג;

זיך מיט דער שיינקייט פון באַשאַף געברידערט
און מיטן באַרוועס זיך געלאָזט אין גאַנג.
דאָס בלוט דיינס האָט געיוירן און געלידערט —
זאָל זיין, אַז אומעטיק, נאָר פאַרט — געזאַנג.

געגנומען האָסט אַ תנא* פאַר אַ מוסטער,
באַשלאָסן: „איך וועל זיין, ווי ער, אַ שוסטער,
צו קאָנען לעבן ערלעך פון מיין מי;

* יוחנן הסנדלר

געשמידט צום בענקל וועלן זיין די גלידער,
נאָר נישט דער גייסט אין דיכטערישן פלי,
און ס'וועלן הערלעכער נאָך זיין די לידער..."

ג.

די מוזע, ווען דו ביסט געווען נאָך גרין,
האָט דיך באַשענקט מיט קנאָספּן פון געזאַנגען;
נאָר ס'האָט די דייטשישע מלחמה־שפּין
געלויערט און גענומען דיך געפאַנגען.

זי האָט דיך — אויס אכזריות — נישט געטייט:
ער וועט איר דאָך, דער קרבן, נישט אַנטרינען...
און ווידער האָט דער גורל דיך באַזייט
מיט זאָרגן — גרויע, נאָגנדיקע שפּינען.

אין דיין געלעכץ — צו העל מאַכן דאָס גרוי,
באַזוניקסט עס מיט ליבשאַפט צון אַ פרוי,
און זאָל די ליבשאַפט ראָזע פרייד געבוירן; —

דער גורל אָבער האָט פון דיר געשפּעט:
„איך שפּיל מיט דיר אין בלענדזעניש, פּאָעט,
ביסט לאַנג פאַרמשפּט שוין צו גיין פאַרלוירן."

ד.

ס'איז נישט באַשערט געווען דיר פון דער פרוכט
פון וואָרער ליבשאַפט צו געניסן:
ווי ס'וואָלט אַ ווינט זי יונגערהייט געפלוכט
און פון דעם טאַטע־מאַמע־שטאַם געריסן...

און ס'איז דיין גייסט, צעציטערט ווי אַ בלאַט,
פון צווייזאַמקייט אין איינזאַמקייט פאַרקראָכן,
האָסט שטום אָוועקגעבלאָנדזשעט נע־ונד,
די שוואַכע פליגל אָבלדיק פאַרבראָכן.

„...זיך שיידן מיטן לעבן" — האָסט געטראַכט,
נאָר ס'האָט אַ טייוול בייז פון דיר געלאַכט:
„דיין פרוי באַשענקט דיך מיט אַ פרוכט אַ נייע..." — — —

האָט ווידער אויסגעתכלתט זיך דיין בליק:
מיר וועלן זאַלבעדריט געניסן גליק — —
נאָר אין בערלין האָט שוין געלוגט די חיה...

ה.

דאָס לעבן איז געווען פאַר דיר אַ האַרטער לערער,
האָט דיך פאַרהאַרטעוועט צו שוואַרצער ענד,
ווען קומען וועט דער ווילדער וועלט־צעשטערער
און אַלץ וואָס לעבט, וואָס טויט פאַרהייליקט — שענדט.

דיין גייסט איז איצט געווען שוין אַ געשטאַלטער —
האָט נישט פאַרבלאָנדזשעט מער אין נע־ונד;
וואָלט נאָר דער גוף נישט שלאַבריק ווערן, וואָלט ער
צום תהילים צוגעתפילהט נאָך אַ בלאַט.

נאָר ס'האָט אַ היטלער־טיפוס זיך צעקלונגען
אין דיין געהער, פאַרצערט דיך, איינגעשלונגען —
פון יידן־וואַלד אַן איידלער, יונגער פלאַנץ,

נאָר גייסטיק — ווי אַ דעמב, געשטאַרקט אין גלויבן.
אַרום זיין קרוין געזוניקט האָט אַ קראַנץ
פון אַ געזעמל זילבער־בלאַנקע טויבן...

מאַי, 1963

## שמחה בונעם שאיעוויטש

צו הזכרת־נשמות, יום־כיפור תשכ"ד

א.

שטיי אויף פאַר מיינע אויגן, שמחה בונעם,
מיט ווייב און קינד, אין אייער קאַלטער נעסט:
כ'וויל שעפּן טרויער פון דיין טיפן ברונעם,
ווייל כ'אַבל אַלץ נאָך ווייניק, ווי דו זעסט.

אבלות פליסט אַוועק אין בעט פון לעבן,
פאַרטריבן פון דעם פלייץ פון בלוט אין פרייד;
אַזוי איז אונדז פון דער נאַטור געגעבן —
צו טרויער מוזן ווערן מיר געניייט.

און מיך — עס האַלט אַ חוב פֿאַרקלעמט אין צוואַנגען; —
ס'לאָזט הערן, ווי פֿון שטיקעניש, זיין קול
דער זעקס־מיליאָן־צו־אייביקייט־געגאַנגען:
„צאָל אָפּ דעם טרויער־מס דיין פֿאָלק, באַצאָל!"

דיין קינדס געמיט האָט דיך געמונטערט: שרייבן
און צו דעם פֿאָלק דערפֿילן גאָר דעם חוב;
און מיך — מיין ייִנגל טוט מיט פֿרייד פֿאַרלייבן,
פֿאַרטראָגט מיין טרויער מיט זיין ווילד געלויף. — —

שטיי אויף פֿאַר מיינע אויגן, שמחה בונעם,
מיט ווייב און קינד, אין אייער קאַלטער נעסט:
כ'וויל שעפּן טרויער פֿון דיין טיפֿן ברונעם,
ווייל כ'אָבל אַלץ נאָך ווייניק, ווי דו זעסט.

ב.

שטיי, שמחה בונעם, אויף פֿאַר מיינע אויגן,
אין אייער קאַלטער נעסט, מיט ווייב און קינד:
מתיחד זיין זיך כ'וויל מיט אייך אַצינד
און שטיין אין טרויער איבער אייך געבויגן.

נאָר נישט ווי טויטע שטייט איר פֿאַר מיין בליק:
די נעסט — באַדעקט פֿון פֿראָסט מיט אייזטוי־שימל;
דיין ווייב — אַ געלע זון אויף גרינעם הימל;
דיין בלימעלע, דאָס נעזל רויט, ווי צוויק,

שטיפֿט אַלץ אַרום — אַ פֿויגל אין גן־עדן;
און דו — לעם גרויען, נאָר פֿאַרשפּרייטן טיש,
דיין פּנים — פֿראָסט מיט פֿלאַמען אין געמיש,
און קאָנסט זיך מיט דיין שווערער פּען נישט שיידן.

ווי שווער מוז זיין אַצינד דיין פּען — דיין שווערד!
איר שטאָל, אין גאַל געטונקען — ווי פֿאַרביטערט!
דיין קנאָכיק־דאַרע האַנט, זי פֿלאַטערט, ציטערט,
נאָר אין דיין ברוסט די גבורה דודס יערט. — —

שטיי, שמחה בונעם, אויף פֿאַר מיינע אויגן,
אין אייער קאַלטער נעסט, מיט ווייב און קינד:
מתיחד זיין זיך כ'וויל מיט אייך אַצינד
און שטיין אין טרויער איבער אייך געבויגן.

ג.

פאַר מיינע אויגן, שמחה בונעם, שטעל זיך,
אין אייער קאַלטער נעסט, מיט קינד און ווייב;
אַזוי־אַ מיט דיין פען־שווערד זיץ און שרייב
און, ווי די זון דורך וואָלקנבראַך, צעהעל זיך.

שטאָט טרויער, קוועלסטער־אויף אין מיר גאָר מוט,
און אייער נעסט פאַרוואַנדלט שטייט — אַ היכל,
ווען זאָגסט צו בלימעלען: „מיין קינד־לעב, שמייכל...",
כאָטש ס׳טרייבט צום וואָגל שוין דעם שונאס קנוט.

נעמט ריזלען אויך אין די געבליטן מיינע
די פון פאַרצייטן דורותדיקע קראַפט,
וואָס פון עקשנות זיך אַ פאַנצער שאַפט
און רופט צו גבורה אייגענער: „הושע־נאַ!".

מ׳האָט ערגעץ אייך פאַרטיליקט אַלע דריי
און אויפן קבר נישט געשטעלט קיין חתימת־ציון, —
נאָר מיט דיין „לך לך..."* איר קומט צו פליען
אין יעדן הויז, ווי פייגל אויף דער פריי.

פאַר מיינע אויגן, שמחה בונעם ,שטעל זיך,
אין אייער קאַלטער נעסט, מיט קינד און ווייב;
אַזוי־אַ מיט דיין פען־שווערד זיץ און שרייב
און, ווי די זון דורך וואָלקנבראַך, צעהעל זיך.

ד.

איך לייען שטיל דיין „לך לך..." — אין האַרצן
שוימט־אויף אַ פינצטערניש... נאָר בונטע שטראַלן
צעפעכערן זיך איבער אָט דעם שוואַרצן
געשוים... ער נעמט זיך אָפּזעצן, צעפאַלן.

ביסט נישט געווען בלויז דיכטער, שמחה בונעם,
ווען האָסט דאָס צאַרטע ספרל געשריבן —
אַ טויכער. אויפן דעק פון יאוש־ברונעם
ירושה־פערל האָסט צונויפגעקליבן.

* זיין בוך, געדרוקט נאָך דער קאַטאַסטראָפע, אין יאָר 1946.

ווי שטערן האָבן זיי געשטראַלט, צעשפּילטע,
ווי ס'האָט דיין טעכטערל געשטיפט־געשפּילט זיך,
און ס'האָט די צייט, אין טרויער אַ פאַרהילטע,
אין טרייסט־און־האָפענונג־שלייערן פאַרהילט זיך.

נאָך יאָך פון טרויער כ'בין צו דיר געקומען,
דעם קאָפּ, אים אָנצוטאָן מיר, אויסגעצויגן; —
האָסט אָנגעטאָן, נאָר באַלד אַראָפּגענומען
און טרייסט אַריינגעשטראַלט מיר אין די אויגן — —

איך ענדיק שטיל דיין „לך לך...״ — אין האַרצן
שוימט אויף אַ העלעניש פון בונטע שטראַלן; —
איך זע ישראלס ברוסט מיט גבורה שטאַרצן
און הער דעם שופר־של־משיח שאַלן.

## ה.

אַך, ווי האָסטו געקלאָגט אין ליד: „ישראלס עדה
גייט, ווי אַ טשערעדע פון שאָף, צו דער עקידה״, —
אויב דו, זיין דיכטער — הונגעריק, פאַרשטייפט די גלידער —
האָסט אויסגעזונגען דודס גבורה אין די לידער?
ס'איז, אמת, נישט די גבורה פונעם בלוט, צעזאָטנס,
וואָס אָטעמט מיטן רשעותדיקן גלי דעם שטנס;
סע איז די גבורה פונעם גייסט אין אידלען מענטשן,
וואָס אידער איין מאָל שעלטן, וועט ער צען מאָל בענטשן,
די גבורה פון אַ טרייען האַרץ, וואָס ליבט אין ציטער
פאַר די געליבטע אין אַ שטורעמדיק געוויטער,
ווען אויסגעשפּילט איז שוין דאָס ביסל לעצט בטחון, —
דאָך ווערט דאָס האַרץ אויף שטיקלעך נישט צעבראָכן.
נאָר ווען דאָס שלעכטס האָט אָנגעפילט ביז ראַנד דאָס מעסטל:
ס'מוז בלימעלע, דיין פייגעלע, פאַרלאָזן ס'נעסטל, —
דו רייסט פון האַרץ דעם „שפוך חמתך על הגויים!״,
באַכראַקענדיק מיט בלוט דאָס פנים פון די פּראים
און לאָזט זיך מיטן ווייב און קינד צו יענע וועגן,
וואָס אַלע פירן זיי דעם ייד — דעם טויט אַנטקעגן.
— — — — — — — — — — — —
נאָר — וווּנדערלעך! — אָט שטייט דיין גייסט ביי אונדזער גרענעץ־ראַנד,
באַוואָפנט, העלדיש, קאַמפגרייט צו פאַרטיידיקן דאָס לאַנד.

גבעתיים. 1963

## אלטער האפמאן

### א.

דער פּאַן — אַ ליכטיקער, געוועבט מיט פעדעם
פון זונגאָלד, גרינס און אַלערליי קאָלירן, —
פון וואַנען זשע דער ווײ, וואָס גיי פאַררעד אים,
אַז ער — ער גרייכט צום האַרץ און די געהירן.

איך קאָן אים נישט פאַררעדן, נישט פאַרקוקן:
אַט מאָלט ער אויפן פּאַן דעם לאַדזשער געטאָ
(זיגזאַגיש בליצט אַ שוידער דורכן רוקן) —
אַ צימערל... אַ בעט פון הוילע ברעטער...

אויף זיי אַ מאַן גייט אויס פון הונגער. — אַלטער,
איך שפּיר: דו ווערסט אַ יעדע רגע קאַלטער,
נאָר ס'גלימערט אַלץ דיין בליק אַ תפילה־פינקל,

דו גלאָצסט צום צימערס שפּינפּאַרוועבטן ווינקל,
ווו ס'ליגט דיין ביכל, ס'ערשטע, ניי געבוירן:
„אַ נישט־געלייענטס זאָל עס גיין פאַרלוירן?...״

### ב.

די הונגער־פיאָוקע נאָגט דיך, נאָגט צו זעט.
וואָס הונגעריקער ד ו, ווערט ז י אַלץ זעטער.
ס'געשווילעכץ קלעפּט דיך צו צום האַרטן בעט,
און דורכן פענצטער גלאָצסט אַרויס צום געטאָ.

דו טרייסט זיך: „כ'בין דאָך נישט אין פּיין אַליין —
דעם פאָלקס אַ שותף בין איך אין דיליידן...״
און מיט אַ מאָל צעגיסט זיך מיט געוויין:
„ס'וועט אויך, ווי איך, דעם אומקום נישט פאַרמיידן?״

דו הערסט: אין דרויסן דאָרט די נאַציס בילן,
און טוסט אַ צאַרן־אויף זיך נישט צו קילן... —
דאָס האָט נאָך דודל, דיין העלד, געהערט,

געשעפּטשעט קוים: „זיי בילן...״ און — געשטאָרבן,
פון שפּעטער זיינעם גליקלעכערער קרבן...
און גאָרסט: ווו ער, שוין ליגן, אין דער ערד.

.ג

אַט ליגט דײַן ביכל דאָ פֿאַר מיר אַצינד,
געראַטעוועט פֿון פֿײַער פֿונעם געטאָ;
און ס׳לעבט דײַן דודל, דאָס בידנע קינד,
און דו אַליין אין ביכלס גרויע בלעטער.

און ווער סע לייענט זיי, און ס׳איז נישט בלינד
זײַן מענטשלעך אויג אין האַרצן, זעט ער:
דער נעפל פֿון דעם שכחה־שטויב צערינט,
און יעדעס אות שטייט אויף — פֿאַר דיר אַ רעטער.

דער טויט האָט בלויז באַפֿרײַט דיך פֿון דער פּײַן,
און אין דער אייביקייט דו ביסט אַרײַן,
און לעבסט, און מאָנסט פֿאַרגעלטונג פֿאַר די פּײַנען

פֿון גוף־און־זעל אויף עקלהאַפֿטער וועלט,
און טוסט אַ הייב אַרויף אַ פֿויסט צעהעלט —
מיט גאָר איר פֿינצטערניש זיך אויסצוטענהן...

גבעתיים, נאָוועמבער, 1963

## אַניוטע פּיאַטיגאָרסקי

ווי אַ דינינקע גרעזעלע,
בין איך מײדלווײז געווען...
אַניוטע פּיאַטיגאָרסקי

.1

ביסט מײדלווײז געווען, ווי אַ גרעזל, דין,
נאָר ס׳האָט דײַן מוטערשאַפֿט געשטאַרקט דיך שפּעטער;
אַ קינד דערציען ווערט דײַן לעבנס גאַנצער זין, —
נישט זײַן קיין גרעזל, נאָר אַ בוים מיט בלעטער!

און מיט דער צײַט ווערט ווייניק דיר דײַן אייגן קינד,
גאַרסט זײַן צו שילער פֿיל אַ טרײַע מוטער;
ווילסט זײַן אַ דעמב, וואָס אויך אין רויש פֿון שטורעם־ווינט,
פֿאַרוואָרצלט מעכטיק אין דעם באָדן, רוט ער.

און דיין באַגער מקוים איז געוואָרן —
דו ביסט אַ דעמב, דיך שרעקט נישט שטורעמס צאָרן
און לערנסט יונגע פלאַנצן ווערן דעמבן־פעסט;

גן־עדן־פייגל בויען זיך אין דיר אַ נעסט,
און העל פון דיין געצווייג איז אויפגעגאַנגען
אַ בונטער פאַרבן־בויגן פון געזאַנגען.

2.

די לעצטע לידער דיינע זאָגן:
ס'האָט נישט געבראָכן דיך די נויט;
האָסט שטאָלץ דיין שטאָלצן קאָפּ געטראָגן
אַקעגן פּיין, און שרעק, און טויט;

אַקעגן מאָנסטער־מענטש־רוצח
מיט האַרטער נאָדלדיקער פעל,
וואָס סמט דעם אָטעם מיט זיין ריח
און קומט שוין נאָענט צו דיין שוועל.

צי ביסטו פון זיין קויל געפאַלן?
צי האָט דער הונגער דיך געטייט? —
האָסט מיט אַ בליק פון ליבשאַפט־שטראַלן

און שטאָלץ זיך מיט דער וועלט געשיידט.
דיין שענסטע לעקציע אין לעבן
האָסט, שוועסטער, מיט דיין טויט געגעבן.

דעצעמבער, 1962

## איך זע דיין לעצטן גאנג, קאציזנע אלטער

איך זע דיין לעצטן גאַנג, קאַציזנע אַלטער:
...סע פאַלט אויף דיינע האָר אַ טוי אַ קאַלטער,
ווי פראָסט ווי ווייסער זיך אויף זיי פאַרהאַלט ער.

פאַר דיינע אויגן — ביינקעס פול מיט שרעק —
סע שווינדלען תליות, שייטערס, בלאַנקע העק,
דו קערסט פון זיי דיין גרייזן קאָפּ אַוועק.

אומזיסט! אין מוח טליען בילדער ווייטער:
...אַן אַקס, אַ שטריק פאַרוואַרפט אויף אים אַ רייטער
און שלעפּט אים צו דער תליה, צי צום שייטער;

ער הענגט, די פיס געשטרעקט, ווי דרענגער, שטאַר,
סע שוואַרצט זיין צונג, די אויגן — גלעזער צער,
נאַר קוק!... דער אַקס — בין איך דאָך, אַלטער נאַר!

בין איך — דער שוטה־וועגעטאַריער! ווי מיר!...
וווּ בין איך? אַ?... מצבות צווישן ביימער;
דער אוהל פּרצעס — אַ הייליקער, געהיימער;

אַ האַמער שלאָגט אין אים רציחהש... ס׳קראַכט...
און איבער אים אַ מערדער־פּרצוף לאַכט:
„דעם דריילינג יודען־דיכטער שלעפּט צום שלאַכט!"

איז וועמעס האַלדז דאָרט ווערט מיט שטריק געצויגן
פון פלאַכער ברוסט, מיט קללה אין די אויגן?
הענגט אַנסקיס קאָפּ, צי דינעזאָנס געבויגן?

צי פּרצעס -- דער לייבנקאָפּ אַליין?
„סע האָט דערעסן", ברילט ער, „דיין געוויין!
צום טויט גיי שטאָלץ — דאָס פאָלק מיט אים באַשיין!"

צינדט אָן זיך, אַלטער, קלוג דיין קורצע ראיה:
— איך שטיי אָן פּחד, תלין, פאַר דער תליה,
סע טוט קיין צאַפּל נישט מיין מידע וויע.

אָט איז מיין האַלדז, פאַרצי דעם שלייף, אַן עק!...
מיין פאָלק, געדענק! נקמה אָן אַ ברעג!
דעם זכר פון עמלקן פאַרמעק!

מאָסקווע, 1944

## צו אסקאר שינדלער (פון די חסידי אומות העולם)

„אולי ימצאון שם עשרה?" —
„ויאמר לא אשחית בעבור עשרה" —
(בראשית, וירא, לב)
טאָמער וועלן זיך דאָרט געפינען צען?
האָט ער געזאָגט: איך וועל נישט
צעשטערן פון וועגן די צען.

.1

דיין נאַציעס רעשטל מענטשלעכע געפילן
ביי דיר אין האַרצן האָט זיך קאָנצענטרירט,
דיר אויסגעשמידט אַן אָנגעשטאַלטן ווילן
און צו מסירת־נפש דיך געפירט.

דו האָסט געקעמפט מיט איר, דיין נאַציע— חיה,
טאָגטעגלעך, זיך באַפעלנדיק אין שרעק:
„אַך, מענטש אין מיר, פאַרטייע זיך, פאַרטייע,
און נאָר דעם וואַלד־און־ווילדן דייטש אַנטפלעק..."

עס האָט דער מענטש אין דיר זיך נישט געבראָכן
און אויסגעקעמפט נצחון נאָך נצחון,
ביז ס'האָט דער דייטש אין דיר זיך אויסגעמענטשט.

היינט טראָגן ד יי נ ע יידן דיר אַנטקעגן
אַ האַרץ, ווי אויסגעלעכצטע ערד נאָך רעגן,
וואָס צאַפּלט: „אָסקאַר שינדלער, זיי געבענטשט".

.2

מיין קינד האָט מיך געפרעגט: — כ'פאַרשטיי נישט, טאַטע,
פאַר וואָס האָט גאָט פאַר אירע זינד נאָר סדום פאַרברענט,
און דייטשלאַנד נישט?... די דייטשן זיצן זאַטע
מיט קופּליעס ביר אין די מיט־בלוט־פאַרפלעקטע הענט.

איך האָב געשעפטשעט: — כ'ווייס נישט וואָס צו זאָגן,
כ'האָב, קינד, נישט איין מאָל דאָס געפרעגט ביי גאָט אַליין.
נאָר ווען איך פרעג אים,— נעמט ער וויינען, קלאָגן —
זיין ענטפער ווערט דערטרונקען אין געוויין.

אַצינדער, אָסקאַר שינדלער, איז עס קלאָר מיר,
דורך דיר האָט זיך אַנטפּלעקט דער סוד, די וואָר, מיר:
אַ צענטער צדיק — האָסט געראַטעוועט דיין סדום

פון הימלס פייער־שוועבלדיקע בייטשן...
נישט מ י ר, נאָר ז יי, די מערדער, דיינע דייטשן,
דיר דאַרפן פאַר דער וועלט באַדאַנקען בקול־רם.

1־טער מאַי, 2691

# איציע באלעגאלע

## פּאָעמע

א מצבה אויפן אַש פון
דעם קדוש יצחק בן נחו

.1

יאָ, איציע נוחס, איציע באַלעגאָלע,
(די בייטש האָט ער באַקומען בקבלה
פון טאַטן נות, אפשר נאָך פון זיידן;
זיי רוען היינט שוין ביידע אין גן־עדן;
מיט זיי די אייניקלעך זיך מעגן גרייסן), —
אַזוי האָט ער אין שטעטל טריסק געהייסן.
אַ הויכגעוויקסיקער, געזונטער, דרייסטער,
און וואָס ביי יעדן אויפן האַרצן ווייסט ער;
זיין פּנים — קנאָכיק, שאַרף און מאָגער;
אַ יונג אַ פריילעכער, אַ ווערטלזאָגער,
האָט ליב דעם עולם לאַכעדיק צו מאַכן
און לוסטיק און פאַררויטלט מיטצולאַכן.
— איר זעט, — און ס'מיניעט זיך זיין הויט די רויטע. —
אַ קיצל איז מחיה־מתים טויטע... —
צעלאַכן זיך אַפילו אַלטע יידן
און שאָקלען מיט די קעפּ אויף אים צופרידן.

2

פון איציעס שפּאַס באַליידיקט זיך נישט קיינער,
ווייל גאָר נישט זעלטן שפּאַסט פון זיך אַליין ער.
— איך האָב געשפּילט אַ ליבע... אויף אַ ווערטל,

עלהיי מע מאַכט אום חנוכה אַ קערטל.
נו, איז עס אָנגעקומען צו מיין טאַטן.
„העי, בחור, — זאָגט ער — ס׳קאָן דיך נאָך פאַרשאַטן,
ס׳איז נישט קיין ידישלעכער משא־מתן,
זאָל, איצעניו, אַ רוח אין דיין טאַטן!״.
און יעדעס וואָרט — באַגלייט מיט בייזן ברומען.
ביז ס׳איז דערפון „אַ וואָרט״ אַרויסגעקומען,
און פונעם „וואָרט״ — אַ תנאים, ברעכן טעלער...
דער עולם? — פרעגט נישט! — אַלע זענען מלא,
און אויך די קליאַטשעס טאַנצן אין די שטעלער:
ס׳איז תנאים דאָך ביי איציע באַלעגאַלע!
און נאָך די תנאים — וואָס דאַ לאַנג צו ברייען —
אין גיכן מ אַ כ ט מ י ך ח ת ו נ ה דער דיין.
אויס שפּיל אין ליבע... די קלעזמאָרים שפּילן
אַ וויינענדיקס — איך זאָל מיין פרייד דערפילן...

3.

ווען ס׳יונגע ווייבל איז פאַרגאַן אין טראָגן,
האָט איציעס שעה צום „דינען־גיין״ געשלאָגן.
איז איציע גרייט געווען זיך אונטערגעבן:
— אַ שווערע יאָזדע איז דאָס גאַנצע לעבן,
נאָך אַלע „היומ״ס און נאָך אַלע „חסדר״ס,
און איך געווינט בין צו די שווערסטע יאָזדעס...
ביז היינט האָב איך די פערד געשפּאַנט אין וואָגן,
געשראָקן מיט דער בייטש און אויך געשלאָגן, —
איז איצט אויף מיר אַ בייזע צייט געקומען
צו לאָזן שפּאַנען זיך אַליין און — שטומען...
אַזוי דאָס מלכות וויל. דו האָסט אַ ברירה?
פאַרפאַלן... נעמען זאָל עס די כאָליערע!
המם... זיי נישט, טייערינקע, מעלה־גרה
די טרערן... דאָס איז פשוט אַן עבירה...
כ׳וועל קומען... וועל דיך קושן, ווי אַ שמה...
כ׳בין נישט קיין פערד, זיי דו נישט קיין בהמה...
דו בלייבסט דאָך נישט אַליין — מיט שווער־און־שוויגער,
און אויך מיט ד ע ם, כאָטש ס׳איז נאָך נישט קיין היגער:
דאָס לאָשיקל, וואָס האַלט ביי דיר אין ווערן.

זע, ס׳קאָן דעם נאָך פאַרשאַטן דייַנע טרערן...
אַז דו וועסט וויינען, וועט עס זיין אַ ווייַנער,
און איך וויל האָבן — האָרכסט? — אַ יונג מיט ביינער!
אַז פריילעכדיק זאָל שטראַלן, ווי אַ זון, ער,
ווי ס׳פּאַסט זיך פאַר אַ זון פון אַ דראַגונער...

.4

פאַרמאַך דאָס מויל! — האָט נוח זיך צעשריגן
און בייז אים אָנגעקוקט. — אויב ווילסט נישט קריגן
אַ „בענטש" אין דער פּאַטעלניצע... דער טאַטע
האָט גאָרנישט וואָס צו זאָגן שוין? אַ שמאַטע?...
קוקט אָן נאָר! מיין דראַגונער נאָך אָן שפּאָרן
איז מיט אַ גאַנצן „רעטש"* אַרויסגעפאָרן:
ער לויפט, ער גאַלאָפּירט צו די סאָלדאַטן!
מע פרעגט שוין גאָר קיין עצה נישט ביים טאַטן?
און אויף דער מאַמען איז נישט קיין רחמנות?
זי וועט טאָג־איין, טאָג־אויס דאָך פּראַווען תענית.
זי׳ האָט דיך ביי דעם מגיד אויסגעבעטן,
און דו דערוועגסט זיך אויף איר האַרץ צו טרעטן...
אַז ביסט אונדז אַ בן־יחיד, גאָר פאַרגעסטו? —
וואָס טאַטע־מאַמע זאָגן, פאָלגן וועסטו!
— העי, טאַטע! מעג מען רעדן לשון־הרע
אויף אייגן בלוט־און־פלייש? אַ צולאָג־צרה!
ס׳איז ווייניק אָנגעזאָלעט אויף מיין האַרצן?
איז ווילסטו מיר דאָס פּנים נאָך פאַרשוואַרצן...
זאָל משה שמש רופן צו דעם דיין
אויף אַ דין־תורה קייסער ניקאָלייען,
פאַר וואָס ער וויל כ׳זאָל אָנטאָן זיין כלי־זין,
און זאָל רב שיע פּסקענען: — באַפרייען!
— כ׳גיי העכער, — זאָגט דער טאַטע, — גלייך צום רבין,
ער זאָל אונדז ראַטעווען, אָן עצה געבן.

.5

דאָס „קוויטל" דורכגעקוקט פּאַרטיפּט־געלאָסן,
רב יעקב לייבוניען פאַרגלוסט זיך שפּאַסן:
— איז האַלטן מיר ביי „אלה תולדות נוח"... —

* אַ רעדע, אַ דרשה.

נאָר תיכף ווערט ער ערנסט, קנייטשט דעם מוח
און לאָזט אַראָפּ די ברעמען, גלייך ווי שטאַרן —
אוי, בורא־עולם, גיב די יידן כוח
די צרות אויסצוהאַלטן... אַ „חסרון"...
צו באַלעגאַלעריי מע קאָן דאָך טויגן,
אפילו ווען מע האָט נישט בײדע אויגן...
דער עיקר — מיט גאָטס הילף מע זאָל דערפאַרן... —
ס'איז נוחן די „תורה" נישט פאַרשטענדלעך,
נאָר ס'ווערט דעם צדיקס עצה קלאָר אים ענדלעך,
און ווי צו ראַטעווען זיין זון שוין ווייסט ער...
ער קומט אַהיים צערודערט — אַ געטרייסטער,
כאָטש ס'איז אים מער צום וויינען, ווי צום לאַכן...
— נישטאָ קיין ברירה, איציע, מוזט „אַן אויג זיך מאַכן"... —
ווערט איציעס פּנים בלאַס און רויט־צעצונדן,
ווי עמעץ וואָלט אים הענט־און־פיס געבונדן
און נעמט זיך, אים די אויגן אויסצושטעכן.
ער שטאַמלט: — טאַטע... מאַמע... הינדע... כ'רעכן... —
געבעט און צאָרן אין זיין בליק זיך בייטן,
ער פילט ווי אַלץ אין זיין געמיט ערשט ציטערט,
פאַרמאַכט די אויגן, שעפּטשעט שטיל, פאַרביטערט —
איך האָב אין דרערד, וואָס ווען זאָגן לייטן,
נאָר דו, מיין ווייב, און ס'קינד וואָס גייסט געבוירן ?... —
און בליק אויף בליק זיך שאַרפט און מאָנט פאַרלוירן.
ביז הינדע שעפּטשעט: — ס'אויג... ס'איז אַן עבירה...
נאָר האָבן מיר דען, איצעניו, אַ ברירה ? —
און פון די ברעמען קאַפּען טראָפּנס שווערע.
— איז גוט... — זיפצט אָפּ ער. — כאַפּט עס די כאָליערע !

.6

...ס'גייט עטעלע אין שולע, לערנט יידיש,
א ל צ ד י נ ג אויף יידיש, נו, ס'איז נישט קיין חידוש —
מיט יידיש גרינגער איז דעם שכל שאַרפן ;
און, ווי אַ יינגל, קנעלט זי לשון־קודש...
— צו זאָגן קדיש, מ'זאָל עס נאָר נישט דאַרפן ?...
די צרה ז'נאָר : ווען ס'לויפט פאַרביי דער חודש,
מען מוז אין שולע דעם שכר־לימוד שיקן...
אומשטיינס געזאָגט, דער שולעס וואַזשנע גליקן !
מה נאמר — וואָס איז דאָ אַ סך צו זאָגן,

אַ לערער האָט אַ קאָפּ, נאָר אויך — אַ מאָגן:
אַ לערער צון אַ וואָגן איז געגליכן:
אַ נישט־געשמירטער, הייבט ער אָן צו קריכן...
איז מוז מען קאַרגן פּונעם מויל און צאָלן,
כל־זמן מע ווערט פון הונגער נישט געשוואָלן,
כאָטש ס'ווערט די צייט אַלץ האַרבער, שווערער;
מען שמועסט, אַז זיי הונגערן, די לערער...
זי שיקן אין „פּאָושעכנע" *? נעמט זי ווייגען,
אַז... דאָרטן שעכט מען קינדער, קאָן מען מיינען;
ני, שעכטן איז אַ גוזמא, נאָר — אָן שפּאַסן —
די שנאה שינדט פון זיי, „די זשידקעס" **, פּאַסן...
אפילו אַשרקע, מיין יורש־עצר,
וואָס וואַיעוועט אַרום אויף אַלע פלעצער
און שרעקט זיך נישט פאַר פערד, פאַר הינט און שקצים,
פאַר יאַשטשערקעס און כל־המיני שרצים,
ווי חוצפהדיק סע איז געווען בעשאַטע ***
זיין לייטישער, געסטאַטקעוועטער טאַטע, —
פאַר דער „פּאָושעכנע־שקאָלע" האָט ער מורא,
און גייט שוין גערנער אין דער תלמוד־תורה;
און אויב ער כאַפּט אויך דאָרטן פעטש פון רבין,
זאָל זיין עס צום געזונט אים און צום לעבן...

.7

יאָ איציעס לעבן פּאַקט מיט גרויע זאָרגן,
וואָס קומען אונטער פרישע יעדן מאָרגן,
נאָר ס'איז גענוג דער צייטס אַ ליאַדע צערטל,
ער זאָל פאַרטרייבן זיי מיט זיינס אַ ווערטל;
די זאָרגן מאַכן אים נישט פאַר קיין קלאָגער,
פאַרעקשנט בלייבט ער אַלץ דער ווערטלזאָגער.
זאָל דרך־ארץ האָבן ס'גאַנצע שטעטל.
פאַר איציע נוחס! ווייל זיין עטל
(פון הינדען זיינער ווערט ער דאָס געווירע)
וועט שפּילן אין טעאַטער — דבורה, דבורה
הנביאה, — און דו הערסט? — אויף לשון־קדוש!

* מלוכהשע גרונט־שול.

** יידעלעך.

*** בשעתו.

זי חזרט פון תנ״ך דעם גאַנצן חודש,
און ס׳זאָגט דער לערער לייבל, אַז אין קבר
ביי דבורהן ציטערט אַלע מאָל אַן אבר,
ווען זי דערהערט פון עטלען א י ר ע ווערטער:
פון קינדערס מיילער — קאָן נאָך זיין באַגערטער?!
און אָט־אָ!... אין טעאַטער זיצט בראָש ער,
פון איין זייט — הינדע, פון דער צווייטער — אָשר,
אַרום און הינטן — „עמך״, לייט צעהיצטע;
אין „זאַל״ איז טונקל, און די ווענט — פאַרשוויצטע.
וואָס מ׳האָט שוין אַלץ געזען, געהערט דאָ! ווונדער!
נאָר אויסצוקושן יעדעס קינד באַזונדער!
דער רייד־געדויש איז הייס, ווי ער וואָלט גליען:
מע וואַרט, דעם פאָרהאַנג זאָל מען נעמען ציען.
סע דאַכט זיך איציען, אַז אויף קוילן זיצט ער,
ער אָטעמט שווער, און ווי אַ ביבער שוויצט ער:
ווען טוט זיך אַ באַווייז שוין עטל־דבורה?! —
זיין „אייגן שטיקל באַלעגאַלסקע סחורה״...
און מיט אַ מאָל — די נאַכט פאַרפלייצט די אויגן.
ס׳איז פינצטער. שאַ. דער פאָרהאַנג ווערט געצויגן,
און עמעץ איז פון הינטער אים מודיע:
— ס׳געזאַנג פון דבורהן — דבורה די נביאה!

8.

די סצענע — משטיינס געזאָגט איר גרייס אין גאַנצן,
נאָר זעט: אַ געלער זאַמדזועג, לאָנקע, פלאַנצן,
אַ שטאָלטנע פאַלמע, — סאַראַ פרישע, גרינע!
און לעבן איר — אַ פרוי אַן איידל־דינע,
ווי נישט פון לייב, אַ רוחני, הויט־און ביינדל;
פון קעפל שיינט אַראָפּ אַ גאָלדן קריינדל,
און אונטער דעם — צוויי גליענדיקע אויגן,
אַ פנימל — אַ טונקלס, אָפּגעצויגן
און ערנסט־שטאָלץ; אַ קייסערלעכע טאָכטער,
פאַר וועלכער אַלע באַלד זיך בוקן וועלן!
„מיין עטל!״ — כאַפּט זיך איציע אַ צעקאָכטער.
ער וואָלט פאַר איר זיך אויף די קניעס שטעלן
און הייסן הינדען זיך אַ לאָז טאָן טאַנצן...
איר קלייד דאָס לאַנגע — ווייסער שוים אין גאַנצן,
בלויז פעדעם גאָלדענע דערינען גלאַנצן,

פון אונטער דעם — מיט שימער פעכלען, בליצן
פון גאָלדענע פאַנטעפעלעך די שפּיצן...
ס'איז ממש אויפן אָרט נישט איינצוזיצן!
און ווי זי שטייט אַזוי אין זיך פאַרזונקען,
זי הייבט אָן רעדן; ווי עס וואָלטן פונקען
פון אירע אויגן שפּריצן צו דער נידער,
און מיט באַוועגונג רעדן אויך די גלידער;
אַ הייב די ברייטע אָרבל — פליגל ווייסע!
אַ קינד פון „פערד־און־וואָגן" — הערט אַ מעשה!
און זאָגט העברעיש! זאָל זיך עס גאָר שייען!
איר עברי מעג מקנא זיין דער דיין!
ווי דורכגעגליטע טראָגן זיך די ווערטער,
און ס'טראָגט דעם עולם אונטער פון די ערטער...
ווי פּלוצעם... שוין?!... אַ דונער פאַטשערייען...
ס'ווערט טונקל־ליכטיק, פאָרהאַנג איז פאַרצויגן.
און איציע קוקט זיין הינדען אין די אויגן:
פאַרטערערטע ברעמען מיט אַ רעגנבויגן...
— און ווו איז אשרקע, דאָס תכשיטל? — געפלויגן
אַהין, צו עטלען, הינטער די קוליסן. —
און ווידער אירע אויגן טרערן פליסן.
צעשמייכלט ער זיך: — הממ... אַזוי די זאַך איז:
ווער ס'ווייננט פאַר צרות, ווער פאַר פרייד און נחת;
מיר קאָנען, הינדע, מאַכן ערשט יד־אחת... —
ער האָט דעם קאָפּ צו דרערד אַראָפּגעבויגן,
ווייל ס'האָבן אים געטרערט שוין ביידע אויגן,
און שטיל געשעפּטשעט, — מיינסט, איך וויין? איך לאַך עס...

9.

די יאָרן לויפן. ס'וואָליען איין זיך שטאַמען,
נאָר פרישע, יונגע ביימלעך זיי פאַרטוישן.
— איך פּראַווע יאָרצייטן נאָך טאַטע־מאַמע,
און עטעלע און אָשר וואַקסן, רוישן.
סע האָט געענדערט קיין מצרים יוסף,
און עטל מיינע — ערגעץ־ווו קיין קלאַסעוו.
זי האָקט פאַר פּרוטות דאָרטן, זאָגט מען, שטיינער
און טאַנצט אַ „האָרע"... ווייננט, ווען ס'זעט נישט קיינער,
אַז... אַז אַ רוח אין איר טאַטנס ביינער!
אויף „הכשרה" איז זי אַוועק מיט מיין הסכמה

און ליגט דאָרט, נעבעך, טיף אין דער אדמה.
וואָס אמת איז, זי שרייבט דערויף אַ תירוץ: —
אין שולע איז געווען איר גאָט — אַ פּרץ!
און היינט דער גאָט דער איינציקער איז — ארץ!
כאָטש ווען זי וועט אין ארץ פאָרן, כ׳ווייס נישט,
נאָר אָרצה ליגט זי... זאָגן ווידער: „כ׳הייס נישט,
ס׳איז עטל, נישט פאַר דיר קיין משא־מתן!״?
און כ׳זאָג אייך — עטל וואָלט געפאָלגט דעם טאַטן,
ווייל ליב האָט זי דעם טאַטן מיט דער מאַמען,
ווי פּרצן מיט ארצן צוזאַמען, —
נאָר ווייס איך? כ׳ווייס, איך בין שוין נישט קיין יונגער,
און אין מצרים... מאַכט זיך אָפּט אַ הונגער;
פון נדן איז דאָך אָפּגערעדט, פאַרשטייט זיך, —
איז האָט מען זיך צעקושט, געוויינט, צעשיידט זיך.

.10

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

— די צייט זיצט איינגעמיעשטשעט אין אַ וואָגן
מיט פערד, געטריבענע פון טויזנט בייטשן,
און האָט קיין ברירה נישט — זי מוז זיך טראָגן, —
געזאָגט האָט איציע, ווען סע האָט די דייטשן,
ווי חיות, אָנגעטראָגן אינעם שטעטל. —
נאָר לאָמיר דאַנקען גאָט, וואָס אונדזער עטל
געלערנט האָט אין שולע שפּילן דבורה,
ווי זאָגט מען: „תורה איז די בעסטע סחורה״;
זי האָט געזען בנבואה, אָט־אָ פּנים,
דעם אָנפאַל פון די בלוטיקע יונים,
און צון איר גרינער פאַלמע איז אַנטרונען; —
זי האָט געשפּילט, און אויסגעשפּילט — געוווּנען!
און מיר — סע וואַרט אויף אונדזער בראָך שוין וואָכן
דער רויטער עשו, אונדזער ל י ב ע ר ש כ ן,
און טאַקע ער וועט מאַכן די התחלה —
אַן ספּירט אַפילו איז ער מלא...
מיר ליגן איינגעלייגט אין קויש אויף צרות.
אויב אַלץ, וואָס מע דערציילט נאָר, וואָר איז,
דער דייטש וועט אויסרויבן אַזש ביז אַ פאָדעם,
דערנאָכדעם הייסן קוקן אין „בני־אדם״
און שלאָגן מיט אונדז אַלעמען כּפּרות.

און גיי און צום „ונתנה־תוקף" לאָד אים!
אַז דער „ונתנה־תוקף" זיצט אין הימל
און אפשר... אפשר כאַפּט ער דאָרט אַ דרימל.
ווען נישט — ווי וואָלט ער דאָס ביז היינט פאַרשוויגן?
נאָר מאַך! ווער קאָן מיט גאָט זיך קריגן!
אַז ער איז אויף דער וועלט דער גרעסטער דיין,
און דו — אַ וואָרעם: בלויז די ערד קאָנסט קייען...

.11

— — — — — — — — — —

— נישט היינט — איז מאָרגן! כ'פּיל:
ס'אי' שוין די לעצטע שפּיל.
מע וועט, סיי יונג, סיי אַלט,
אונדז מאַכן שטום און קאַלט.
איך לאָז זיך צון אַ גוי,
וואָס איז נישט... כ'מיין אַזוי...
פאַרביסן, אויב נישט גוט,
און דאַרשט נישט יידיש בלוט,
אים בעטן: גיב אַן אָרט
זיך צו פאַרשטעקן דאָרט,
אין שטאַל, אויב נישט אין שטוב,
אין אַ קאַרטאָפל־גרוב,
אין סטאָדאָלע אין היי,
וואָס ווייטער נאָר פון ז־י־י. —
אַזוי געזאָגט האָט איציע באַלעגאָלע
צו ווייב און זון אין טויטלעכער בהלה
און איז אַוועק... אויף אימת־מות־פּחדים,
און גייענדיק געשעפּטשעט שטיל: „בני־אדם"..

— — — — — — — — — —

.12

— — — — — — — — — —

שנעל שפּאַנט דער עולם, ווי מיט שטריק געבונדן,
צו דעם בית־עלמין מיט זיין לעצטן וועג.
די יוגנט האָט די הייזער אָנגעצונדן —
די ש כ נ י ם זאָל נישט בלייבן דער פאַרמעג.

פון קינדער רינט אַראָפּ אַ גרוילער יאָמער,
און ווייבער רייסן פון זיך זשמודעס האָר:
אַ מאַנצבל טוט אַ וואָרטשע: „יידן, לאָמיר...״,
נאָר וואָס צו טאָן, ער ווייסט אַליין נישט קלאָר.

די זקנים שלייכן שטיל זיך, גלייך ווי טויבן,
וואָס שטרעקן אויס צום חלף זייער האַלדז,
די בליקן צו דעם הימל אויפגעהויבן —
די זון, זי שיט זיי אין די אויגן זאַלץ.

דער רוים איז העל, דער טראַקט — אַ זון־באַשטראַלטער,
נאָר ס׳פילט דער טראָט פאַר זיך אַ שוואַרצן תהום.
דרייט אויס דעם קאָפּ און שעפּטשעט שטיל אַן אַלטער:
— פאַר וועלכע זינד ווערט טריסק פאַרברענט, ווי סדום?

עס זוכן אום דעם טאַטן אַשרס בליקן,
אויך הינדעס בליקן זוכן אום דעם מאַן:
איז אפשר?.. זאָל אים גאָט אַ גואל שיקן. —
און ס׳ווערט אַ רגע לייכטער זייער שפּאַן.
— — — — — — — — — — — —
אויך עשו שרפעט דאָרטן — פון נקמה:
זיי האָבן צוגערויבט זיין מאַרכביין!
— און איצקאָ (ס׳צאַפּלט קוים שוין זיין נשמה) —
אין פייער זאָל דער זשיד דער פאַרך גיין!
— — — — — — — — — — — —
ס׳איז איציע ווייט שוין פון די גוים, דייטשן — — —
ער זיצט מיט הינדען, אַשרן צוזאַמען
און טרייבט די פייער־פערד מיט פייער־בייטשן,
געשפּאַנטע אין אַ קאַרעטע פון פלאַמען — —

און זע! אַ „טראַיקע״ פערד פון בלויען פייער
יאָגט אָן... ווער זיצט עס דאָרט?... אַך! עטל־דבורה!...
זי וויינט צעשמייכלט: — טאַטע מיין געטרייער!
אין ערץ וואַרט אויף אייך אַ פולער שייער... —
ער האַלדזט זי, קושט זי, ווי אַ ספר־תורה
און האָט גאָר פאַרן פייער נישט קיין מורא:
— ווי גוט און ווויל איז, קינדערלעך, צוזאַמען
זיך לייטערן און ווערן אויס אין פלאַמען — — —

גבעתיים, יוני, 1962

# יזכור

מיינע טריסקער פאַרטיליקטע יידן
בתוך דעם פאַרטיליקטן כל־ישראל

.1

אין טרויער זיין נאָך אייך הייסט: שמידן זיך אין קייטן,
פאַרקראַטעווען די פענצטער אין דער שטוב;
הייסט: פייניקן זיך, סמען מיט דער פיין, זיך טייטן,
פאַרויס פאַרגרייטנדיק פאַר זיך דעם גרוב.

צי איז דאָס רעכט? צי וואָלט באַוויליקט איר דעם קרבן,
וואָס שטאַרקערער שוימט־אויף דעם נאַציס פרייד:
„ער איז אַן קויל, אַן גאַז די יידן נאָכגעשטאָרבן —
דער גיפט פון זעלבסטפיין האָט זיין בלוט געטייט!"?

זאָל איך אין אייך פאַרגעסן? קאָן איך עס? צי מעג איך? —
מיט די־אָ צײַנדלדיקע פראַגן ס'האַרץ מיינס זעג איך
און קאָן נישט אויסגעפינען קיין באַשייד.

דו שטייסט פאַר מיר: אַן אָפענער בית־עלמין־טויער,
וואָס לאָזט אין זיך אַריין, נאָר נישט אַרויס, — מיין טרויער,
און ווינקסט: „באַגראָב זיך לעבעדיקערהייט..."

.2

אַספּקלטורין של פרעה היו מחבקים את ישראל
בקירות בתים לבנין, והיו צועקים מתוך הבנין,
צועקים מתוך הקירות. (שמ"ר פ' א' פדר"א) —
פרעהס האַרן פלעגן אַריינקנייטן יידן אין די
ווענט פון הייזער ווי בוי־מאַטעריאַל, און די
יידן פלעגן אַרויסשרייען פון דעם געביי, פון
די ווענט.

דער שוואַרצער טרויער ווערט אַלץ גרויער, גרויער
און קוקט מיך אָן — אַ באַרג פון אַש, ווי זייד;
פון דרויסן שימערט מיט אַ טרערן־טוי ער,
פון אינעווייניק פינקלט צו דער ווייט —

צו ווייטן פון פאַרגאַנגענהייט און אויבעט
פון איצט און קומענדיקער צייט:
אַז ווען האָט נישט געקוילעט אונדז אַ שוחט,
און דאָך — מיר האָבן זיך באַנייט...

דער סוד פון אונדזער גאַנג אויף גלי פון קוילן,
וואָס אמת, איז פון אונדז ביז היינט פאַרהוילן — —
הערסט: ציגל... קינדער יאָמערן פון ווענט,

נאָר הערסט אויך: קינדער אויף ישראלס גאַסן
מיט בליענדיק געלעכטער טרייבן שפּאַסן, —
צי האָסטו י ע ב ע נישט אין ד י דערקענט?...

גבעתיים. מאַי, 1962

## יידיש קאסעוו

(ביים רעדאַגירן דעם קאָסעווער יזכור־בוך)

איך האָב דיך, יידיש קאָסעוו, נישט געקענט,
דיין נאָמען זעלטן־ווען געהערט אפילו,
ערשט נאָך דיין אומקום זע איך דיך פאַרבלענדט,
און ס׳מורמלט שטיל מיין ליפּ אַ קדיש־תפילה.

דו האָסט געראַנגלט זיך דור־אויס, דור־איין
פאַר עקזיסטענץ, פאַר בלייבן — יידיש קאָסעוו
און צו דערהויבנקייט, דורך לייד און פּיין,
געטראָגן, ווי אַ שבת־כ ו ס, דיין „כוסף״*.

דיין יוגנט, וועלכע האָט מיט גלי און ברען
צו היימלאַנד, פרייהייט זיך געצויגן,
האָט אומגעריכט דעם טייוול־טויט דערזען,
ווי שמשון נאָכן אָנווערן די אויגן.

* באַגער, לעכצונג.

דער תלין האָט פאַרפירט און תם געשפּילט,
ס'האָט אויך אַוועקגעקוקט דער אל־נקמות,
און ס'איז — ווען ס'האָט דער טויט אין האַרץ געצילט —
שוין שפּעט געווען צו זאָגן שמשונס: „תמות...״*

אַצינדער ברענט דיין נאָמען ווי אַ וווּנד
אין מיין געמיט, באַפעלט מיר קדיש זאָגן,
ווי כ'וואָלט געשלאָסן היינט מיט דיר אַ בונד:
דיין  כ ו ס  מיט אש ביי מיר אין האַרצן טראָגן...

גבעתיים, נאָוועמבער, 1962

# די רייד פון אשוויעטשימער בדחן

(ווי אַ קאָנפעראַסיע אין אַ פאַרשטעלונג
„אויף די חורבות פון יידישן לעבן״)

אידע קאַמינסקין

אויף חורבות און אויף קברים
איך רוף צו אייך, קלעזמאָרים:
געלעבט אַ פאָלק... פלעגט שטרעבן
פאַרהייליקן זיין לעבן,
פאַרשענערן די זיטן, —
דער פיינט האָט עס פאַרשניטן.

אויף חורבות און אויף קברים
איך רוף צו אייך, קלעזמאָרים:
סע האָט אַ פאָלק געהאַנדלט,
געהאָרעוועט, געוואַנדלט,
פאַר פרייד מיט לייד געסילוקט, —
דער פיינט האָט עס פאַרטיליקט.

אויף חורבות און אויף קברים
איך רוף צו אייך, קלעזמאָרים:
מע האָט דאָס פאָלק געשלאָגן
מיט ריטער פיין און פלאָגן;
פאַר  ז י י ן  געצאָלט ס'האָט טייער,
און ס'איז אַוועק אין פייער.

אויף חורבות און אויף קברים
איך רוף צו אייך, קלעזמאָרים:
מיר זענען ווי די שטערן
אַ סך געווען אין ווערן, —
געבליבן — בלויז געציילטע
אין וווּנדן נישט פאַרהיילטע.

אויף חורבות און אויף קברים
איך רוף צו אייך, קלעזמאָרים:
שפּיל, פידל, און דאַנעבן —
דער באַס, און וועקט דאָס לעבן,
וואָס איז אַוועק, פאַרשוווּנדן
אין ווינד־און־וויי, אין וווּנדן.

* תמות נפשי עם פלשתים — לאָמיר שטאַרבן אין איינעם מיט די פלשתים!

אויף חורבות און אויף קברים
איך רוף צו אייך, קלעזמאָרים:
שפּילט אויף! און זאָלן שטראַלן
אויף שטויב פון בילדער פאַלן
און אויף פאַרווישטע שפּורן
פון האַרציקע פיגורן.

אויף חורבות און אויף קברים
איך רוף צו אייך, קלעזמאָרים:
שפּילט אויף!... אַ חיה־רעה
מיט פלאַם אין אויגן בלאָע
האָט זיי פאַרצוקט, געפרעסן...
מיר טאָרן נישט פאַרגעסן!

— — — — — — — — — — — —

און איצט, קלעזמאָרימלעך, צעשפּילטע יידן,
אַ יישר־כּוח אייך! איך בין צופרידן.
ווי איך, צופרידן איז דער גאַנצער עולם.
איר זעט דען נישט? מיט שמייכל פול דאָס מויל אים.
נאָר קאָן מען אייביק דען אין חדר בלייבן?
מיר מוזן אונדזער שפּיל שוין ווייטער טרייבן.
איז לאָזט זשע ערשט אַ נייעם ניגון הערן,
ס׳זאָל דאָ פאַר אונדז אַ יידיש געסל ווערן
מיט אַלע זיינע מינים באַלמעלאָכעס
מיט די פּרנסות און גאָר ווייניק ברכות,
מיט זיינע פליטער פרייד אין יאָך דעם שווערן,
מיט גאָר זיין נאַכט און בלינצלדיקע שטערן...

— — — — — — — — — — — .

איר האָט זיי אויסגעכישופט ווונדערלעך, קלעזמאָרים,
ווי לעבעדיקע, נישט געקומענע פון קברים.
מיר האָבן שטיל געזיפצט, אויך שטיל געלאַכט אַ קאַפּל
און מיטגעפילט, און מיטגעצאַפּלט זייער צאַפּל.
נאָר זענען ד י די איינציקע דען זאָרגן:
מיט וואָס דעם מאָגן אָנצופילן היינט און מאָרגן?
און ווו איז ליבע, אייפערזוכט, פאַראַט? — געפילן,
וואָס אין דעם יונגנטלעכן האַרץ מיט פייער שפּילן,
און ס׳טרעפט, אַז פון דעם פייער פלאַקערט אויף אַ שׂרפה, —
וואָס פרומע טאַטע־מאַמע האַלטן זיי פאַר טרייפע...
שפּילט אויף און כישופט זיי אַריין אין ליכט פון לעבן,
מיר זאָלן זיך מיט האַרץ און זעל מיט זיי פאַרוועבן.

— — — — — — — — — — —

ניִשט נאָר פון קינדער האָט מען צרות,
מע האָט זיי אויך פון טאַטע־מאַמע:
„אַך, דו און זי... די... — ניִשט קיין פּאָר איז",
און פון אַ ליבע ווערט אַ דראַמע.

— — — — — — — —

צווישן שלעכטס און גוטס דער זיגער איז —
די טוגנט;
צווישן עלטערן און קינד
געווינט — די יוגנט...

— — — — — — — — —

מיר זענען גרויס אין שונאס אויגן —
איז לאָמיר שטאַרקער נאָך און מער זיין;
דער שטאַם זאָל וואַקסן ניִשט געבויגן,
די פּרוכט מיט זאַפט זאָל פול און שווער זיין;

סע זאָל אַ פריינדלעך אויג זי שאַצן
און בענטשן מיט באַהאַרצטע ברכות,
פון קנאה זאָל דער שונא פּלאַצן,
זיין האַרץ צעטרייסלט פון קדחת.

שפּיל אויף זשע, קלעזמער, קעגן חתן,
די לופט זאָל אויפיובלען אין ציטער,
ווי ס׳וואָלט אַ רעגן פרייד געגאָסן
אויף פריש־צעאַקערטע געמיטער.

שפּילט אויף! ס׳אָל קינד־און־קייט זיך פרייען,
פאַרגעסנדיק די נויט אין גאַנצן;
סע זאָלן זיך די דעכער דרייען,
די קוימענס — אונטערשפּרינגען, טאַנצן.

דער חתן גייט! שפּילט אויף, קלעזמאָרים!
און מיט געוועלבל, פּויק, צעשיט זיך!
וועקט אויף די מתים אין די קברים:
„די קייט פון דורות ווידער שמידט זיך!"

צעפּויק זיך, פּויק, צעקלינגט זיך, טאַצן!
צעטאַנצט זיך, חתונה־משפּחות!
פון קנאה זאָל דער שונא פּלאַצן,
זיין האַרץ צעטרייסלט פון קדחת.

— — — — — — — — —

ס'איז פול אין הימל שוין ישראלס בעכער
מיט אונדזער הפקר־בלוט און הפקר־טרערן:
סע רינט שוין נישט זיין דנאָ, ווייל זיינע לעכער
האָט גאָט פאַרקאָרקעוועט מיט שטערן.

ער וויינט אַליין אַריין אין אים אַצינדער
מיט טרערן — רויטע זונען... זיי פאַרזידן.
ער כליפּעט, ווי אַ ייד: — אוי, קינדער, קינדער,
צי וועלן שוין נישט זיין קיין יידן?

— — — — — — — — —

ס'האָט צוועלף געשלאָגן שוין דער זייגער —
ס'איז היטלער טויט! נישטאָ שוין קין!
ער ליגט אין דרערד — איין וואָרער פּגר,
ווייל יידן, הערט: יש דין! יש דיין!

דערפאַר — ישראל עם קדושים,
שטייט אויף לעבודת... חיים! חיים!
און לאָמיר טויט אויף לעבן טוישן,
דאָס גרוי געמיט מיט פרייד באַנייען.

צום לעבן, יידן! צו דעם לעבן,
וואָס ס'האָט דער טויט צוריק געגעבן.

פון אַלע לאַגערן נעמט ציען
צו חרובע, פאַרברענטע שטיבער;
סע מעג דאָס אַש די פיס נאָך בריען,
און טויטע זיפצן אין די גריבער...

די טויטע — לעבן אונדז באַפעלן,
די קייט פון דורות ווייטער שמידן:
אין אונדזער זאַל זיי וועלן העלן,
אין אונדזער בלוט וועט זייערס זידן.

צום לעבן, יידן! צו דעם לעבן,
וואָס ס'האָט דער טויט צוריק געגעבן.

אוי, ש מ ע י ש ר א ל, עם קדושים,
שטייט אויף צו... טרינקען אַ לחיים!
זאָל יידיש לעבן ווייטער רוישן,
און אויף די שונאים לאָמיר שפייען!

זיי האָבן אונדזער אַש צעשאָטן,
אַז ווינטן זאָל עס צעטראָגן;
אַצינדער ליגן ז י י צעטראָטן,
און אונדזער נאַכט הייבט אָן צו טאָגן.

צום לעבן, יידן! צו דעם לעבן,
וואָס ס'האָט דער טויט צוריק געגעבן.

וואַרשע, 1959

## אויף דער כלהס קבר...

האָסט, ליובע, ליב געהאַט די טויב,
דאָס בלימל, קליינע קינדער,
דעם אויפגאַנג פון דער זון אין שויב, —
דערפאַר האָט דיך געפלאָגט דער שינדער?

האָסט, ליובע, ליב געהאַט מוזיק,
וואָס פליסט ווי שיין פון מולד,
די רו פון אַ פאַרטיפטן בליק, —
דערפאַר האָט דיך דער יונג געקוילעט?

האָסט, ליובע, ליב געהאַט מיך שטיל
און אויסגעציטערט זויבער
דורך וואָרט דיין כלהשן געפיל, —
דערפאַר האָט דיך באַשמוצט דער רויבער?

האָסט, ליובע, ליב געהאַט דיין לייב,
ווי פרוכט געהיט, געצערטלט
פאַר ד ע ם, וואָס זיין וועסטו זיין ווייב, —
דערפאַר האָט דיך דער קאַט צעפערטלט?

ווייל... יידיש בלוט האָט ריין געפלאַמט
אין שטילן האַרצן ליובעס,
פאַרגאָסן האָט עס גראָז און זאַמד,
נאָך איצטער זידט אין קאַלטן גרוב עס.

— די שוואַרצע חופה, יידן, שטעלט,
ווי ס'מזל טוט באַשערן,
און... — ליובע, ווער פון יענער וועלט
מיין הייליק ווייב דורך בלוט און טרערן.

מאָסקווע. נאָוועמבער, 1944.

## שבת־ליכט אין פוילן

עס צינדן ווידער מאַמעס שבת־ליכט אין פוילן
און קרייזן זיי אַרום מיט טויבן — מידע הענט.
די אויערן פאַרנעמען נאָכצאַפּלען פון גרוילן
דורך נאָכדונער פון קראַכנדיקע ווענט.

די טויבן פאַלן, נישט דערקוילעט, אויף די קניעס
און, צאַפּלענדיק, זיי טריפן בלוט אין אַש פון שויס:
ווי רייסט מען פאַר אַ מאָל מיליאָנען קריעות?
אין בלויז אַ טרער — אַ ים ווי וויינט מען אויס?

די פלעמלעך גליווערן אין טרויער פון די אויגן —
נשמה־ליכטלעך אויף אַ פענצטער פון אַ מת;
די שבת־רו זיצט שבעה אַלץ אויף דרערד געבויגן
און וואַרט, עס זאָל זי אויפהייבן אַ נס...

לאָדזש. יוני—יולי, 1946

## יידן אין פוילן

### אָוונט.

...ווער האָט געוווינט דאָ אין צימער פאַר מיר —
יידן, וואָס זיינען אַוועק אין דער נאַכט
און — שוין צו קומען צוריק נישט געדאַכט?
ווער האָט געוווינט דאָ אין צימער פאַר מיר? —
שווייגן די ווענט און די פענצטער־און־טיר.

— ווער האָט געוווינט דאָ אין צימער פאַר מיר?
שאָטנס פאַרוועבן מיט דעמער די ווענט;
ס׳בלייכן דורך אים זיך פאַרבראַכענע הענט;
ציטעריק שווינדלט סופיט איבער מיר;
שווייגן די ווענט און די פענצטער־און־טיר.

— ווער האָט געוווינט דאָ אין צימער פאַר מיר?
בלאַנדזשעט אין שימער פון שפיגל מיין בליק.
— ד ו ביסט אין צימער, — ער שפיגלט צוריק —
ז י י — אין פאַרשטאַרטן שוואַרצאַפּל ביי דיר... —
יידישע אויגן זיך מיניען פאַר מיר.

## נאַכט.

אַדורכן פענצטער־פאַרהאַנג זייט זיך שטערן־שימער.
די נאַכט שלייכט שטיל אַריין, אַ באָרוועסע, אין צימער.
פון קריגל שלאָפגעטראַנק, פון איבער מיין צוקאָפּנס,
זי טריפט מיר אין דעם אָטעם טראָפּנס, טראָפּנס, טראָפּנס.
זי מיינט: איך שלאָף שוין — הייבט זי אָן אַליין צו דרעמלען.
מיין האַרץ איז וואַך, די אויגן גאַפן צו די הימלען,
און דורך דעם שטערן־שיין אין פענצטער דעם צעפראַלטן
איך קוק זיך איין... עס לאָזן זיך אַראָפּ געשטאַלטן
פון לויטער עטער, שטויב פון אַש און קילן שימער
אויף יעקובס שטראַלן־לייטער אין מיין פינצטער צימער.
זיי שלייכן מיט אַ שבתדיקן טראָט אַ מידן;
מלאָכים פונעם הימל? — יידן קדושים... יידן!
זיי בלייבן שטיין פאַרמאַטערט אויפן לעצטן שטאַפּל
אין מיין צעגליטן און צעצאַפּלטן שוואַרצאַפּל — —
פון דאַנען ווערן זיי צוריק פאַמעלעך קערן
אין הימל, ווען עס נעמען לעשן זיך די שטערן.
און ווען די נאַכט וועט אָפּווענדן פון מיר איר פנים,
וועל איך אין שלאָף, באַגין, זיך ראַנגלען מיט תלינים...

## רייד פון א מטורפן יידן אין געטא

...איך האָב בישט מורא פאַרן טויט!
מיך קאָן דער טויט דען נעמען?
זיין שאָטן בלויז איר זעט אויף מיינע ברעמען.

זיין אָטעם־פראָסט בשלום גיי פאַרביי איך
און פריר בלויז אָפּ די הויט.
פאַר וואָס זשע שריי איך? — — —

עס האָט דער טויט מיין רוקן אָפּט געבויגן,
נאָר קיין מאָל נישט געבראָכן,
געוועזן גאָר אָפּט מיין שכן,
נאָר קיין מאָל נישט מיין באַלעבאָס.
פאַר וואָס זשע פלאַטער איך, פאַר וואָס?
עס קריכן מיר פון קאָפּ אַרויס די האָר, די אויגן. — — —

עס טוט מיר, קינדער, וויי!
עס טוט מיר אַזוי וויי!
איך האָב נישט מורא פאַרן טויט!
צעיאָטערט איז מיין וווּנד, צעצונדן צונטער־רויט,
ווי ווייס דער שניי,
וואָס ליגט איצט אויף דער ערד
און אויף מיין ברענענדיקן קאָפּ.
איר הערט מיין בראָך? איר הערט? —
איך קאָן פון וואַנזין נישט אַראָפּ! — — —

ווי טראָגט מען דאָס אַריבער?
איך קלעטער איבער בערג פון מתים אין די גריבער,
איך וואָגל איבער שטעט — סקעלעטן,
און זייער יעדער ציגל, יעדער שטיין
לאָזט ריזלען דורך מיין האַרצן קינדעריש געוויין.
אוי, וויפל איז דער שיעור, גאָט, ביי דיר צו בעטן:
„פיר צוריק אַרויף מיך אויפן זינען"?
רוינען און רוינען און רוינען! — — —

אוי, וויפל איז דער שיעור?
איך וויל מיושב ווערן, קרייצלער — טעמפּ, ווי איר,
ווי אייער זעג, וואָס האָט געזעגן קינדעריש געביין!
כ'בין דאַרשטיק נאָך אַ טרער, נאָר ס'גליווערט מיין געוויין. — — — —

עס ברענט! אין האַרצן און אין שאַרבן!
ס'איז זיבן מאָל דער טויט מיין לעבן, נאָר איך וויל נישט שטאַרבן!
איך קאָן עס נישט אפילו, ווען איך וויל!

אפילו ווען שוין זעלבסטמאָרד איך באַגיי!
איך בין אַ קויל אין שפּיל,
אין אייביקן געדריי:
עס וואַרפט דער טויט מיך צו דעם לעבן, וויי!
און ס׳לעבן שלײַדערט מיך צום טויט צוריק,
און ס׳צאַפּלט צווישן זיי
מײַן האַרץ, מײַן מאַרך, מײַן בליק. — — —

מײַן אָדערן־געוועב — אַ ברענענדיק געצווייג,
און מײַן נשמה דרינען, ווי אַ פויגל אין אַ שטייג — — —

סײַ בלוט, סײַ פײַער זײַנען רויט,
איך האָב נישט מורא פאַרן טויט! — — —

לאָדזש, 1946

## בײַם טויער פון אשוויענטשים

עס פאַלט דער ערשטער שניי און לייגט זיך אויף אָשוויענטשים.
כ׳פאַרשפּרייט אויף אים די בלאַסע הענט און בענטש אים, בענטש אים
פאַר זײַן פאַרהילן מיט תכריכים מײַנע אַשן,
וואָס ווינטן נישט פאַרבלאָזן, רעגנס נישט פאַרוואַשן.

זאָל שיטן אָט אַזוי אויף מיר דער שניי און שיטן:
פון אונטן אַש, פון אויבן שניי, און איך אין מיטן;
אין אַש פאַרטוליעט ווײַנען מײַנע מידע גלידער,
דער שניי פאַרהילט צוזאַמען — מיך מיט מײַנע ברידער.

און איך וועל ליגן אויסגעשפּרייט. עס וועט מײַן אויער,
פאַרוואָרצלט אין דעם באָדן בײַ אָשוויענטשימס טויער,
פאַרנעמען, וואָס עס שעפּטשען צווישן זיך די שטויבן
פון די פאַראַשטע קינדער מיט די שנייען אויבן:

— ס׳האָט אונדזער רויך דערגרייכט דעם הימל און פאַרריסט אים,
פאַרשוואַרצט זײַן בלוי, זײַן זון און שטערן און פאַרוויסט אים. —
איז ווי זשע נעמט זיך עס צום הימל, צום פאַרזייען
די ערד, אַזעלכע ציכטיקע און ווײַסע שנייען?

— אין הימל שטייט אַ בעכער פאַרן כביכול
מיט טרערן פון די אויגן פון דער מאַמע רחל,
האָט ער אין א י ם דעם שוואַרצן הימל אויסגעוואַשן...
— און ווו איז זי, די מאַמע רחל? — פרעגן אַשן.

— פאַרטריבן פון איר קבר דורך דער בייטש פון גרוילן,
זי שלייכט איצט איבער שליאַכן פון מדינת־פוילן.
„ווו זענען — וויינט זי אויס די אויגן, — מיינע קינדער?״
און ערגעץ פון אַ שעכטהויז מרוקען פחדים רינדער:

„מיר האָבן גראָז געפרעסן, גרינס מיט בלוט באַשפריצטעס,
און זייער בלוט מיר מעלה־גרהן אויך נאָך איצט עס.״
— צו וואָס? — די שטויבן זיפצן — גאָר אַהער געגאַנגען?
זיי קאָנען אויך די מאַמע נעמען נאָך געפאַנגען!

— איר יאָמער גייט פאָרויס, און זי שלייכט נאָך. אין געטאָס
אַ יעדעס בלוטיק שטיינדל הייבט זי אויף און גלעט עס,
און דריקט עס, ווי אַ קינד, צום האַרץ, און פאָדערט, טענהט:
„לעש אויס זיך, זון, אין מיינע טרערן, אָדער שיין ניט!״

זי גייט אַרויף אויף בערגלעך, גייט אַראָפ אין גריבער,
און ווו אַ פענצטער אין אַ חורבה, בייגט זי זיך אריבער. —
מיט שטיינערנער עקשנות שווייגט דער ברוך פון ציגל,
אַ מאָל נאָר אויף אַ גזימס אַ טויב פאַרברעכט די פליגל — —

אַזוי־אַ וועל איך ליגן, ווי אין קבר, ביי דעם טויער,
ביז חצות־צייט וועט דער שניי אַ שאַרך טאָן מיר אין אויער:
„די מאַמע רחל קומט אָן באָרוועס קיין אַשוויענטשים״. — — —
— אוי, מאַמע, מאַמע! נעם מיין ווייסן קאָפ און בענטש אים.

לאָדזש, 1946

# פון א לערערס לידערבוך

1.

### די שרפה פון אונדזער שול

...גע־וואַ־אַלד! סע ברענט! סע ברענט די שול!
סע לעקן שוין די שוועלן פלאַמען־צונגען.
מיט קעפּלעך — אַלע פענצטער פול,
און רויכן־קנוילן וויקלען זיי, פאַרשלינגען.

געוואַ־אַלד! געוואַ־אַלד! געוואַ־אַלד! געוואַ־אַלד!
די מיילער, אויגן אויפגעריסן, שרייען —
אַ ברענענדיקער יונגער וואַלד —
די קולות גייען אויף עד־לב־שמים.

— — — — — — — — —

די גאָלד־געלאָקטע פרומטשע איז געשפּרונגען:
אַ לערערין וועט אויסשטרעקן די הענט.
אַ פּלי געטאָן, צו איר — אַ שפּיז... געלונגען!
איר קליידל פלאַטערט אַרום שפּיז און ברענט.

— — — — — — — — —

און מיר ,די לערער, שטייען אויף די קני, אין קרייז, נישט ווייט.
מיט אויטאָמאַטן היטן אונדז תּלינים ביי דער זייט.
מיר קוקן־צו זיך, פרייען זיך... אזוי איז דער באַפעל.
די פּנימער זיך מיניען ווייס און שוואַרץ, און גרין און געל,
נאָר צושליסן אַן אויג — אום גאָטעס ווילן! יודע, וואָך! — —
דער אויטאָמאַט וועט גלייך אַ רעד טאָן אויף זיין נאַצי־שפּראַך.

דער לערערין ברילאַנט געפאַלן איז אין אויג אַ פונק.
אַ ציטער טוט איר ברעם, קוים־קוים... באַמערקט דאָס גלייך אַ יונג:
די יודין די פערפלוכטע האָט אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ —
און ס'טוט אַ פּיק איר אינעם אויג אַ שנאָבל פון אַ ראָב.

איז מינערער געוואָרן מיט אַ חבר אינעם קרייז.
קוק רויק צו דיין ווינד־און־וויי. דו האָב אַ האַרץ פון אייז.

דער מאַטעמאַטיק־לערער שטעלט אַרויס זיך גאָר צום באַר:
סע טוט זיין אויג קיין פינטל נישט; סע פלאַצט זיין האַרץ פון צער..
געדענקט, געחשבונט און געלערנט, אַנגעלעבט אַ פליך,
און ס'ציט דער טייוול אונטער אונטער זיינע יאָר אַ שטריך —
סך־הכל: — דיזען יודעס טאָט ניכט ווערט זאָגאָר קיין שאָס.
דער שוואַכלינג האָט קראַפּירט דאַ פון פּחדנות, ווי אַ האָז.

די יינגסטע לערערין, מאַרקוזי, לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ,
זי חלשט... שלעפּט אַ קאַט אַוועק זי טויט שוין פאַרן צאָפּ.

ס'פאַלט איינער נאָכן צווייטן, ווי פון מויל געהאַקטע ציין.
בלויז איינער בלייבט נאָך שטאַרצן — איך, פאַר אַלע איך אַליין.
כ'קוק צו פאַר זיי צו דער עקידה פון די טעכטער, זין,
וואָס קאָרטשען זיך אין פלאַמען... נאַציס מנהג ברעכט דעם דין.
דער ריח פון געבראָטן קינדער־לייב גייט אויף אין נאָז — —
זיי שטאַל, מיין יידיש האַרץ, און גיי נישט אויף אין פלאַם, ווי גראָז!

איר ווילט די שרפה זען? אין מיינע אויגן בליקט אַריין...
איך בין נישט בלינד... איך דענק... ווי אַ משוגענער, זאָל זיין.

לאָדזש. 1947

2.

## ש ו ש נ ה

ווען מיין שושנה שטעלט זיך צום עקזאַמען וויכטיק,
מיט צוהערער אַרומגערינגלט אין אַ האַלבן רונג,
שיינט אויף איר בלאָנדער קאָפּ און רויזן־פּנים ליכטיק,
און אַלטע לערער ווערן אָפּגעפרישט און יונג.

עס נעמט זיי דורך אַ העלע פריוד, אָט ווי דעם פויער,
ווען ער באַטראַכט זיין מי אין אָנגעפילטן בלאָנדן זאַנג:
מיט בליקן וואַרעמע באַהאַרצט אַ יעדן שטרוי ער,
און זיין צעשיילטע הויט גייט אויף אין ציטעריק געזאַנג.

שושנה, גלייך אַ שלאַנקער זאַנג אין שטילן וועטער,
שטייט רויק און פאַרקלערט, דער בליק פאַרשטעמפּלט אין דער ווייט.
ווי ס'וואַלטן איבערמישן זיך פאַר איר דאָרט בלעטער,
און ס'הערט זיך צו איר אויער צו דעם שלייכן פון דער צייט.

און עפנט מיט התלהבות אויף דאָס מויל שושנה,
דאַכט אויס זיך, אַז סע שלאָגט פון איר אַ הייס און לויטער ליכט:
חברים זענען זי מיט גוטן האַרץ מקנא,
באַוווּנדערן דעם אויפגאַנג פון דער זון אויף איר געזיכט.

זי רעדט געשליפן, אָפּגעמאָסטן, אָפּגעוויגן,
פון די געצוימטע ווערטער שלאָגט געהיימער גלאַנץ. —
אַ, נישט אומזיסט האָט זי די מאַמע־שול דערצויגן
און אָפּגעהיטן, ווי אַ גערטנער היט דעם צאַרטסטן פלאַנץ!

***

אַרויסלאָז־יומטוב. מיין שושנה זיך געזעגנט —
אַ טראָפּן בענקשאַפט־צער אין פולן בעכער פרייד.
— זאָלסט ווערן פון דער בייער שול אַזוי באַגעגנט,
מיט האַרץ און מיט נשמה, ווי די אַלטע דיך באַגלייט.

איך קוש שושנהן אויף איר הויכן שטערן,
זי האַלדזט אַרום מיך, און אַרום דער עולם לאַכט;
איך האָב נישט אויסבאַהאַלטן מער די טרערן;
פאַר פרייד עס ווייגען אַלע, אַלע, — האָט זיך מיר געדאַכט.

— — — — — — — — — — — —

דאָס רשעות אין די גאַסן הוליעט — —
שושנה האָט אין וואַלד זיך אויסבאַהאַלטן דריי מעת־לעת.
צו ביימערשטאַמען, ווי צו מאַמעס, זיך געטוליעט.
סע האָבן צווייגן באַכגעקוקט שושנהן, ווי אַ נס:
אַ יידיש קינד! אַ לעבעדיקער מת!
ווי הויך זי איז! ווי שלאַנק! —
סע לעשט און צינדט זיך אַן איר בליק פון פחד און געדאַנק.

סע רוקן זיך די ביימער איינער צו דעם אַנדערן:
— באַשיצן און באַשירמען לאָמיר זי, די וואַנדערין.
אוי, זאָלן בלעטער, גראָזן שאַרכן, רוישן;
אוי, זאָלן שטראָמלעך שעפּטשען, פּלוישן;
אוי, זאָלן פייגל שפּילן, זינגען —
איר טראָט און אָטעם צו פאַרשלינגען.

— כ׳וואָלט גערן, — רוישט אַ יונגער דעמב, — געגומען פּוילן,
איך זאָל דיך, שוועסטער, אין מיין פּוילענישׂ פאַרהוילן.
אַז ווי צו דיר. דער בלאַנד פון דיינע קרויזן בלענדט,
און ס׳לייכט דיין פּנים און די הענט.
זיי קאָנען דיך פאַראָטן מיט אַ ווונק
צום בלוט־פאַרזויפטן יונג.
צום באַדן פאַל! גראָב איין זיך מיטן רידל פונעם ווילן!
אוי, שאָטנס מיינע, נעמט פאַרהילט זי און פאַרדעקט — —

פון ערגעץ עקבערט זיך אַריין אַ שאָדנפריידיק בילן.
אוי־ווינד־און־וויי!
אַ יאָגהונט, רויט־און־ברוין געפלעקט,
בלייבט שטיין פאַר איר אויף צוויי.
זיין אָטעם — פייער־דורשט, איר בלוט צו זויפן,
די אויגן בליצן, און די ציינער קריצן,
און מיט די לאַפּעס האַלדזט ער זי אַרום.
אויף זיין געברום, פאַרסאָפּעט, קומען אָן צו לויפן
אַ הייפל פריצן.
שושנהס פול־לבנהדיקע אויגן ווערן גלאָז.
זי שטייט — אַ וואַקסן־ליאַלקע, שטום.
עס ציטערט אונטער אירע זוילן שטיל דאָס גראָז.

— — — — — — — — — — — —

ווער רייסט די קליידונג פון שושנהן? ווער׳עמס טמא הענט?
אַ ריס — און ס׳טוט איר הויט אַ שטראַל, אַ בלענד;
אַ פליק — און ס׳בלענדט אַ פלעק פון לייב מיט שיין;
עס פאַלט איר העמד — אַ קרייז פון שיין אַרום שושנהס שיך.
איר שלאַנקייט טוט אַ צאַפל און אַ שרומפ זיך איין.
זי טוט אַ פאַל. די ערד איז קאַלט. זי קומט צו זיך
און שעפּטשעט הייס: „שלינג איין מיך לעבעדיק, פאַרשאָלטן לאַנד;
באַווייליק, אָן תכריכים צו באַערדיקן מיין שאַנד״.
סע טוט אין רוקן זי אַ ביס אַ גומע־שטאָק — אַ שלאַנג,
און צו דער זון איר פּנים רייסט אַ האַנט — אַ צוואַנג;
דעם רוקן פרירט די ערד, די זון דאָס פּנים ברענט.

סע קריכט אַ וואָלקן אויף דער זון, באַצווינגט זי, שענדט.
צעיאָמערט זיך די זון, און ס׳טרערן אירע אויגן שיין,
און ס׳קנייטשט איר פּנים זיך, און ס׳פּלאַצט איר הויט פון פּיין.

און צו די ביימער שטרעקט שושנה אויס די בלאַסע הענט:
„אוי, קומט זיך שטאַם צו שטאַם צוזאַמען, שטעלט זיך אויס אין ווענט
און מיט די צווייגן מאַכט אַ פינצטערניש; מיין לייב פאַרדעקט,
דאָס טאָגליכט זאָל נישט זען, ווי די שאַנד מיין הויט פאַרפלעקט".

און דורכן וואָלקן רייסט די זון זיך דורך מיט שטראַל און בלענד,
נאָר ס'קריכט, צעוואַלגערט זי אַ צווייטער מיט אַ דריטן זאַלבענאַנד.
סע שרייט די זון, די שטראַלנהאָר מטורף פון זיך רייסט,
שטויסט אָפּ פון זיך די וואָלקנס, פליקט זיי, שינדט זיי, בייסט.

שושנהס ציין זיך בייסן איין אין שענדערס טמא הענט,
זיין קרעציק בלוט רינט אָפּ דורך אירע בלענדנדיקע ציין.
נאָר זיי, זיי זענען זיבן, זי איז — אייניינקע אַליין.
סע רייסן זיך צו הילף די צווייגן — קאָנען נישט דערגיין.

מיט ווייסן העמד אין פיסק סע שפּרינגט דער הונט אַ רונג,
בלייבט שטיין און לעקט דאָס בלוט מיט ברוינער צונג.

— — — — — — — — — — — —

און פול איז יעדע צווייג און יעדעס בלעטל מיט געוויין.
סע האָבן זיבן וואָלקנס אויפן זון־לויטער געהויערט;
סע האָבן זיבן זון־געשרייען ס'האַרץ פון וועלט געבויערט,
און זיבן הימלען העגגען איבער דעם פאַרטרויערט.
און ביסלעכווייז גייט אויס די זון. זי צאַנקט, זי לעשט זיך, לעשט,
ביז ס'בלייבט פון איר אַ האַלעוועשקע בלויז מיט רויך אַ רעשט.

— — — — — — — — — — — —

סע רייכערט זיך אין מיר, שושנה, דיין געשענדטער טויט.
„ווו איז די זון?" — איך פרעג אויף דיר ביי יעדן מאָרגנרויט.
און ווען די זון באַווייזט זיך אויפן אייבערפלאַך פון פלאַם,
איך זע דיין קאָפּ דעם בלאָנדן שווימען אויף אַ רויטן ים.
און דו האָסט קיינעם נישט דערטרונקען דאָך... ביסט ריין פון זינד,
ווי אין אַ מאַמעס שויס די אומשולד פון געטויטן קינד.

3.

## סלאווע

כ'פלעג אויסטערלישע מעשות איך דערציילן, קינדער:
ווי זעעוודיק געוואָרן ס'איז אַן אַלטער בלינדער,
ווי גייעוודיק אויף ביידע פיס — אַ יונג אַ לאָמער,
ווי הערעוודיק אויף ביידע אויערן — אַ טויבער,
ווי ס'האָט געפּלאַצט פון פרעמדן בלוט אַ קאַמאַר, — —
און איר פלעגט לאַכן און באַוווּנדערן מיין צויבער...

ווו ביסטו, קינדער־פרייד, דו זאָלסט דאָס האַרץ מיינס היילן?
כ'וועל זיך אַליין אַ מעשה אין מיין צער דערציילן:
אין רעכענען איז סלאָווע נישט פון די געשיקטסטע.
נאָר תמיד בליט אַ שמייכל אויף איר פּנים, סלאָוועס;
זי שפּאַסט פון זיך אַליין: „דערפאַר בין איך... די דיקסטע".
זי שטיפט, און לאַכט, און טרייבט מיט אַלעמען קאַטאָוועס.

די פולע סלאָווע האָבן אַלע ליב דאָס לעבן!
— דו האָסט אַ „צוויי" געקריגן? כ'קאָן מיין „פינף" דיר געבן... —
ווייל סלאָוועס גאָלדן האַרץ איז טייערער פון שכל,
און איר געמיט אַ פרילינגדיקער פרישער שטראָם איז.
איר מאַמע וואָלט פאַר גינגאָלד נישט פאַרקויפט איר שמייכל,
כאָטש אָרעם איז זי, ווי די נאַכט, און לער איר קראָם איז.

— — — — — — — — — —

האָט סלאָוועס לייב געטאָן אַ רייץ דעם תלינס אויגן;
זיין בליק — אַ וואַגשאָל, האָט ער גלייך זי אָפּגעוווּיגן.
און, ווי אַ שעפּס, דעם קרבן הענט און פיס געבונדן,
און „מגן־דוידס", אויסגעגליט אויף אירע שלייפן,
און לעבעדיקערהייט פון איר די הויט געשונדן
אויף אויסצוזידן פון איר פיינעם חלב זייפן.

*

די וועלט פאַרשמעקסטו דורך די לאַפּעס פון די קאַניבאַלן!
פון זייער שמוץ אַרויס איך זע דיך, סלאָווע מיינע, שטראַלן.

און שפּילן פריצלעך זיך מיט דיינע זייפנבלאָזן — פאַרבן —
בלענדט אויף אין זיי די זון — דיין שמייכל, וועלכער קאָן נישט שטאַרבן.
מיין טאָכטער־האַרציקע, מיין מילדע, שמייכלענדיקע סלאָווע,
דיין שמייכל שפּילט אַצינד אין ווינט אויף מיינע האָר די גראָווע.
און ווען עס וועט דער טויט מיך אויף די פליגל זיינע נעמען,
דיין שמייכל וועט צעשטראַלן זיך פון מיינע ווייסע ברעמען.

ראַטנפאַרבאַנד, 1943—44

## אין הונדערט יאָר אַרום

אין הונדערט יאָר אַרום וועט לייענען אַ ייד
אין בילד אויף קינאָ־לייוונט די פאַרטיליקונג־מגילה,
ווי גרויס עס איז געווען דער בראַך, ווי טיף דער שניט
אין יעדן יידיש שטעטל, יעדער יידישער קהלה.

ווען היטלער איז געגאַנגען איינבעמען די וועלט
און זי פאַרוואַנדלען אין אַ שטאַל פון ראַסיקע חמורים, —
דערשפּירט ער, ס׳גליווערט אים דאָס בלוט, און לופט פאַרפעלט,
דער שאַרבן פרירט, עס שטעלן זיך די ווייסע האָר קאַפּויר אים.

נאָר באַלד בליצט אויף זיין בליק דורך וואָלקנס פיין,
און ער באַהערשט דעם דונער פון זיין זיגעריש געלעכטער:
ווי קרעפּטיק ס׳זאָל די פויסט מיין אומברענגערס נישט זיין,
אויף מיין האַרטנעקיקן געניק איר ווילד געביין צעברעכט ער!

אַ טאָג פון הונדערט יאָר אין אייביקייט אַוועק,
און — כ׳לעבּ! כ׳טראָג שטאָלץ דעם קאָפּ, עס שלאָגט דאָס האַרץ —
אַן אורקוואַל, מוטיק;
דער ברוינער ים האָט אויסגעטריקנט ביז צום דעק,
און דער סקעלעט זיין שעפערס אין די זאַמדן זשאַווערט בלוטיק.

וועט אָפּטרייסלען דער ייד אַ גליווער־טרער פון ברעם,
אַהיים גיין אַ געלייטערטער, געטראָגן ווי אויף פליגל,
און נעמען אויף דער שויס זיין קינד, דערציילן דעם:
אַ מאָל... אַ מאָל האָט אונדזער פאָלק געקנעטן ליים מיט בלוט אויף ציגל —

**

אין הונדערט יאָר אַרום וועט לייענען אַ דייטש
די זעלבע בלוט־געשיכטע דורך אַ טריבן נעפּל טרערן
און ווערן אויפגעפלאַמט: אַ פייערדיקע בייטש
שמייסט אויס דעם קין־צייכן אין זיין כמאַרעדיקן שטערן.

אַ שאַנד־זייל וועט אַ פראַגע־צייכן פאַר אים שטיין:
און אויב ביי חיות־רעות וואָלטן זיידעס זיך געלערנט,
ווי קאָן מען צו אַ גרויזאַמקייט אַזאַ דערגיין,
ווען ס'הענגט אַ זון אין הימל, און ביי נאַכט איז ער באַשטערנט!

און ס'לויפן זיינע בליקן — מייז, דורך שרעק און פּיין:
צי זיצט נישט, גאָט באַהיט, קיין יידיש אייניקל בשכנות ?!
און ס'טוט זיך אין זיין רוקנביין אַ בייס אַריין
דער שפּאָטיש־שאַרפער צאָן פון דער סאַטירע היינריך היינעס.

און ווען ער גייט אַהיים געאָרעמט מיט זיין פרוי —
ווי יעדעס וואָרט וואָלט אָנגעכאַפּט זיין גאָרגל און געוואָרגן;
אויך זי דאָס זעלבע שפּירט: אַזוי... אַזוי...
צי איז דער טריפער סם אין אונדזער בלוט נישט וו פאַרבאָרגן?

אַ יעדעס יידיש פּענצטער פּאַטשט מיט שיין זיי אויס;
„טו אויס די שיך! ווייל הייליק איז די שוועל דעם יידס דיין שכן!"
זיי שאַרן זיך אַריין, ווי הינט, צו זיך אין הויז;
די שאָטנס פון די זיידעס זיינען זיי נישט נאָכגעקראָכן?

און חשדיק פאַרשן זיי אויף זייער קינד די וואָר:
צי לויערט נישט קיין וואָלפן־בליק דורך שיין פון בלויע אויגן?
צי בלאָנקט קיין מעסער נישט אין העל פון בלאָנדע האָר?
צי האָט זיך נישט קיין שלאַנג מיט צאַרטער קינדער־הויט באַצויגן?

פילט אָפּ דאָס קינד: פון טאַטע־מאַמע פרעמדקייט ווייט...
אָן קוש, אָן גוטער נאַכט פון זיי צום שלאָף עס טוט זיך שיידן;
די קישן שטעכט אים, יעדער פעדער פרעגט באַשייד — —
ער וויקלט זי אויס מיט טרערן פאַר רציחות פון אַ זיידן.

דערהאָרכן טאַטע־מאַמע... ווי צו זיי! עס וויינט
דאָס לייב פון זייער לייב... זאָל זיי זיין פאַרן קינדס נשמה!
איר יעדע טרער — אַ שטיין אין ברוסט... זי שטיינט... פאַרשטיינט — — — —
— — — — — — — — — — — — —

ווי ליבע, שטאַרק און לויטער איז די יידישע נקמה!"

מאָסקווע—לאָדזש

# דאס בלוט פון פיליפ מילער

דאָס בלוט פון מיינע העלדן ברויזט אָן אויפהער לעבן דענקמאָל:
„דעם שונא פאַרגעדענקען!
די קריוודע אים נישט שענקען!"
נאָר איין מאָל האָט עס אײַנגעשטילט זיך, איז דערגאַנגען
צו פליסטערונג און פרייד־געזאַנגען:
„...די מערדער־הערשטן אויפגעהאַנגען..." —
צופוסנס פונעם דענקמאָל האָט דאָס בלוטן־ברויזן
געשיינט — אַן אָזיערע מיט רויטע רויזן.
און ווידער ברויזט עס אויף מיט גבורהדיקן צאָרן,
גליט אויף אין געטאָ, ווי דער ברענענדיקער דאָרן:
„אים פאַרגעדענקען!
נישט שענקען!
ביז הענגען וועט דער לעצטער אויף דער תליה,
און ס'וועט קיין שפור נישט בלייבן פון דער ברוינער זריעה".
נאָר פלוצעם — זעט! — פון זונענשטראַלן דורכגעשפיזלט,
דאָס בלוט נעמט ברויזן שטילער, שטילער:
עס האָט אין דעם אַריינגעריזלט
דאָס בלוט פון פיליפ מילער —
דאָס בלוט פון טויבן־חלום,
פון קאַמף פאַר שלום.
ס'וועט פאַרגעדענקען עס דאָס דייטשע פאָלק דעם שונא
און פאַר דער קריוודע — אונדזערער און זיינער — אים נישט שוינען,
ביז ווינטן וועלן אונדז די בשורה ברענגען:
„געזען דעם לעצטן תלין אויף אַ תליה הענגען!"

וואַרשע, מאַי, 1952

# דער געטא־קעמפער פון קראכמאלנע גאס

מיין ברודער ברוך, דעם דיכטער און לערער

(פון אַ לערערס לידערבוך)

1.

כ'געדענק: ער האָט ביי אונדז אין שול געלערנט.
אַ מאָגער יינגל, אַ פאַרצאָגטס; זיין פנים — בייז,
די אויגן זייטלען ברוגז, פיבערנדיק־הייס,
ווי תמיד אויף דער גאַנצער וועלט דערצערנט.

אַ קינד פון דעם קראַכמאַלנער „פּלעצל", ווו דער שוריס
פון מי אוממעגטשלעכער אויף לייבער טרערנט
און דעמפּט זיך אויס אין טומל און געשעלטעריי,
וואָס שרעקט דעם יוסטן בירגער, ווען ער גייט פאַרביי...

קיין נחת האָט ער קיינעם נישט פאַרשאַפן.
„ווי קאָן מען אים באַך דולדן? — ברומט דער לערער ברום —
אַז אויף די פּויזעס שלאָגט דער ג ז ל ן זיך אַרום,
און רק עס טרעפן מיט אים ווילדע טראַפן.
אַז אויך אויף מיר, בשעת דער לעקציע, קוקט ער קרום,
פאַר וואָס איך שטער אים אין די שויבן גאַפן!
אַז אַלע קלאַסן זענען מיט אים דול און פול,
און אים צו דאַנקען ווערט אַ „פּלעצל" פון דער שול!...

„איך וואָלט דעם פּעדראָט פאַרלייגן און ראָטן:
מע טאָר נישט איינשטעלן די טשערדע פאַר אַ שאָף —
די טיר פון שול פאַר אים פאַרשליסן, און אַ סוף!"
נאָר ס'האָט אַ שטעל געטאָן זיך הייס־צעזאָטן
די לערערין סטראַשון און, ווי דורך אויפרייס־שטאָף
אָן אויפגעפלאַצטע, זיך אויף אים צעשאָטן:
„דאָס הייסט — איר שרייבט זיך גערן אונטער (שאַנד און שפּאָט!)
אַז הילפסלאָז איז די פּעדאַגאָגיק און באַנקראָט!

„קאָן עמעץ פון אייך זאָגן ערלעך: כ'קאָן אים?
האָט ווער זיין היים — אַ הייל — באַזוכט כאָטש איין מאָל בלויז?
די קנאָכן קוקן אים דאָך דורך דער הויט אַרויס!
און ווען גייט אויף אַ שטראַל — אַ שמייכל אויף זיין פּנים?
דער הונגער מאַכט אים פאַר אַ ווילדע גרויע מויז,
וואָס גריזשעט אַלץ און לאָזט אויף אַלץ סימנים...
איר ווילט פאַר אים פאַרשליסן פון דער שול די טיר
איז ווייסט: מ אָ ר אַ ל י ש שטיין פון יענער זייט וועט א י ר!

„דערלויבט, און איך וועל אים דערציען". בלייבט ער.
אַ יאָר פאַרבייט אַ יאָר. ער גייט פון קלאַס צו קלאַס,
נאָר גייט שוין פון די כלים נישט אַרויס פאַר כעס.
די דורכפאַלן און פעלערן פאַרשרייבט ער
און קריטיקירט אַליין זיך ערנסט און אין שפּאַס,
ער וואַקסט, ווערט קרעפטיקער, כאָטש נישט — באַלייבטער...
ביז איין מאָל האָט אים אַ סאַנאַציע־פּאָליציאַנט
פאַרנומען מיט אַ רויטן פּענדל אין דער האַנט...

האָט לערער ברום די אייבערהאַנט באַקומען:
"צוליבן דאָרן לאָזן אויסרייסן די רויז?...
מע מוז באַצייטנס אויסברענען דעם דאָרן בלויז!
און זיין ד ע ר צ י ע ר י ן זאָל בעסער... שטומען!
ווייל ז י י נ ע מעשים א י ר ד ע ר צ י ו נ ג געבן אויס..."
האָט קיינער נישט דערוועגט זיך קעגן ברומען
דאָס מויל צו עפענען, באַשלאָסן, און — אַן עק!
פון זעקסטן קלאַס איז אונדזער פיאָנער אַוועק.

נאָר ס'האָט אים נישט די לערערין פאַרלאָזן:
„דיין שול איז איצט דאָס לעבן. לערן זיך זיין פריי.
העלף צו די היים, דעם טאַטן אין זיין שניידערריי,
און היט זיך צו געהערן צו די האָזן...
עס פייניקט אונדז די נויט — פאַרשווייג זי נישט, נאָר שריי
און האָרך זיך איין ווי בשורה־ווינטן בלאָזן
פון יינגסטן לאַנד..." — דורך יאָרן פרעסל־טשאַד, געניי
און קאַמף ער קומט אַלץ נעענטער צו דער פּאַרטיי.

.2

מלחמה. ס'ווערט דאָס לעבן וויסט און וויסטער,
און וואַרשעס פנים פלאַמט פון שרפה און פון שאַנד...
חברים לויפן צו דעם אויסגעבענקטן לאַנד.
נאָר טאַטע־מאַמע זענען שוואַך, — באַשליסט ער:
„איך וועל נישט לאָזן זיי אין הונגער און אין בראַנד
אין נאָמען פון מיין האָפענונג מיין זיסטער...
מיין גאַרע ליבשאַפט צו דעם לאַנד פון ברויט מיט זון
נעמט מיט אַהין אין האַרצן, חברטע סטראַשון".

דער פיינט!... פאַרחלשט ליגן טראָטואַרן.
געשפענסטער שרעקעוודיק זיך שלייכן דורך דער גאַס.
די לופט איז אָנגעגליט פון מערדערישן האַס.
דורך שפּאַט, דערנידערונג און בלוט־קאַשמאַרן
פאַרוואַנדלען זיך אין קנעכט די איינוווינער, בשעת
עס שפרייזן הפקרדיק אין שטאָט די „האַרן".
און טוט אין גאַנג אַ ריטש אַזאַ מין חיה: „האַלט!",
נעמט קנייטשן זיך אין גרויל די הויט פון דעם אַספאַלט.

„...די עלטערן צו ראַטעווען — איז ווייניק.
ס'איז יעדן אַרבעטמאַנס אַחריות איצטער גרויס,
א ז ע ל כ ע ס וועד האָט זיך עס פאַרגעשטעלט פאַרויס!?
דער שונא איז מטורף, ווילד, שאַרפצייניק —
דאָס צווינגט צו קעגנשטעלן זיך אים מיט דער פויסט...
זייט אויף חברים, אַגיטיר, פאַראייניק!״ —
אַזוי האָט ע ר — אַן אַכצניאַריקער — געטראַכט,
און דאָס האָט איין מאָל צום „ספאַרטאַקוס״ אים געבראַכט.

ווי טריי און האַרציק טאַטע־מאַמע זיינען!
זיי האָבן ז י ך באַפרייט פון לעבן, א י ם — פון יאָך...
צי ווערט ער איינגעבראָכן פון דעם טאָפל־בראָך?
זיין פיין אַ טראָפּן איז אין ים פון פיינען,
וואָס ברויזט אין געטאָ, שלינגט קרבנות, פאָדערט: „נאָך!״,
ווען אויף די לוקסוס־אינדזלען שוימען וויינען...
און פון בית־עולם לויפט „קראָכמאַלניק״ מיט קוראַזש —
סע וואַרט אויף אים דער „מאָרגן־פרייהייט״־קאַלפּאַרטאַזש.

אַ בשורה: „די פּאַרטיי האָט צעמענטירט זיך!״
„קראָכמאַלניק״ ווערט אַ מיטגליד פון דער פּע־פּע־ער,
אַ חבר לערנט אים באַגיין זיך מיט געווער...
ווי גוט אין קעמפער־קאָלעקטיוו מע שפּירט זיך!
מע איז שוין נישט קיין זעמדעלע, נאָר פיל־פיל מער,
מע ווערט גאָר ע ר אַ ל ײ ן — דער א י ך פאַרבלירט זיך...
ער איז דעם קאָלעקטיווס אַן אויסגעשטרעקטע האַנט,
וואָס וואַרט געדולדיק אויף באַפעלן, דרייסט, געשפּאַנט.

פון צענדליקער פּאַסירונגען — בלויז איינע:
אַן אַלטן יידן שלעפּט אַ ייד אַ פּאָליציאַנט.
„קראָכמאַלניק״ צינדט זיך אָן און ברענט פאַר ווייַ און שאַנד:
„לאָז אָפּ!... איך שיס דיך!... חיה דו געמיינע!...״
דער ייד איז פריי. דער רעטער פירט אים פאַר דער האַנט.
— אַ קרוב... ס'העלפן נישט קיין טענות, קיינע! —
דער אַלטער כליפּעט — שטויסט, און שלעפּט, און רייסט מיך: „קום!״
„און מיך דערקאָנט איר נישט?... קוקט איין זיך, לערער ברום...״

— — — — — — — — — —

דאָס געטאָ קעמפט, דאָס געטאָ שטייגט אין פלאַמען.
אַ יעדער געטאָ־קעמפער — אַ געשטאַלט פון פלאַם,
וואָס ווירבלט ווי אַ שטראָם אין פלאַקערדיקן ים...
נישטאָ קיין א י ך, קיין ד ו, נאָר מ י ר — צוזאַמען!
נישטאָ קיין נאָמען, נייערט — פרייהייט־קעמפער סתם:
עס גייט אין נאָמען מ ע נ ט ש פאַר אַלע שטאַמען...
דורך קראַכנדיקע ווענט, דורך בלוט און פלאַם און רויך
העלט אויף אַ זון — דעם לעצטן קעמפערס לעצטער הויך...

*
**

ביים געטאָ־דענקמאָל, טיף די קעפּ געבויגן,
געשטאַנען זענען מיר, די לערער, זאַלבעדריט:
סטראַשון, און ברום, און איך, דערהויבן אין געמיט,
אין דעם מנורות־פלאַם פאַרקוקט די אויגן.
און ס׳האָט זיך אויף די ליפּן ברומס אַ וואָרט צעגליט:
— אַז וויל צו אייך, וואָס איר האָט אים דערצויגן!..
און ווי׳ צו מיר, וואָס כ׳האָב פאַרזאָגט דעם פּיאָנער!...
ער קוקט אויף אונדז מיט ליבשאַפט פון די פלאַמען... ער!

ווארשע, אַפּריל, 1953

## הימען צו די געטאָ־קעמפער

מיין אומגעקומענעם ברודער ברוך

וואָס ווייטער ס׳וויקלט זיך אַוועק די בלוטיק־גרוילע צייט
פון טעג פאַרפלאָנטערטע מיט נעכט, מעת־לעתן ווי קאַשמאַרן —
פאַרשטעלט פון אָפּגעבויטע שטעט און שפּעדיקער ווייט, —
אַלץ העלער טויכט איר אויף, איר אויסלאַכער פון טויט־געפאַרן.

פאַר אונדז איר האָט אין זיך געכאָוועט גבורה פון אַ לייב,
ווען ס׳פאַלן זיינע לייבעלעך אין בלוט פון יעגערס קוילן;
ס׳האָט יעדער אייער קער און ווענד אין ראַנד געשריגן: „כ׳גלייב,
ס׳וועט לעבן אונדזער פאָלק! ס׳איז נאָך נישט אומגעקומען פוילן!"

ס׳האָט איינגעזאַפּט זיך אינעם בלוי פון הימל ביזן ראַנד,
דער אויפגעגאַנגענער דורך פלאַם און רויכן, אייער גלויבן;
ווי טוי, וואָס דאָס געמיט דערפרישט און שטאַרקט די שוואַכע האַנט,
אַ יעדער אונדזער בויער פילט אים נידערן פון אויבן.

די רושטאָוואַניעס — ליאַניעס פּאַר אַ ליד צו אייער לויב,
און שטאָקן קלעטערן און ווילן זיך צו אייך באַקומען;
לכבוד אייך אין נייע הייזער שימערט יעדע שויב,
און עס באַגריסט אייך יעדעס פענצטער מיט וואַזאַנעס בלומען.

די נייע הויפן — בעכערס — פילן אָן זיך ביזן ראַנד
מיט זון און ווײַן פון קינדער־פרייד, וואָס שוימט אַריבער דעכער;
עס טרינקט די קינדער־פרייד צו אייער רום דאָס גאַנצע לאַנד,
און טויבן פלעכטן זיך אין קרענץ פאַר אייך און פליען העכער.

איר לעבט אין אַלץ, וואָס בויט זיך אָפּ, וואָס שפּראָצט און גרינט, קומט אויף,
אין וועגעלעך מיט שמייכלענדיקע עופעלעך אין סקווערן,
אין פלאַטערניש פון טויבן, ווען זיי טוען זיך אַ ריס אַרויף
און לאָזן גלויביק זיך אַראָפּ אויף דרערד זיך צו דערנערן.

פון אייך באַגלייט, די שילער זאַמלען אויף אין לאַנד דעם ברוך,
וואָס ווערט אין גיסערייַ אויף איבערשמעלצן אָפּגעגעבן;
איר אָטעמט צווישן שורות פון אַ יעדן נייעם בוך,
וואָס לערנט, ווי דאָס לעבן שיין איז און — ווי שיין צו לעבן.

אין דעם געפּישטש פון פייגל אין די פּאַרקן ווערט געהאָרכט
דאָס לויב־געזאַנג פאַר אייך, וואָס אַלע זינגען מיר באַגערן,
און ווייט אַ ווינטל — ווענן אייך דאָס שטילע גראָזוואַרג שאָרכט,
און איבער ביימער פינקלען אין דער נאַכט־שטילקייט די שטערן.

און יונגע מאַמעס, וועלכע בריען אויס אַ נייעם דור,
אייך טראָגן אין די אויגן, ווי אין אויסגעבענקטע שפּיגלען;
איר זענט פאַר זיי נישט טויט, נאָר לעבעדיקע העלע וואָר —
זיי האָרכן אייער רוישן אין דער הויך מיט אָדלער־פליגלען.

ווען זעלנער זיך געניטן ווי צו זיגן אין אַ שלאַכט,
אויב ס'וועט דערצו דער פייַנט אונדז וועלן נידערטרעכטיק צווינגען,
אין זייערע געמיטער אייער שלום־חלום וואַכט —
זיי לערנען די מלחמה־קונסט און — ווענן שלום זינגען.

וואַרשע, מערץ, 1954

## דיין הארץ — א פידל

אַלחנן וואָגלערן מיט ליבשאַפט

דיין האַרץ — אַ פידל — האָסטו אויפגעהאָנגען
אויף אַ בערעזקע ביי אַ ראַנד פון שליאַך.
ער איז מיט ניגון־אומעט אָפגעגאַנגען,
ווי אויף אַ בבל־ווערבע פון תנ״ך.

דער שטויב פון שליאַך איז גרוי אויף אים געפאַלן,
נאָר דער באַגין וואַשט אָפּ זיין לייב מיט טוי;
די זון שטעלט אונטער, שטאָט די סטרונעס — שטראַלן,
אין שקיעה־אומעט רויטלט זיך זיין גרוי.

עס האָבן ווינטעלעך אויף אים ניגונים,
די סטרונעס קושנדיק, געשפּילט;
זיי האָבן אין דעם אַלטן טיפן ברונעם
פון דער קוהלת־חכמה זיך געשטילט.

אַ רעגנבויגן האָט אויף אים נישט זעלטן
געשפּילט דער וועלטס פאַרברעכערישע זינד,
אַז ערשט אין די באַעוולטע געצעלטן
די פרייהייט גייט מיט ערלעכקייט צו קינד...

...אַ שטורעם האָט אין רוים זיך אָפגעריסן,
אין דער בערעזקע איז אַ בליץ אַריין;
ווער ווייסט, און וויל זיך עמעץ דען דערוויסן,
דעם גורל פון דיין פידל און זיין פיין?

איך האָב אין געטאָ־גרוז דערזען אים ליגן —
פאַרוואַלגערט, און פאַרליימיקט, און פאַרשטיינט.
איך האָב אים, ווי אַ קינד, גענומען וויגן,
מיט די געפּלאַצטע סטרונעס מיטגעווייִנט.

כ׳האָב מיטגעבלוטיקט מיט די צאַפּל־סטרונעס
און, ווי אַ קינד צום שלאָפן, אים פאַרוויגט;
פאַרבאָרגן אין זיין טיף נאָך אַלץ אַ זון איז,
נאָר שוואַרצע וואָלקנס האָבן זי באַזיגט.

כ׳האָב א י ם און זיך אַריינגעוויגט אין דרימל,
און מיין געמיט האָט זיך פאַרוועבט מיט טרוים:
...ס׳האָט אויסגעלייטערט זיך דער געטאָ־הימל...
די זון פון הימל ליכטיקט אויף זיין זוים...

וואַרשע. פעברואַר, 1955

# נשמה אויף וואגשאל

## די חיה אין מענטש

„כל הכועס אפילו שכינה אינה חשובה כנגדו" (נדרים, כב)
ווער ס׳צערנט, האָט אפילו די שכינה פאַר אים נישט קיין ווערט.

דו האָסט —איך צאָרן, ווי אַ חיה — מיך געזידלט: „חיה!" —
פון ווי האָט זיך מיין האַרץ געשרומפן און צונויפגעצויגן,
פון שרעק איז מיין נשמה שיר מיר נישט אַרויסגעפלויגן,
און כ׳האָב דערזען: מיך טראָגן אויף מיין אייגענער לויה...

דו שלייכסט, באַגלייטסט מיך מיט אַ סוריטע פריינט געטרייע,
דיין קאָפּ — אַ כמאַרע פון אבלות, צו דער ערד געבויגן,
און טרערן רעגענען פון דיינע טיף־פאַרשעמטע אויגן...
נאָר איך באַטראַכט דיך פון דער מיטה... כ׳לעב... זיך בלויז פאַרטייע;

כ׳פאַרש אָנגעשטרענגט די אמת־פּראָבע פון דיין טרערן־שפע:
דיין טרויער — שוואַרצע פאַרב?... די טרערן — כשרע, צי טרייפע?
צי ברעכט חרטה ערשט דיין האַרץ, ווי מיינס האָט זיך געבראָכן?

צי זעסטו איצט כאָטש — אויף דער מיטה אויסגעשטרעקט — דעם מענטשן,
וואָס פלעגט דיך די באַליידיקונגען מוחל זיין און בענטשן,
די חיה גובר זיין אין זיך און יובלען פון נצחון?...

גבעתיים, דעצעמבער, 1963

## אויף דער שוועל...

ווי נאָר איך נעם זיך צו דיר בעטן,
כ׳מוז בעטן גלייך דאָס וואָרט אַליין,
אַ וואָרט, וואָס לאָזט אין גנאָד זיך קנעטן,
און נישט קיין האַרטס, ווי קיזלשטיין.

דו זאָלסט אַ ז אַ אין מויל מיר שיקן,
וואָס נעמט געפאַנגען מיין געמיט
און טוט מיט ווילקלאַנג עס דערקוויקן,
אַז פון מיין תפילה ווערט אַ ליד.

סע האַלט מיך צו לעם דיר, פאַרצויבערט,
און טרייבט די קאַלטע וואָר פון מיר,
וואָס מיין געמיט איר ווינט צעשויבערט,
און כ׳פיל מיט אימה, אַז איך פריר.

אוי, שיק דאָס וואָרט מיר, טרייער היטער,
ווי כ׳שטיי פאַר דיר פאַרציטערט־שטום —
אַביימל אין אַ שניי־געוויטער,
וואָס אָט צעבראָכן פאַלט עס אום...

גבעתיים, סעפּטעמבער, 1963

## רגעס פארצווייפלונג

„בדמעתי ערשי אמסה" (תהילים, ו, ז) —
איך מאַך צעגיין אין מיינע טרערן מיין בעט:

איך בין אין גאַנצן שוין פאַרוואַנדלט אין אַן אויג,
דאָס אויג — אין זידנדיקער, אויפגעקאָכטער טרער;
סע שפּיגלט זיך אין איר דער עלנט פון אַ צויג,
וואָס ווײנט: בישטאָ די הינטלעך, ווייזן זיך נישט מער.

ווי קליין איך בין ביי זיך! ווייל, כ׳ווייס עס אויף געוויס,
די טרער איז מער נישט ווי אַ גלאַנציק קיילכן גלאָז
פאַר ע מ ע צ ן אַן אומדערבאַרעמדיקן ריז,
וואָס האָט פאַר מענטשנס טרערן נישט פאַרגרייט קיין כוס.

זוי כ׳בין מקנא דיך, אַ מלך און פּאָעט! —
האָסט יעדע נאַכט מיט טרערן דורכגעווייקט דיין בעט
אין זיכערקייט: דיין טרער דערקייקלט זיך, דערפליסט

צו א י ם, דיין היטער, וואָס מיט גנאָד נעמט אויף דיין צער
און איז דיין פעסטונג און דיין שוץ אין אַ געפאַר — —
און מיך — די טרער, זאַפּט איין אַוועקגעשאַרטער מיסט.

גבעתיים. יולי, 1963

## איך ווייס נישט, קינד מיינס...

„הבט־נא השמימה וספר הכוכבים... כה יהיה זרעך"
(בראשית, לך־לך, ה) — —
טו אַקאָרשט אַ קוק אויפן הימל און צייל די שטערן...
אַזוי וועט זיין דיין זאָמען.

איך ווייס נישט, קינד מיינס, וואָס האָט דיך באַוווּיגן
צו גיין אויף דער עקידה אומגעצוווּנגען;
אַ זיידנס גייסט איז דיר פאַרבייגעפלויגן
און אַ דערמאָנונג דיר אַריינגעזוּנגען?

אַזוי, צי אַנדערש... האָסט געבראַכט דעם קרבן —
„צו זיין אַ ייד, ווי א ל ע ביסטו געווען",
דיין ביישטידל זאָל זיין מיט בלוט געפאַרבן:
דאָ ווינט אַ... איינער פון אברהמס שטערן.

אַליין געגאַנגען ביסט צום באַרג מוריה, —
צי האָט געצוקט דיין האַרץ? צי כאָטש אַ וויע? —
און האָסט דעם בונד דאָרט מיטן פאָלק פאַרשניטן;

דו ביסט באַצייכנט מיט אברהמס זיגל — —
די שכינה זאָל דיך, שטערן מייגער, היטן
און וואַכן איבער אונדז מיט ווייכע פליגל.

גבעתיים. יולי, 1963

## איך ליג פאַר דיר צעטומלט...

„ההולך בעולמו בלי התבוננות, אם טובה דרכו או לא, הנה הוא כסומא על שפת הנהר". (רמח"ל) — ווער ס'גייט אום אויף דער וועלט, נישט אַריינ־טראַכטנדיק, צי זיין וועג איז רעכטפאַרטיק אָדער נישט, איז געגליכן צו אַ בלינדן, וואָס גייט אויפן ברעג פון טייך.

אוי, גאָט! — אין הימל, צי ביי מיר אין האַרצן —
איך ליג פאַר דיר צעטומלט, ווי אַ קרבן,
וואָס זעט שוין בלינד דעם סוף זיינעם זיך שוואַרצן
און צווייפלט: „כ'לעב? צי בין איך שוין געשטאָרבן?"

איך ליג דאָ ביי דער שוועל פון שוואַרצן  ג אָ ר נ י ש ט
און ווייס נישט דעם באַדייט פון העלן  ע פּ ע ס;
מיר דאַכט זיך אָפט מאָל: ס'איז די וואָר קיין וואָר נישט —
דאָס לעבן, וואָס איך מאַטער זיך און שלעפּ עס.

און פאָרט, פאַר מיר אַליין די וואָר אַ וואָר איז —
דער ברויזן לעבנספרייד, די שפע צרות,
און כ'פרעג אין שטומעניש ביי אַלע וועגן:

„וווהין־דאָס פירט איר? און וואָס  ד אָ ר ט  איז, ווייסט איר?
און ווייסט איר, קאָנט איר דינען מיט אַ טרייסט מיר?" — —
קיין איינער ענטפערט מיר נישט אויף מיין פרעגן.

גבעתיים, יולי, 1963

## א פ ש ר

„לב־נשבר ונדכה אלהים לא תבזה" (תהילים, נא, יט) — אַ צעבראָכן און דערשלאָגן האַרץ, גאָט, פאַראַכטסטו נישט.

און אפשר ליגט אין מיין צעבראָכנקייט — מיין גאַנץ־זיין?
די אייטער־ווונד אין מיין נשמה — היילונג שאַפט?
פון מיינע קוואַרע דערנער — וועט אַ פרישער קראַנץ זיין
פון רויזן מיט אַ צויבער־דופטנדיקן זאַפט?

איך כאַפּ זיך פאַרן  א פ ש ר,  ווי אַ מענטש, וואָס טרינקט זיך,
שטרעקט אויס פאַרשמאַכט די דלאָניעס צו אַ שטרוי — זיין שטראַל;
דער  א פ ש ר  איז אַ שטערנדל, וואָס בלינצלט, ווינקט זיך
צום וואָגלער אין אַ מדבר ביי זיין לעצטן פאַל.

אוי, אפשר קאָן אַ שטרוי זיך אין אַ שטריק פאַרקערן,
אַ שטערן־ווונק — אַ רעטער אין אַ מדבר ווערן
און ראַטעווען אין לעצטן יאוש־בליק דעם מענטש?

אוי, אפשר קאָן אַן  א פ ש ר,  דורכגעוויקט מיט טרערן,
אין אַ געוויס פאַרקערן זיך, און ס׳זאָל אַ שטערן
אין שטערן מיר אַ קוש טאָן: „ביסט געלייטערט... כ׳בענטש״.

גבעתיים. יוני, 1963

# ל ו י ב

סע טוט מיך, ווי אַ זיידפאָדעם, פאַרקניפּן
דיין וואָרט צום לעבן, וואָס מיין זעל באַגערט;
דיין לויב פאַר מיר — אַ טוי, וואָס פאַלט אויף ליפּן
פון אויסגעטריקנט־לעכצנדיקער ערד, —

זי שפּירט: אַ חיות טוט אויף איר זיך זיפּן
און יעדעס זעמדל, שטויבעלע דערנערט.
דיין וואָרט שניידט שאַרף אַרויס פון מיינע ריפּן
דעם פרעמדן גלייכגילט, וואָס מיין זעל פאַרצערט.

נאָר — זאָל עס זיך נישט מאַכן, ווי עס מאַכט זיך! —
„ער טרייבט בלויז שפּאַס, ער שפּעט פון מיר...״, מיר דאַכט זיך, —
צעשמייכלט זיך מיין פּנים ראַזלעך־קיל,

די ליפּן צוקן־אויף: „אַ דאַנק״ און צאַפּלען,
אַ פייכטקייט נעפּלט אין די אויגן־אַפּלען,
און ס׳וואָרגט אין קעל אַ שטיין — אַ ריזן־פּיל...

גבעתיים. יוני, 1963

# תפילה פון א ליבנדיקער פרוי

„חדל להיות לשרה ארח כנשים. ותצחק שרה בקרבה לאמר:
אחרי בלותי היתה־לי עדנה" (בראשית, וירא, יא—יב) —
ביי שרהן האָט אויפגעהערט זיין דער שטייגער ווי ביי ווייבער.
און שרה האָט געזאָגט אַזוי צו זאָגן: נאָך דעם ווי איך
בין אַלט געוואָרן, זאָל איך נאָך האָבן תענוג ?

א.

באַשעפער מיינער, ד ו האָסט מיך אַזוי באַשאַפן —
דערפאַר צו דיר געוואָנדן איז מיין תפילה.
מיין ווייבלעכקייט איז שוין אַריין אין זיקנה־האָפן,
און דורך מיין בלוט סע בלאָזן ווינטן קילע.

סע שרימפּט זיך איין מיין לייב, פאַרזאַמדיקט זיך מיין באָדן,
נישט אויפצונעמען מערער שוין קיין זריעה,
און ווען מיין זייער קומט, צעהיצט, מיט איר באַלאָדן,
איך ליג פאַרשעמט, און ס'ציטערט מיר אַ קניע.

איך ליג — אוי! — נישט קיין באָדן, נאָר אַ וואַטע־וואָלקן,
פון אַ חמסין ביז לעצטן טראָפּן אויסגעמאָלקן,
שוין נישט צו שפּילן מער קיין רעגנבויגן ;

פאַרבליבן פייכטקייט איז נישט מער מיר אין דעם לייב נאָך,
אַז שפּילנדיק די ראָל ווי איך וואָלט זיין אַ ווייב נאָך,
כ'דריק אויס אַ ביטער־טרער פון מיינע אויגן.

ב.

נאָר וו אַ ס, באַשעפער, בעטן דיך, איך ווייס אַליין נישט...
דו וועסט דען אויפשליסן, וואָס שוין פאַרשלאָסן ?
אַ מלאָך שיקן מיט אַ בשורה: „זקנה, וויין נישט,
האָסט נישט אומזיסט די טרערן ביטערע פאַרגאָסן" ?

דו וועסט דען טאָן מיר יענעם נס, וואָס אונדזער מוטער ? —
איך בין נישט קיין צדיקת דאָך, ווי שרה.
נאָר ס'האָט מיין מאַמע מיך געלערנט: ביסט אַ גוטער
און פול מיט רחמים, — הייל זשע אויך מיין צרה,

ווי דו פֿאַרשטייסט אַליין... פֿאַרבלענד מיין זייערס פּילן,
סע זאָל אים וואַרהייט זיין דער אָנשטעל פֿון מיין שפּילן —
אַ מוטער־ראָל, געשפּילט פֿון אַן עקרה...

צי (זאָלסט מיך פֿאַר דער תּפֿילה, ד ע ר, נישט שטראָפֿן!)
זאָל אויך מיט אים פֿאַרלויפֿן, וואָס מיט מיר פֿאַרלאָפֿן,
און... אונדזער ליבשאַפֿט ווערט אַ גייסטיק־וואָרע.

ג.

מיין לעצט געבעט דאָ אויפֿן אָרט שוין צי צוריק איך:
איך האָב קיין האַרץ נישט דעם געגנוס ביי אים צו רויבן.
נאָר זע איך קוקן אים מיט לוסט אַדורך די שויבן
צו פֿרעמדע פֿעלדער... מיין געוויין אין זיך דערשטיק איך

און זוך אַן אויסרייד צו באַפֿאַלן אים מיט צאָרן,
אַ יעדעס מאָל מיט אויסגעטראַכטע טענות בייע,
און פֿון מיין מויל סע בילן אויף אים היינט — אַ סטאַיע,
ביז כ׳ווייס אַליין שוין נישט, וואָס ס׳איז פֿון מיר געוואָרן...

אַ פֿאָטער, צוים די חיה אין די בלוטן מייַנע,
פֿאַרוואַנדל אין אַ שטיין מיין יעדע פֿאַלשע טענה,
ער זאָל אין קעל פֿאַרבלייבן ביז דערשטיקט צו ווערן,

כ׳זאָל ליידן שטום, ווען פּייניקן זיך איז באַשערט שוין — —
אַ, טאַטע־פֿאָטער, האָסט מיין תּפֿילה־שעפּטש דערהערט שוין:
סע לייכט ביי מיר אין האַרץ אַ לויטער־קילער שטערן...

גבעתיים, יוני, 1963

## פֿריינדשאַפֿט

דורך דעם פֿאַרגרעסער־גלאָז פֿון פֿריינדשאַפֿט
דו זעסט אין מיר דורכויס נאָר מעלות,
ווייל זי אַ וווּנדערלעכע שיין שאַפֿט,
וואָס צויבערט און דערוועקט היספּײלעס.

דו זאָגסט: „אָט דאָס אַ פֿייער־זייל איז!",
כאָטש ווירקלעך זעסטו בלויז אַ פֿלעמל.
באַמערקסט אַ פֿליג, און זאָגסט: „אַ קעמל!" — —
אין פֿריינדשאַפֿט אַ פֿאַרברענגטע שעה — אַ ווייל איז.

גבעתיים, 1963

## מיין אויף־דער־עלטער

אויף מיינע טעג די טריבע
דער הימל הענגט צעבלויט ;
מיין בלוט שפּילט־אויס נאָך ליבע,
כאָטש ס׳טראַכט זיך שוין דער טויט ;

ס׳ווערט שלאַבריקער די קניע,
און ס׳קלייבט אין בלוט זיך שרויט,
ס׳דערנענטערט זיך די שקיעה,
וואָס גליט מיט רויזן־רויט...

גבעתיים. 1963

## ליבשאפט

ווער זאָגט דיר, אַז דיין קערפּער איז נישט הייליק,
ס׳האָט גאָט דאָך אים געזאַלבט מיט ליבשאַפט פון אַ זעל ?!
דיין לייב אַליין איז אויך — פון גאָט אַ חלק ;
גאָט גלאַנצט אַראָפּ אַפילו פון אַ חיהס פעל.

ס׳איז הייליק אויך די תאווה אין דעם מענטשן,
אויב נאָר אין בלוט מיט ליבשאַפט פלאַקערט זי געפּאָרט ;
„כ׳בין גרייט דיין זאָט, מיט פרוכט באַזעלטער, בענטשן" —
ווי פון דעם סנה, גייט אויף דורך איר דעם שעפערס וואָרט.

ס׳איז געטלעך־הייליק דיין געביין־לאַמטערן,
כל־זמן עס לייכט אין אים דער ליבשאַפט־שטערן —
דאָס האַרץ, וואָס ליבט, געליבט צו ווערן גאַרט.

דיין פליייש־און־בלוט איז דיר פון גאָט געגעבן
אויף פרייד און פאַרגעניגן אין דיין לעבן ;
דיין זעל — פאַר אַלץ אַרום, וואָס אויף דיין ליבשאַפט וואַרט...

גבעתיים. מערץ, 1963

## און עפל

דער עפל האָט געוויינט דורך ווייטיק שטומען,
כאָטש ס׳האָט זיין הויט מיט גאָלד און רויטס געשפּילט,
ווען כ׳האָב אים זשעדנע צו מיין מויל גענומען,
צו לינדערן דעם דאָרשט, וואָס כ׳האָב דערפילט.

זיין צער האָט מיך געטאָן פאַר דעם געוויסן
און פאַרן האַרצן, ווי אַ צוואַנג, אַ קלעם.
„וואָס ווייסטו, שיינער עפל, לאָמיך וויסן ?" —
כ׳פרעג שטום אים מיט אַ פינטל פון דער ברעם.

„פֿאַרדריסט דיך, וואָס איך וויל פֿון דיר גענִיסן?
דיך שרעקט צו זיין פֿון מיינע ציין געביסן —
און ס׳ציטערט אויף דיין לייב די איידלע הויט?"

— נישט דאָס... צוליב דעם וואָרעם עקלהאַפֿטן,
וואָס פֿאַר דיר נאָך האָט אויסגענאָגט די זאַפֿטן,
און מיט מיין פֿאַרבן־שפּיל זיך צירט דער טויט...

גבעתיים, אָקטאָבער, 1962

## ביי די ברעגן פֿון סמבטיון

### א.

איך בין געלאָפֿן זוכן רו, און — צוגעקומען,
אוי־ווי צו מיר! צו דעם סמבטיונס ברעג.
ער איז באַגרינט מיט גראָז, פֿאַרפּוצט מיט בונטע בלומען,
נאָר שוין זיין וואַסער־ברויז פּילט אָן מיט שרעק;

ער יאָגט אַריין אַ בייזע קעלט מיר אין די ביינער
און מאַכט זיי פֿלאַטערן — אַ בלאַט אין ווינט.
מיין שרעק איז נישט אומזיסט: ער שליידערט קללה־שטיינער,
און יעדער שטיין צו טרעפֿן יאָגט זיך בלינד

גאָר אָפֿט אין מיר אַליין — אין קאָפּ, אין אויג, אין האַרצן.
סיי לעכערט ער זיי דורך, סיי בלייבט ער אין זיי שטאַרצן,
אַלץ איינס איז טיף מיין ווייִ און גרויס מיין צער,

און כ׳פֿרעג זיך פֿול חרטה: וואָס ביסטו געלאָפֿן
נאָך רו, געצויגן אויפֿן שטריק פֿון בלינדן האָפֿן,
און נישט געזעסן שטיל אין דרהיים, דו נאַר!?

### ב.

געמיינט האָב איך: סמבטיון — אַ לעגענדע,
וואָס נישט פֿאַרגינערס האָבן אויסגעטראַכט;
נאָך יאָרן זוכן מוז אַ מענטש צו ענדע
געפֿינען רו! — און האָב זיי אויסגעלאַכט.

אַצינד — אין וועלכער זייט דעם בליק איך ווענדע —
איך שטיי אין מיטן פון אַ בייזער שלאַכט;
די קללה־שטיינער פליען בלינד־און־בלענדע,
אין ליכט פון טאָג, אין פינצטערניש פון נאַכט.

אָ, נישט קיין שפּילעכל אַ שלעכטער שם איז!
ס'איז קיין לעגענדע נישט, נאָר לויטער אמת:
דער טייך סמבטיון רוט נישט, תמיד וואַכט

און מיט זיין שטיינערפאַל־געדונער לאַכט.
נישט אמת איז נאָר, אַז אום שבת רוט ער, —
אַ קיילעכיקע וואָך פאַרגיסט מיין בלוט ער.

גבעתיים. דעצעמבער, 1962

## א תפילה

לב יודע מרת נפשו (משלי, יד, י)
דאָס האַרץ ווייסט זיין אייגענע ביטערקייט.

אַז ס'ליגט אין האַרץ די שלאַנג,
ווי קאָן איך זי פאַרטרייבן?
דאָס טראַכטן מאַכט מיך קראַנק:
זי וועט שוין דאָ פאַרבלייבן...

מיין צער ווי טיף און גרויס:
אַליין כ'האָב זי פאַרבעטן!
מיר קומט נישט אַנדערש אויס —
מיט איר דאָס האַרץ צעטרעטן,

צי טאָן עס פון דער ברוסט אַ פליק
און פאַר די הינט עס וואַרפן...
איך ווייס: איך וואָלט עס דאַרפן,

נאָר כ'האָב נישט שמשונס גליק. —
אָ, גאָט! קוק צו מיין ווייטיק,
באַשיץ מיך און פאַרטיידיק.

# רב חיים וויטאל

„זכה עוזרתו, לא זכה כנגדו (יבמות, סג.) —
האָט ער זיך פאַרדינט, איז זי אים אַ געהילף,
האָט ער זיך נישט פאַרדינט — אַ קעגנערין.

אויף דיר? —
דו הייליקער און אויסגעטאָנענער פון וועלט־יאַרידים,
פאַרקוקט אין דעם לבנה־שימער פון דער שכינהס פליגל
אין שמאַראַק־בלויען צפתער הימל, —
אויף דיר
האָט צוגעגרייט דער שופט פון דער מענטשהייט
אַ גיהנום נאָך אויף ד ע ר וועלט? —
אַ ווייבערשן „כנגדו",
אַ סטראַ־אחראַ, אַ מרשעת,
וואָס האָט געפייניקט דיין געהער אין שכינה־שטילקייט
מיט הויך געשריי, פּרעטענזיעס, געליאַרעם,
געזידל, טויטע קללות,
און טייל מאָל אויך געפאָכעט
מיט דראָענדיקן ביינערדיקן פויסטל,
געקריצט מיט כלב־ציינער
אַקעגן פּנים דיינעם, —
דיין פּנים, ווי אַן אתרוג,
פאַרטוליעט אין דיין באָרדיקער צעשטראַלונג;
אַקעגן דיינע פלעמלדיקע אויגן,
וואָס דרינגען דורך די שפּאַרעס פון רב שמעונס קבר
און פאַרשטן דעם אַרי"ס אַראָפּגעלאָזטע ברעמען;
אַקעגן שטערן דיינעם, דעם צעאַקערטן אין פעלדלעך
פון זוהרדיקע טיף־פאַרבאָרגענע רעיונות
אין שאָטן פון של־ראָש מיט זיין געקרוינטן שין פון שדי?
אויף דיר?!

ווי, הייליקער, האָסטו דערויף געענטפערט?
פאַר וואָס נישט מיט קיין ספר־כריתות,
ווי מיט אַ שטעקן, זי פון הויז אַרויסגעטריבן?
צי האָט דיך נישט דערלאָזט דאָס ווייכע האַרץ דאָס פרומע,
עס זאָל „אַפילו דער מזבח לאָזן אויף דיר טרערן"?
צי האָסטו נישט געענטפערט גאָר אין גאַנצן?

האסט, ווי מיט וואַטע, מיט די ווייכע לעפּלעך
פאַרשטאָפּט די אויערן־קאַנאַלן:
„זייט טויב און הערט נישט!"?
צי האָסטו זיך דערמאָנט אין רב עקיבאָן,
ווען מ'האָט מיט אייזן־קאַמען אים די הויט געשונדן,
און ער האָט זיך באַהערשט מיט אַלע כוחות פון זיין מעכטיקער נשמה,
צו קאָנען אַ געשריי טאָן אין דער לעצטער רגע:
„אוי... שמע ישראל...!"? — —
און אפשר... האָסטו נאָך אין האַרץ געבענטשט זי,
די מרשעת,
ווייל פאַר די טריט דיינע זי האָט געלייגט זיך,
ווי שטיגן פון צעגליטע קוילן,
דו זאָלסט מיט זיי צו זיבן־הימלדיקע הייכן
זיך לאָזן צו דער מטרוניתאס תכלת־שלעפּע און דערגרייכן...
און אפשר... האָסטו שטום געשעפּטשעט נאָך אַ תפילה,
זיך פריער רייניקנדיק זיבן מאָל מיט טבילה:

„באַשעפער! זיי איר מוחל, רחמימדיקער טאַטע־ליבער,
דער רוט, וואָס שמייסט מיך, טרייבט אַלץ העכער און אַריבער
צום שטערנשטויב, וואָס פינקלט אונטער דיינע זונען־זוילן;
זיי מוחל איר, דער בלינדער, שטראָפנדיקער רוט,
וואָס איר שליחות איז פון איר פאַרהוילן,
וואָס שלאָגט אַרויס פון גוף מיינעם דאָס טרייפע בלוט
און נעמט פון אים פאַר זיינע זינד נקמה,
נאָר... ס'ווערט געצערטלט, אָן איר וויסן, מיין נשמה;
סע ווייטנט מיין גוף מיט אַלע זיינע גלידער,
נאָר די נשמה זינגט צו דיר אַ לויב אין לידער,
וואָס שטראָמען צו דיין זוהרדיקן פּלוס...
זיי מוחל איר, מיין ווייב, אין אָט דעם זכות,
ווי איך, דיין קנעכט, בין מוחל איר אָן קווענקל;
ווי איך, דיין דינער, טרייב זי נישט פון מיין געצעלט,
זאָלסט דו זי נישט פאַרשטויסן דאָרט, אויף י ע נ ע ר וועלט,
פון אונטער מיינע פיס — מיין בענקל..."

גבעתיים. סעפּטעמבער, 1963

## דער יאָ...

איר זאָגט: ס'איז נאָכן לעבן גאָר נישט דאָ,
דעריבער — אײַל, און לויף, און כאַפּ אַרײַן!
דאָס לעבן בלויז איז שימערדיקער יאָ,
דער טויט — זײַן נײַן, אַן מינדסטן פינטל שײַן.

און איך זאָג: איבער דער טויט איז שוואַרצער דנאָ
פון לעבן מיט זײַן ווײַן־געמישט־מיט־פּײַן, —
פאַרשאָלטן זײַ, דו גליענדיקע שעה,
וואָס האָסט מיך אויסגעשמאָלצן צו דעם זײַן!

נאָר ווײַל איך גלייב: דער טויט איז הימל־בלאָ,
דעם לעבנס טיף, — דאָס לעבן גייט מיר אײַן,
און כ'זינג צום טויט — דעם דויערדיקן יאָ —
אַ לויב פאַר זײַן המשומרדיקן ווײַן.

ווײַל ער דעם לעבן גיט דעם זין פון יאָ,
כאָטש ס'איז אַ פינטל צײַט בלויז פונעם זײַן;
ער פירט ארויס דעם מענטשן פונעם דאָ
און ברענגט אים אין דער אייביקייט אַרײַן...

גבעתיים, סעפּטעמבער, 1962

## יאָמער־געזאַנג פון אַ בעל־תשובה

**1.**

אירע אויפגעקאָכטע נערוון, אויפגעזידטע
שמייסן, גלייך ווי ריטער, מײַן נשמה — בלינד,
בריען מיך און טרײַבן צו דער שוואַרצער מיטה...
כ'וויס: נישט איר שולד איז עס, — שטראָף פאַר מײַנע זינד.

וואָס זשע קאָן איך פאַר אַ טענות צו איר האָבן
פאַר דעם גיהנום, וואָס זי שאַפט מיר אויף דער וועלט?
ס'וואָרנט מיך דער ווײ און לערנט: „זיך דערגראָבן
צו דעם לעבנס זין, וואָס איז פאַר דיר פאַרשטעלט.

זי — גאָטס רוט, און רויק זאָלסטו פֿאַר איר ליגן;
ווי דיין זיידע מלקות — אויפֿנעמען די שמיץ,
מיט די ציין ביז בלוט פֿאַרביסן און — געשוויגן!
און דעם טויט דערזעען אין דעם בלענד פֿון בליץ.

ווען עס טונקלען זיך און גוסען די געדאַנקען
אונטער אָנפֿליין פֿון שוואַרץ־שוימענדיקער פּיין". — —
העלף מיר, גאָט, די רוט צו קושן און באַדאַנקען
פֿאַר איר לערע און איר ברכהדיקער שיין...

2.

כ'הער אין זיך אַ שפּאָטן: „ווי פֿאַרדאַרבן!
סאַראַ מייסטער צו גענאַרן זיך אַליין!
האָסט פֿאַרגלאָצט די אויגן נעבעכדיק — אַ קרבן,
און געלאָזט דעם בליק אין הימל־בלוי צעגיין:

אַט־אַ ביסטו באַלד געלייטערט־ריין געשטאָרבן...
און... אַ קרבן קוקסטו אויס זיך פֿאַר דיין שאַנד!
אַט די אָפּנאַר־קונסט ווי האָסטו זיך דערוואָרבן?
רייניקסט זיך, און האַלטסט אַ שרץ אין דער האַנט!"

מיינע ליפּן זענען טמא פֿאַר אַ תפילה.
אפשר — טהור כאָטש די טרערן הייס־און־שטילע?
זאָל באַוויליקט זיין מיין יאושדיק געוויין.

כ'שטיי, פֿון זיך אַליין באַשפּעט, געבויגן
און דערוועג זיך בישט צו אויפֿהייבן די אויגן, —
זאָלן מיך די טרערן אויסוואַשן אויף ריין.

3.

מיין גאָט! ערשט איצט, אין גאַנג שוין באַרג־אַראָפּ,
דיין ליכט האָט אויפֿגעלויכטן אין מיין קאָפּ,
באַשטראַלנדיק אויף צריק מיין וויסטן וועג.
ס'באַפֿאַלט מיין לייב־און־זעל אַ שוידער־שרעק,
ווען כ'טו אַהין מיין מידן בליק אַ ווענד
און זע זיך גיין, פֿון זיך אַליין דערקענט...

ס׳גייט אויף אין מיר אַ יאָמערלעך געשריי:
„אוי־ווי איז צו מיין לעבן! אַך־און־וויי!״
אויף אַלע פיר אַ שרץ דאָרטן קריכט,
אין גאָר דייך בלענד פון לויטערקייט און ליכט,
צו שאַנד, אַנשטאָט צו הייליקייט... — דעם קאָפּ
איך טו אַ קער צוריק צום באַרג־אַראָפּ — —
אַ קבר אונטען — אַ צעשריגן מויל,
נאָר שרייען — איך דאָס שריי פאַרשעמט, אין גרויל.
די פּיין באַצירט מיין קאָפּ מיט דערנער־קראַנץ,
און כ׳גיי אַנטקעגן קבר מיט אַ טאַנץ...

גבעתיים. אויגוסט—נאָוועמבער, 1962

## איינבראך

כ׳האָב מיט־אים — מיט זיך געשטריטן
און פאַרשפּילט...
ס׳האָט דער הונט אויף מיר געריטן,
שאַרף געבילט,

לאַנג געבילט און מיך געביסן
ביזן ביין.
שטיי איך איצט צעפּליקט־צעריסן
און איך וויין:

מיין נשמה — מיט די טרערן,
און מיין לייב —
מיט די טראָפּנס בלוט ווי שטערן.
כ׳ווין און שרייב:

„ס׳איז די זון אַ שטראַליק־ווייסע,
פינצטער־שוואַרץ —
אין מיין האַרץ — —
נעם און טו זיך אָן אַ מעשה!...

גבעתיים. יאַנואַר, 1962

# אויף דער וואָגשאָל...

(מעדיטאַציעס פון אַן ערב־זעלבסטמערדער)

1.

איך רוף דיך, טויט... און דו שטייסט אַלץ פון ווייטן
מיט דער אכזריות פון בראשית־צייטן
און בלויז דיין שאָטן־פינגער שטרעקסט מיר אויס —
איך זאָל אַליין זיך וואַרפן אין דיין שויס:

אין ים זיך וואַרפן, סמען זיך, צי הענגען; —
ווילסט אַלס אַ מערדער מיך אין הימל ברענגען...
דו שטשירעסט דורך די ציין דיין שפּאָטיש וואָרט:
„אַליין דיין רופן מיך איז שוין דאָך מאָרד!

דו רוף נישט מ י ך, נאָר טרייב פון זיך דאָס לעבן,
וואָס גיט דיר נישט קיין רו און... וועט נישט געבן;
אַליין די קונץ פון טייטן נעם באַווייז:
זאָג אָפּ דיין גוף פון טרינקען און פון שפּייז.

איך האָב נישט ליב די לייט, וואָס מיך באַגערן,
און זייער רוף־געבעט וועל נישט דערהערן;
פון פאַס פון לעבן זעץ אַרויס דעם דנאָ —
און פאַלסט אַריין אין אייביקן נ י ש ט אָ..."

— — — — — — — — — —

איך רוף דיך, טויט... קיין מערדער כ'טאָר נישט ווערן:
אַז מיינע אָבות וועלן עס דערהערן,
זיי וועלן דאָך פאַרשעלטן מיין געביין,
און כ'וועל אויך ד אָ ר ט — אין חרם — זיין אַ ל י י ן.

2.

ווען כ'וואָלט נאָר צומאַכן די אויגן...
איך וואָלט באַהאַפטן גלייך דער טרויער,
בעתן שטיין לעם מ ת געבויגן,
ווי פרומע ביי דעם „כותל"־מויער.

געפייניקט פון דער קראַ — ח ר ט ה
אויף דעם פאַרשווּעכן בייז מיין חלום
און פרעך באַשפּריצן מיך מיט בלאָטע, —
איר וואָלט לעם מ ת געשלאָסן שלום,

אין מויל דער טעם פון אַש און טרערן,
אין בליק דער גלאַנץ פון שמעלץ פון שטערן — — —
נאָר ס'וויל דער טויט דאָס נישט פאַרגינען,

און איילט זיך נישט מיין גוף דערפרירן.
איר טאַטשעט — ווערעם! — די געהירן,
צו זעלבסמאָרד רייצנדיק מיין זינען...

גבעתיים, מערץ, 1963 — ערב רה"ש, תשכ"ד.

## צעצווייונג

ער האָט — געפייניקט פון געוויסן —
אַ ריטש געטאָן צו זיך פאַרביסן:
— דו הונט! — איז גוט דאָך! ס'אַ מדרגה:
ער אַנערקענט אַליין זיין נגע!
קאָן זיין אַ גרעסערע דערגרייכונג,
אַ שענערע נאָך זעלבסט־דערהייכונג?
ס'האָט אָבער לאַנג נישט אָנגעהאַלטן:
ער טיילט זיך גיך אויף צוויי געשטאַלטן;
נישט ע ר האָט ז י ך געזידלט — עמעץ,
וואָס האָט פון תרבות נישט קיין שמץ.
אַז ווי האָט י ע נ ע ר זיך דערוועגט עס —
אַ מענטשן צו דערשלאָגן קלעקט עס —
אויף א י ם אַזאַ מין היגטיש בילן?!
זיין בלוט־זאַט קאָן זיך גאַרנישט שטילן.

ער שרייט צו י ע נ ע ם: — וואָן פון דאַנען! —
נאָר יענער איז נאָך אַלץ פאַראַנען
און זידלט מיט די זעלבע ווערטער:
„דו הונט! דו הונט!" — אַז וואָס זיך קלערט ער?
ער וועט דערין מיך איבערצייגן?
איך וועל נישט דולדן! נישט פאַרשווייגן!

און מיט די פויסטן נעמט ער פּאַכען,
אין י ע נ ע מ ס האַרצן באַכען, באַכען:
— הער אויף! כ'וועל שמידן דיך אין קייטן!
בלייב שטיל! ווער שטום! איך וועל דיך טייטן! —
און וווּנדערט זיך: „איך שלאָג אים, פּייניק,
און ער — ווי ס'וואָלט פאַרשאַפט אים תענוג,
ווי מיינע קלעפּ אים זענען נייטיק;
און מ יי ן האַרץ באַר פאַרגייט פון ווייטיק".
— דו הונט! דו הונט! — ער זידלט י ע נ ע ם,
און פילט: אין ז יי ן האַרץ ברענט דער גיהנום —
אוי, אויסער מיך — נישטאָ דאָ קיינער;
איך בין אין צווייען, כאָטש כ'בין איינער...

— פאַרנעם, באַשעפער, מיין בקשה:
ברענג אום מיין צווייטן א י ך — דעם רשע.

גבעתיים, יולי, 1963

# אין דערהייבונג

## דער אוועקגאנג פון דזשאן קענעדי

זיי האָבן נישט געקאָנט פאַרטראָגן
דאָס מילדע ליכט, וואָס האָט געשלאָגן,
ווי קוואַליק זונליכט, פון דיין האַרצן
פאַר גאָר די ליידן פונעם שוואַרצן.

זיי האָבן נישט געקאָנט פאַרטראָגן
דיין שייַן, וואָס האָט גענומען טאָגן
אין הערצער נאַכטישע פון ווייסע, —
און אָנגעטאָן דיר, מ ע נ ט ש, אַ מעשה.

ס'האָט דיך פאַרצוקט די ווייסע חיה.
די מענטשהייט גייט נאָך דיין לוויה
אין טראַכט פון טרויער און פון שטראַלן —
דיין אויפגאַנגס אויפשיין אין דיין פאַלן.

אין הימל הענגט אַ שוואַרצע כמאַרע
און מאַכט פאַר דיר אַ יובל־וואַרע;
אין טרערן־בליאַסק פון נעגער־אויגן
פראַלט־אויף אַ טויער — רעגנבויגן.

און דורך דעם טויער טראָגן נעגער
דיין אָרון שטום — זעקס שטאָלצע טרעגער,
געזאַלבט־געהייליקטע מיט טרויער — —
אין זריחה־שיין צעפליסט דער טויער.

גבעתיים. דעם 23־סטן נאָוועמבער, 1963

# א חלום

דעם נעגער־מאַרש אין וואַשינגטאָן

אַ שלאָף־פאַרוואָגלטן, זיך וואַרפנדיק פון זייט אויף זייט,
נאָך האַלבער נאַכט, האָט מיך אַריינגעוועבט אַ דרימל;
ווי מיט אַ מאָל... מיך טראָגן לייכטע פליגל אין דער ווייט,
אַלץ העכער, העכער, און איך אָטעם שוין — דעם הימל.

אַ פלייצנדיקע חושך־שיין פאַרכוואַליעט מיין געזיכט,
און דורכזיכטיק פּאַפּיר די אויגנלעדלעך ווערן;
איך זע דורך זיי אַ פינקלדיק טיף־שוואַרץ געליכט —
ס׳גליט שוואַרץ דער אומענד־רויט, די זונען און די שטערן.

ס׳אַ רייכקייט פון שאַטירונגען ס׳פאַרמאָגט די שוואַרצע פאַרב!
אָט איז דער כסא־כבוד — שוואַרצע פלאַמען־קרויזן,
אויף אים... דער שעפער זיצט? אַ נעגער?! ווער איך בלינד, צי כ׳שטאַרב?
זיין ראָש — באַקראַנצט מיט פלאַמענדיקע שוואַרצע רויזן...

אַ נס געשעט! — אין שוואַרצן בליאַסק איך זע בישט זיין געזיכט,
און — כ׳לעב!... איך הער; ס׳קוועלט אָן אַ ווייס געשאַל: אַ וואַרע!
אַ וואַרע פאַרן ווייסן אשמדאי!״... ס׳יאָגט אָן געדיכט
פון ווייסער פינצטערניש אַ קנוילנדיקע כמאַרע,

זי שלינגט, פאַרשלינגט דעם גאַרן בלענדנדיקן שוואַרץ,
און אַלץ בלייבט פינצטער־ווייס און טויט־פאַרלאָשן — —
צי ווייַנט פון טויט־פאַרלאָשנקייט דער שעפער? צי מיין האַרץ?
— געוואַ...אַ...! — איך כאַפּ זיך אויף מיט אָפּגענומען לשון.

גבעתיים. ערב ראש־השנה תשכ״ד

# אין זכות פון די סנהען

„אַ בודיסטישע נזירה האָט זיך אונטערגעצונדן און
איז פאַרברענט געוואָרן אַלס פּראָטעסט קעגן דער
דיסקרימינאַציע לגבי איר רעליגיע. פאַר איר האָבן
דאָס זעלבע געטאָן דריי גייסטלעכע מענער״.

**פון דער פרעסע**

אויף מזרח־זייט, מערב־זייט, צפון און דרום
סע פלאַקערן שטורקאַצן — העלישער פלאַם.
ווער האַלט זיי? סע איז נישט צו זעען קיין אָרעם.
זיי שטייען, ווי סנהען — אַ מענטש זייער שטאַם.

פיר לעבנס! און ווער האָט זיי אונטערגעצונדן?
אוי, ווער איז דער אכזור מיט האַרצענעם שטיין?
אַוווּ איז דער מערדער? ווו איז ער פאַרשווונדן? —
זיי האָבן זיך אונטערגעצונדן אַליין,

מיט קנייטש און מיט ספּאַזם פון ווי פּראָטעסטירן,
אַ יעדע קאַנוווּלסיע פון לייב איז פּראָטעסט:
„איר זאָלט נישט מיין ברודער צום אומקום דערפירן!
פאַריאָגט נישט מיין פאָלק פון זיין גלויבן — זיין נעסט!"

קרבנות. דער ערדקיילעך — זייער מזבח,
און ס'מישט זיך מיט הימלבלוי אויס זייער רויך;
די ווייטן פאַרשמעקט פון געבראָטנס דער ריח...
דער מענטשהייט? — נישט אַנדערש אַ פּנים, איר אויך.

אַזיסט — פאַר וואָס שווייגט זי און שרייט נישט אין צאָרן,
און רייסט נישט פון בראַנד־ווי די האָר זיך פון קאָפּ?
צי איז זי אַ בלינדע און טויבע געוואָרן
אין לויף צו דעם אָפּגרונט פון אומקום גאַלאָפּ?

אַזיסט — פאַר וואָס קוקט זי, און ווערט נישט פאַרצאַפּלט,
אַזוי ווי, אין שפּינוועבס געפאַנגען, אַ פליג?
צי איז זי, אוי־וויי, עובר־בטל? זי פּלאַפּלט
פון אַחדות, פון שלום, און — גרייט זיך צו קריג. — —

דאָס מענטשלעכע לייב — אַ באַשאַף פון געוועבן
פון פעדעם מיליאָנען, און איטלעכער שרייט
אין פלאַטער פון שמערצן: „כ'וויל לעבן! כ'וויל לעבן!
צו ווערן פאַראַשט איז פאַר מיר נאָך נישט צייט..."

פיר לעבנס זיך שרומפּן פון ווייען אין קנוילן,
און קרעכצן, און זיפצן, צעצאַפּלטע־זיס:
„ס'האָט בודאַי די בליקן פון אונדז נישט פאַרהוילן,
זיין שכינה אַ פליגל אונדז שפּרייט פאַר די פיס..." — —

★

זאָל ווערן דערהערט דער געוואַלד פון אַ דיכטער,
אַ זון פון דעם פאָלק, וואָס גייט אָפּ אין זיין בלוט:
„געוואַלד! ס'ברענען־אויס די דערהויבנסטע ליכטער —
די טרעגער פון הייליקן, העלדישן מוט!"

זאָל ווערן דערהערט דאָס געבעט פון אַ דיכטער,
אַ זון פון דער אומה, וואָס אַלץ נעמט פאַר ליב:
„באַשאַפער פון וועלטאַל און אייביקער ריכטער,
אין זכות פון די סנהעין — דער מענטשהייט פאַרגיב..."

גבעתיים, אויגוסט, 1963

## צום חלל־פליער

1.

פאַרוואָר, דיין מוט איז, חלל־פליער, אין לשער:
דעם שווונג פון דעם געדאַנק פאַרווירקלעכסט אומגעגנייט!
און דער געדאַנק זיך ציט אַרויף — אַ צונג פון פייער,
אַ לעק צו טאָן דעם זוים פון דעם באַשעפערס קלייד

און אין די פאַלדן דאָרט געפינען אַ באַשייד
אויף גאָר דער פיין — דעם הייסן דורשט, זיך צו דערוויסן
דעם סוד פון אַ ל ץ, וואָס עקזיסטירט, וואָס לעבט אין פליסן
און נאָר צוליב געוווינהייט דאַכט זיך, אַז סע שטייט.

די מאַסע שטוינט פאַרגאַפט און יובלט דיר אַנטקעגן,
ווען קערסט צוריק בשלום פון די חלל־וועגן;
ווייל פון די ע ר ש ט ע — דו צעפלאַקערסט איר געמיט.

נאָר זע: די דיכטער שטייען פונקט אַזוי דערשטוינטע
פאַר אַ ל ץ וואָס רינגלט אונדז אַרום, כאָטש צוגעוווינטע,
און פאַרן מינדסטן בלימל יובלען זיי מיט ליד.

2.

סע פליט די צייט, די מאַסע וועט זיך צוגעוווינען
צום וווּנדערלעכן פלי אין חלל, גלייך ווי ערשט
צו זיך אַליין און אַלץ אַרום, און מער נישט שטוינען —
ווי זעענדיק: סע שפּראָצט פון דרערד אַרויס אַ גערשט.

„ער פליט? נו, פליט ער. איז ער דען צום ציל דערפלויגן
און אונדז געבראַכט אַ גרוס — דעם אָטעם־דופט פון גאָט?..."
אַ מינדסטן שמייכל דיר צו שענקען איז אַ שאָד!
און גלייכצייטיק מע ווענדט־אָוועק פון דיר די אויגן.

נאָר זע: די דיכטער — סטרונעס פאַר אַ ליאַדע ווינטל,
מיט וואָך געמיט פאַר מינדסטן גרעזל־ציטער־פינטל —
זיי וועלן אייביק נאָכשפּירן דיין שטאָלצן פלי,

פאַרגאַפט־דערשטוינטע, מיט יובלענדיק־צעפּראַלטע בליקן,
וואָס וועלן מיט דיין וואָכעדיקן נס זיך קוויקן,
ווי מיט דעם נס פון בלימל אין זיין ערשטן בלי.

3.

דעם מענטשן טראָגט אַ שטראָם פון פּלאַי־פּלאים — —
די אויערן פאַרשטאָפּט, די אויגן צוגעשלאָסן,
ער הערט אים נישט און זעט אים נישט, ווי גאָר נישטאָ אים,
און פרעגט זיך נישט דערשטויגט קיין טויזנטער פאַרוואָסן,

און זוכט נישט קיין באַשיידן, ווי דער בעל־קוהלת,
ווי אַלץ וואָלט קלאָר און פּשוט זיין אים, רעכט און ניחא;
ער קוקט אויף זיך אַליין (ווי פול ער איז מיט פּלאס!),
אַט ווי אַ קו אין מעלה־גרהן — אויף דער זריחה...

קאָן זיין אויך ז י דאָס ערשטע מאָל האָט זי באַוואונדערט,
ווי ס׳האָט דיין פלי — דער מענטש פון צוואָנציקסטן יאָרהונדערט,
נאָר מיט דער צייט פאַרלעשן וועט זיך זיין התלהבות.

באַוואונדערן דיך תמיד וועלן נאָר די דיכטער,
וואָס ס׳גליט אין זיי דער בייגער אונדזער מוטער חוהס;
פאַר זיי וועסט תמיד זיין, ווי אַלץ, אַן אומגעריכטער...

גבעתיים, יוני, 1963

## א צוואה

א.

— האָרך איין זיך, קינד מיינס... דאָס איז מיין צוואה: —
דעם גוסס בליק האָט אויפגעצאַפּלט העל
און דורכגעשטראַלט דעם ייִנגלס אויגן בלאָע, —
די ביסט אַ פלאַנץ פון שטאַם אַבראַבאַנעל...

דעם יחוס־בריוו האָט אָפּגעהיט דיין זיידע,
ביז ס׳איז אַוועק מיט פייער אונדזער שטוב...
ווי לאַנג געלעבט, באַקלאָגט בלויז ד י אבידה...
און גאָרנישט מער... שוין ביזן ראַנד פון גרוב...

אַבראַבאַנעל איז דיין פאַמיליע־נאָמען...
כ׳באַשווער דיך: טויש אים נישט... זאָג: „אָמן״...
„אָ...מן!״ — איצטער... קאָן איך רויק... גיין — —

דאָס יינגל האָט צו אים זיך איינגעבויגן,
געקושט זיין שטערן מיט פאַרקלעמטע אויגן,
זיך אויסגעגלייכט און — שטאָלץ געבליבן שטיין.

ב.

דער זיידע איז אַריין אים אין זכרון,
הגם ער האָט אים קיין מאָל נישט געקענט;
ער האָט געזען אים שטיין במשך יאָרן
אין שרפה־שיין, פאַרברעכנדיק די הענט,

ס׳געפּלאַצטע פּנים צו דעם פלאַם געווענדט,
די אויגן גלאָזיק־שטאַר, ווי ערשט געוואָרן
אַ סגי־נהור... ווײ איז אים: סע ברענט...
זיין גאַנץ פאַרמעגן — פרוכט פון מי און שפּאָרן?

נישט דאָס!... ער קרעכצט: „אַוועק איז מיטן פלאַם
דער יחוס־בריוו פון מלכותדיקן שטאַם —
פון די רמ״ח אַ לעבעדיקער אבר...

אין טרויער וועל איך נידערן אין קבר...
אוי, קינדער, — טוט אַ ריס זיך פון זיין קעל, —
געדענקט: מיר שטאַמען פון אַבראַבאַנעל!״...

ג.

אַבראַבאַנעל — אַ פּוילישער פּאַרטייער,
פאַר וועלכן מיט קאַרטוז־בערעזע* צאָלט;

* קאָנצענטראַציע־לאַגער פאַר קאָמוניסטן.

דאָרט שמידט זיך זיין כאַראַקטער, ווערט געשטאָלט;
די תפיסה־לייט באַוווּנדערן אים זייער. — —

מלחמה. ער אַנטלויפט צו די סאָוויעטן.
אויך דאָ איז: „מי און — נויט!?"... ער ווערט פאַרשיקט.
אַ, מאַרקס פאַרהייליקטער! וואָס ער דערבליקט!
נאָר מיט־זיך — אַלץ פאַרענטפערן, פאַרגלעטן. — —

ער קומט אַ גלויביקער קיין פוילן צוריק:
מיר וועלן דאָ באַשאַפן ס'וואָרע גליק! — —
אַ הויכן פּאָסטן העפלעך לייגט מען פאַר אים:

— ...נאָר די פאַמיליע, חבר, — מאַכט מען קלאָר אים, —
איז גלייכער טוישן... ווי?... — ער ענטפערט שנעל:
„כ'שטאָלציר מיט איר. איך בלייב — אַבראַבאַנעל".

גבעתיים, יוני, 1963

## מאַמע־לשון

ס'פּאַראַט קיין מאַמע קיין מאָל נישט איר קינד,
אַ קינד די מאַמע? — ס'קאָן אַזוינס זיך טרעפן.
„זיי מוחל, מאַמע־יידיש, אונדז די זינד!"
— צו זיין איר טריי, באַשעפער, ס'האַרץ אונדז עפן!

סע האָבן יאָרן עס פון פיין פאַרשטאָקט,
אַז מיר דערפילן טייל מאָל זיך אַליין נישט.
„דעם גורלס בייטש, וואָס שלאָגט אונדז, יאָגט און פּלאָגט,
זי שלאָגט אויך דיך... אוי, מאַמע־יידיש, וויין נישט.

„געדענק אין די, וואָס זענען פאַר דיך וואַך,
דיין זון, וואָס האָט געקריינט דיך מיט — תנ"ך,
אַז קיינער וואָגט שוין נישט פון דיר צו שפּעטן.

„דו עלטערסט זיך נישט, וועלקסט נישט. פּונקט פאַרקערט!
סע ווערט דיין וואָרט, ווי אַלטער וויין, געקלערט,
געלייטערט דורך פאַרהימלטע פּאָעטן".

גבעתיים, אַפּריל, 1963

# מאני לייבן

„די מלכה ידיש שטאַרבט..."
„און אונדזער מלכה איז געשטאָרבן".
מאני לייב

.1

מיט אַ סאָנעט איך וויל דיר ענטפער געבן
אויף דיין סאָנעט — אַ יאוש־קלאָג אַ וואָרע,
ווייל וואָס קאָן זיין אַ גרעסערע נאָך צרה?
„די מלכה ידיש איז געשטאָרבן..." — כלעבן,

ס'איז פרי פאַר איר תכריכים נאָך צו וועבן!
אין גרויס צעבראָכנקייט און לײדן שפּאָרע
דערזען האָסט אַ ג ע ו ו י ס אין בלויז אַ ס ב ר א, —
זי לעבט! לעבט פאָרט! און קלייבט זיך נאָך צו לעבן.

זי איז, ווי דו, צעבראָכן פון די לײדן:
מיט די געטרייסטע זיך געמוזט צעשיידן, —
נאָר ס'איז אַ ביסל טרייע דאָך געבליבן,

וואָס פילן אין איר וואָרט אַ טעם־גן־עדן;
זי שענקט זיי ווײַן פון טרייסט און אלטע פריידן — —
זי האָט נאָך קיין צוואה נישט געשריבן...

.2

און זעסטו, מאני לייב, דו ביסט געשטאָרבן,
און ווייטער לעבסטו אין דיין ידיש ליד!
דיין ערדישקייט געפאַלן איז אַ קרבן,
נאָר לעבן איז געבליבן דיין געמיט.

סע איז פאַרוועלקט געוואָרן בלויז דיין צוויט,
נאָר נישט דיין פרוכט די צייטיקע — פאַרדאָרבן;
סע האָט איר דופט אין איר זיך איינגעהיט
און אויך איר פאַרב, ווי דו האָסט זי געפאָרבן.

אַ פרישע פרוכט — דיין יעטווידער סאָנעט,
געפורעמט פון אַ מייסטער אַ פּאָעט,
אַ ליבלינג פון די קינדער און פּאָעטן.

מיין טיש איז אומגעריכט געוואָרן רייך!
אַ וועלכער טיש צו אים איז איצטער גלייך,
ווען ס'ליגט אויף אים דיין פרוכט — דיין בוך „סאָנעטן"!

3.

די מלכּה יידיש לעבט. סע שפּילט נאָך איר אָרקעסטער.
נאָר וואָר איז, אַז זיין שפּילן יאָמערט־אויס געוויין,
וואָס וואָלט עס צו אַ מענטשנס האַרצן נאָר דערגיין —
שוין קיין מאָל עס אין לעבן זייַנעם נישט פאַרגעסט ער.

סע האָט דאָס האַרץ צעבראָכן איר דער בראָך דער גרעסטער; —
צי קאָן זי אים פאַרגעסן? מעג זי עס? אָ, ניין!
זי לאָזט דאָס האַרץ אין טרערן זודיקע צעגיין
און האַרכט זיך איין צום טרייסטוואָרט פון איר עלטסטער שוועסטער —

העברעאיש: — אונדזער פאָלק באַזיצט אַ האַרטן קאַרק,
און מעג דער בראָך דער לעצטער זיין ווי האַרב און שטאַרק,
ס'וועט איבערהאַלטן ביז די גוט־באַשערטע צייטן,

ווען ס'וועט אַן עופלע זיך שפּילן מיט אַ שלאַנג,
און שאַלן וועט די וועלט פון פרידן מיט געזאַנג
משיחן אַנטקעגן... הער... ער קומט צו רייטן...

גבעתיים מערץ, 1963

## דב סדן (צייכענונג)

אין פאַרערונג און פריינטשאַפט

צי קליין — פאַר אַ מאַן,
צי גרויס — פאַר אַ קינד, —
געמיש פון זיי ביידע
אין אים איז פאַראַן;
ער קוקט דיך אָן לינד —
אַ קלוגינקער זיידע.

און נעמט ער אַ וואָרט,
פליסט מילד עס און שטיל —
אַ קוועלכל, אַן אויפהער,
מיט חכמה געפּאָרט;
באַקומסט דאָס געפיל:
אַ גייסטיקער זויפער...

דו וווּנדערסט זיך שטאַרק:
דאָס גופל איז שוואַך,
און קינדיש — די גלידער, —
און טראָגט אַזאַ באַרג
אויף שוואַכינקן קאַרק
פון וויסן אַ סך?
און פאַלט נישט אַנידער!
גאָר... דו ביסט דער מידער.

גבעתיים, אָקטאָבער, 1963

# פון אלטע צייטן

(לייענענדיק „דער תהילים־ייד" פון שלום אַש)

1.

## דאָס ליד פון שניידערל

איך בין אַ שניידערל מיט שער־און־אייזן
און ביי מלבושימלעך פאַר קינד און קייט.
ווי נאָר ביי יידן צרות זיך באַווייזן,
איך קום זיי שטאַרקן, בין זיי העלפן גרייט.
איך בין אַ שניידערל אום אין דער וואָכן,
נאָר תמיד יומטובדיק מיט מיין בטחון.

ווען ס׳לאָזט דאָס מלבוש זיך פון אייזן פּרעסן,
ס׳ווערט אָפּגעפּרישט, זיין יוגנט זיך באַנייט, —
טו תשובה, גאָט וועט דיינע זינד פאַרגעסן,
קוים זאָגסט אים צו: „כ׳וועל מער נישט זיין פאַרשייט".
איך בין אַ שניידערל אום אין דער וואָכן,
נאָר תמיד יומטובדיק מיט מיין בטחון.

מיין נאָדל דאַוונט מיטן שטילן פאָדעם,
און ס׳ווערט באַהעפט, וואָס ס׳איז געווען צעשיידט, —
טו תפילה, תפילה טו פון הארץ, בן־אָדם,
און גאָטס ישועה שטייט פאַר דיר שוין גרייט.
איך בין אַ שניידערל אום אין דער וואָכן,
נאָר תמיד יומטובדיק מיט מיין בטחון.

אַ מלבוש, אומגעטראָגן — נעמט עס פוילן,
נאָר דעמלט, ווען ס׳באַקליידט דיך, איז עס פריש, —
טייל צדקה, וועסטו ביי דעם הימל פועלן
צו זיצן רויק ביי דיין זאַטן טיש.
איך בין אַ שניידערל אום אין דער וואָכן,
נאָר תמיד יומטובדיק מיט מיין בטחון.

איך בין אַ שניידערל מיט שער־און־אייזן
און ביי מלבושימלעך פאַר קינד און קייט.
ווי נאָר ביי יידן צרות זיך באַווייזן,
איך קום זיי שטאַרקן, בין צו העלפן גרייט.
איך בין אַ שניידערל אום אין דער וואָכן,
נאָר תמיד יומטובדיק מיט מיין בטחון.

## דריי פרומע זינגער

### א. דאָס שנײַדערל

בין איך מיר אַ שנײַדערל,
און איך וואַנדער אום פון לאַנד צו לאַנד.
שנײַדט אַ תשובה אויס מײַן שערעלע
אויף אַ שטיק געוואַנט.

תפילה טו איך —
נאָדל־פאָדעם, נײַ!
נאָך דער תפילה רו איך —
נאָדל, שטײַ!

מיט לאַטעס שמאַטעס הײל איך,
צדקה פרײלעך טײל איך —
נאָדל־פאָדעם, נײַ!

### ב. דאָס קרעמערל

בין איך מיר אַ קרעמערל
און פאַרטײַל מײַן סחורה אומעטום.
כ׳וועג די מעשׂים אויפן בעזמענדל —
וואָס איז גלײַך, וואָס קרום.

כ׳וועג בטחון
ערלעך, אָן געדרײ.
ס׳זענען שווער די יאָכן —
קרעכץ נישט „ווײ!״

ווײַל אַז מען האָט בטחון,
זענען גרינג די יאָכן, —
נעם די סחורה, גײ.

### ג. דאָס מלמדל

בין איך אַ מלמד
און פאַרשפּרייט גאָטס תורה דאָ און דאָרט.
לערן אַלף־בית פון סידורל,
לערן הויך גאָטס וואָרט.

כ׳טייטל, לערן:
פתח־אַלף — אָ!
שיינען וועט דיין שטערן
פאַרדערפאַר.

ווייל ווער סע לעבט אין גלויבן
תמימותדיק, ווי טויבן,
ווייסט נישט פון קיין צער.

3.

## דאָס ליד פון נעמען אַ מאָס

אַ יינגעלע, אַ קליינס נאָך,
און שוין — אַ גרויסער ייד:
אין הערצעלע — אַ ווייטיק,
אין קעפל — אַ יאַריד.
באַלעבאָס,
מיט דער מאָס
וווּנדער וועט באַווייזן
עמך־שער־און־אייזן.

אַ מענטשעלע אַ פּיצלס,
און שוין — אַ ייד אַ ריז.
דאָס קעפל פול מיט תורה,
מיט מאַנדלען און מיט ניס.

באַלעבאָס,
מיט דער מאָס... — — —

אויף אַלץ מע פרעגט נאָר קשיות:
פאַר וואָס אַזוי? פאַר ווען?
און דריידלט מיטן פינגער
מיט פיבער און מיט ברען.
באַלעבאָס,
מיט דער מאָס... — — —

איז קוקט נישט אויף זיין גידול —
אין תוך איז ער אַ לייט,
אים חתונה צו מאַכן
איז לאַנג שוין העכסטע צייט.
באַלעבאָס,
מיט דער מאָס... — — —

איז נעם איך אויף מלבושים
פון אים אַראָפּ די מאָס.
ס׳וועט זיין אַ באַלעבעסל —
אַ וואַזשנע באַלעבאָס!

באַלעבאָס,
מיט דער מאָס
וווּנדער וועט באַווייזן
עמך־שער־און־אייזן.

## 4. דאָס שניידערל און דאָס באַלעבעסל

דאָס באַלעבעסל:
— שלום עליכם, רבי מיינער.
דאָס שניידערל:
„עליכם שלום, תלמיד פיינער.
קום נעענטער אַהער״.
דאָס באַלעבעסל:
— דער רבי נעמט מיך צום פאַרהער?

דאָס שניידערל:

„האָסט, זע איך, באַלעבעסל, זיך דערשראָקן —
אַ באַלעבעסל פאַר אַ זקן?
דיין בעקל ברענט, ווי קין.
זעץ זיך דאָ אַנטקעגן.
איך וויל דיך טאַקע פרעגן:
ווי'ז דער דין,
אַז אום פורים גראָד יום־כיפּור פאַלט?"

דאָס באַלעבעסל:

— אַז ער פ אַ ל ט,
נעמט ער שרייען: „ג וו אַ ל ד!",
ער קאָן זיך דאָך צ ע פ אַ ל ן
אויך אויף שטיקער.

דאָס שניידערל:

„דאָס האָסטו געענטפערט, באַלעבעסל,
פיין.
נישט מער,
ווי פ אַ ל ט עס דיר גאָר איין,
אַז פ אַ ל ן זאָל דער ניכטערער יום־כיפּור,
נישט פאַרקערט —
דער פורים, וואָס איז שיכור?
איז ווי זשע איז דער דין,
אַז אום יום־כיפּור פ אַ ל ט דער פורים?"

דאָס באַלעבעסל:

— המם...

דאָס שניידערל:

„וואָס מעקעסטו? רעד אָפּענע דיבורים!"

דאָס באַלעבעסל:

— אַך, שכחתי,
כ'האָב פאַרגעסן גאָר דעם עיקר:
ווען מע רעדט פון שיכור,
מכבד זיין דעם רבין מיט אַ גלעזל י"ש.

דאָס שניידערל:

„איז לויף זשע טאַקע ברענגען
לייקעך מיט אַ פלאַש..."

(באַלעבעסל אָפּ)

## 5. גאָלדענע שיכעלעך

### א.

דבורהלע:
גאָלדענע שיכעלעך
ברענג מיר צו פירן,
וועלן מיר, שלמהלע,
ביידע שפּאַצירן.

שלמהלע:
גאָלדענע שיכעלעך
ברענג איך דיר, דבורהל,
ליכטיק זאָל זיין אונדז,
שטראַליק דער גורל.

דבורהלע:
גאָלדענע שיכעלעך,
גלייך ווי דיין מאַמעס,
שטראַליקע, בלענדיקע —
זונשיין אום תמוז.

שלמהלע:
גאָלדענע שיכעלעך
וועל איך דיר קויפן, —
גלייך ווי אַ הירשעלע
וועסט צו מיר לויפן.

דבורהלע:
גאָלדענע שיכעלעך,
שלמהלע סערדצע,
לייכטע אָפּצאַסעלעך,
קוים וואָס מען הערט זיי.

שלמהלע:
גאָלדענע שיכעלעך
וועל איך דיר שענקען,
וועסטו מיר, סערדצע מיין,
אייביק געדענקען.

דבורהלע:
גאָלדענע שיכעלעך —
אייביק געדענקען,
איינער צום אַנדערן
וועלן מיר בענקען.

צוזאַמען:
גאָלדענע שיכעלעך —
טאַנצן, זיך פרייען!
שרה־בת־טובימשע
וועט אונדז דערפרייען.

### ב.

גאָלדענע שיכעלעך, גאָלדענע שיכעלעך
ברענגסטו צו פירן מיר, מאַן.
תמיד כ׳וועל טראָגן אַנטקעגן אַ שמייכל דיר —
ליכטיק מיין זעל, ווי מיין שפּאַן.
גאָלדענע שיכעלעך, שיכעלעך גאָלד —
ס׳ווערט נישט פּאַר ליבע מיט רייכקייט געצאָלט.

גאָלדענע שיכעלעך, גאָלדענע שיכעלעך,
נישט אזוי ס׳גאָלד, ווי דאָס גליק!
ס׳טאַנצט דיר אַנטקעגן מיין הערצל אין בענקעניש:

אייל זיך און קום שוין צוריק!
גאָלדענע שיכעלעך, שיכעלעך גאָלד —
ס׳ווערט נישט פאַר ליבע מיט רייכקייט געצאָלט.

גאָלדענע שיכעלעך, גאָלדענע שיכעלעך,
ס׳וויינט אין איר בענקשאַפט דיין ווייב.
קום שוין, מיין טייערער, קום שוין, מיין זיסינקער —
העלפט פון מיין זעל און מיין לייב.
גאָלדענע שיכעלעך, שיכעלעך גאָלד —
ס׳ווערט נישט פאַר ליבע מיט רייכקייט געצאָלט.

## 6. דאָס ליד פון בערנטענצער

איך האָב געטאַנצט דעם בער... ס׳האָט דורך דער פעל
דער בייזער קנוט פון אָרט צו אָרט געיאָגט מיך.
סע האָט געוויינט מיין לייב, געקלאָגט מיין זעל:
פאַנאָוויע, זאָגט פאַר וועלכע זינד איר פּלאָגט מיך?
ס׳האָט שאַנד און פּיין געמאַכט מיך דול — —
ס׳איז אַלץ כדאי: ס׳וועט זיין אַ שול!

מיין לייב — געווײנט מיט בלוט; מיין זעל — געלאַכט:
קוקט אַן: אין מענטשן־שטאַלט פאַרשטעלטע בערן!...
און כ׳האָב מיט ווײ און פרייד געטראַכט:
כ׳וועל אויסטאַנצן אַ שול פאַר בלוט־און טרערן...
ס׳האָט שאַנד און פּיין געמאַכט מיך דול — —
ס׳איז אַלץ כדאי: ס׳וועט זיין אַ שול!

און כ׳האָב זי אויסגעטאַנצט! אַ שול! אַ שול!
יוכבד! שלוימקע! לאָמיר טאַנצן פריילעך!
מיט גאָט, ברוך־הוא, די גאַנצע וועלט איז פול,
אַז ווויל איז אונדז, וואָס ע ר איז אונדזער מלך!
ס׳האָט שאַנד און פּיין געמאַכט מיך דול — —
ס׳איז אַלץ כדאי: ס׳איז דאָ די שול!

די גאַנצע וועלט מיט א י ם איז פול
פאַר א י ם — די וועלט, פאַר אונדז — די שול.

רמת־אָביב, 1959

## קאנטאטע לכבוד דעם 100־יעריקן געבוירן־טאג
## פון אונדזער גרויסן שלום־עליכם

רעציטאַציע:

שלום־עליכם:

שפּיל, סטעמפּעניו, שפּיל אויפן פידל,
שפּיל, שפּיל אונדז, און מיר וועלן הערן.
זינג, זינג, סאָלאָוויי, סאָלאָווייטשיק,
און דו, ראַפּאַלעסקאַ, — אַז לייכטער
זאָל אויף די געמיטער אונדז ווערן.

יאָסל סאָלאָוויי און ראַפּאַלעסקאַ;
סטעמפּעניו באַגלייט אויפן פידל:

סע ווילט זיך אונדז זינגען און שפּילן.
לאָז זיין נאַכט, לאָז זיין טאָג, —
אַז גאָט האָט אַזאַ טייערע וועלט,
אַזאַ טייערע, אַזאַ ווילע, אַזאַ זיסע וועלט!
געבענטשט זאָל זיין די דאָזיקע וועלט!
ווי קאָן מען שלאָפן,
אַז ס'איז אַזוי גוט אויף דער נשמה?
ווי קאָן מען שלאָפן,
אַז דאָס האַרץ איז אַזוי פול
און סע גלוסט זיך זינגען, שפּילן?!

שלום־עליכם:

און איר: מנחם־מענדל, טוביה, מאָטל,
מיט וואָס וועט איר זיך לאָזן הערן?
סע זאָל דאָס לעבן ווערן לייכטער,
סע זאָל אויף דעם געמיט אונדז ליכטיק ווערן?

טוביה:

און טוביה זאָגט אייך,
פּאַניע שלום־עליכם:
למנצח על הגיתית —
אַז סע גייט, פליט עס.
בעל כרחך אתה חי —

מיט געוואַלד לעבסטו
און מיט געוואַלד
צערייסטו אַ פּאָר שטיוול.
דו טוביה, זאָגט גאָט,
באַדאַרפסט אין זינען האָבן
קעז און פּוטער, נישט חלומות,
איי וואָס? בטחון? האָפענונג?
אדרבה,
וואָס מער צרות, מער בטחון,
וואָס מער קבצן, מערער האָפענונג!...
און וואָס זאָגסטו, מנחם־מענדל?

מנחם־מענדל:

קיין מענטש ווייסט נישט,
ווו זיין מזל געפינט זיך...
מע דאַרף לאַנג זוכן,
און אַז מע זוכט געפינט מען...
און אַז נישט —
איז גם זו לטובה...

מאָטל פּייסי דעם חזנס:

און מיר איז גוט —
איך בין אַ יתום.
איך וואַקס אין דער הייך,
און סע ציט מיך אַרויף־אַרויף,
אין דער טיפער־טיפער בלויער יאַרמלקע אַריין,
דאָרט ווו די שיטערע רויכיקע וואָלקנס שוועבן,
דאָרט ווו די ווייסע פויגלען טוקן זיך,
באַווייזן זיך און ווערן פאַרשווינדן...

באָר:

מיט ליבשאַפט מיר זינגען דיר: „שלום עליכם!",
ווי באָר מיר דערהאָרכן אין צייט דיינע טריט;
עס קלאָרן זיך אויס די פאַרטונקלטע הייכן,
און ס'לייטערט זיך אויס דאָס באַטריבטע געמיט.

דאָס פאָלק איז געווען ווי אַ שקלאַף אַ פאַרהאַסטער,
זיין לייב האָט געדראָשן די צאַרישע רוט;
נאָר ס'איז אים דיין שמייכל געווען ווי אַ פלאַסטער,
וואָס היילט און פרישט אָפּ דאָס צעיאָטערטע בלוט.

דו האָסט מיט דיין שמייכל די ליידן פאַרגרינגערט
פון אונדזערע ברידער און שוועסטער אין נויט;
דאָס אַלטע, געטרודפּטע פאָלק האָסט פאַרייִנגערט,
מיט האָניק פון זון אים באַשמאַלצן דאָס ברויט.

סאָלאָ 1:

ווען דער שונא איז אַ שטאַרקער
און מיט לאַפּעס פון אַ בער
מיט זיין יאָך באַצווינגט מיין קאַרק ער, —
איז דאָס לאָכן מיין געווער.

סאָלאָ 2:

איז מיין לאַך אַ שפּיי אין פּנים
פון זיין זעלע, וואָס איז שוואַרץ:
זאָל דער שונא נישט דערקאָנען,
וואָס עס טוט זיך אין מיין האַרץ!

סאָלאָ 3:

מעג אין האַרצן זיין מיר פינצטער,
מיינע אויגן גליען — קויל!
זאָל קיין ציטערל קיין מינדסטער
נישט פאַראַטן, אַז איך גרויל!

זאָל מיין גרויל די פיינט נישט פרייען,
זאָלן פיינט נישט יובלען: „שוין”...
שונאים קומען אויף — פאַרגייען!
איך — איך לעב! קוק אָן און שטוין!

דועט:

שאַנד זיי הענגען אויף מיין פּנים,
נאָר זי הענגט אויף זיי אַליין;
אויף די קברים פון די שונאים
אַ צעשמייכלטער כ'וועל שטיין.

אויף די שונאימס קברים טרעטן
וועל איך מיט אַ פעסטן טראָט;
די, וואָס פלעגן מיך פאַרשפּעטן,
שווערן וועט אויף זיי דער שפּאָט.

כאָר:

דאָס הויז, ווו עס טוט נאָר אַ פלאַטער דיין שמייכל,
קלינגט אויף מיט געזאַנג פון די פשוטסטע רייד;
ווי ס׳וואָלט עס אַ כישוף פאַרטוישט אין אַ היכל
פון מענטשלעך געלעכטער און יידישער פרייד.

דיין שמייכל באַגלייט אונדז אויף שטרעקעס פון דורות
און מונטערט, פאַרלייכטערט אויף רוקנס די לאַסט;
ער צינדט אין די אויגן צעשטראַלטע מנורות
און לעשט זיך נישט קיין מאָל און ווערט נישט פאַרבלאַסט.

דיין שמייכל באַשטראַלט אונדז די שוואַרצסטע זכרונות,
וואָס טייטן אין האַרצן דעם לעבנס־באַגער;
מיר בייגן די קעפּ פאַר דיין קרוין פון גאונות,
אין וועלכער עס שמייכלט די יידישע טרער...

דועט:

אין ליכט פון דער טרער און דיין שמייכל
מיר שפּאַנען און וועלן דערגרייכן
ישעיהס נביאישן חלום —
דעם שלום פון פעלקער, דעם שלום!

כאָר:

דער שמייכל פון שלום־עליכם —
ער וועט אונדז באַשטראַלן, דערהייבן,
ווען ס׳וועלן זיך פעלקער דערלאַנגען
די הענט אין טריאומף, דורך געזאַנגען
און זינגען זיך: שלום עליכם!

געאַכפּערטער שלום־עליכם,
דיין אָנדענק מיר פרייזן און הייבן.
מיר שפּאַנען און וועלן דערגרייכן
ישעיהס נביאישן חלום —
דעם שלום פון פעלקער, דעם שלום!

וואַרשע, יאַנואַר—פעברואַר, 1959

## ליודוויקא וואַוזשינסקא

פֿאַרשלאָסן ברענט דאָס הויז. דאָס פֿייער, נאָך פֿאַרהוילן,
פּילט אָן די גאַס מיט שוואַרצן רויך. געדיכטע קנוילן.
גליט אויף אין דיר אַ פֿונק, דאָס האַרץ דיינס טוט אַ ציטער:
„אוי, מאַמע! מאַמע! דאָרטן שלאָפֿן קליינע קינדער!"
דו כאַפּסט אַ האַק, האַקסט אויף דעם שלאָס, דו ביסט שוין דרינען;
דער רויך פֿאַרלעשט דיין בליק, נאָר נישט דעם פֿונק אין זינען;
אַרום עס לאַכט דער פֿלאַם, לויפֿט נאָך און לעקט מיט צונגען,
און דו טראַכסט איינס: „די קינדער!... ווי!... סע מוז געלינגען!"
דו טראָגסט אַרויס זיי: איינס... און צוויי... און — דער סך־הכּל:
דו שפּרינגסט אַרויס אַליין — אַ ברענענדיקער פֿאַקל — — —
אין דיין געשטאַלט האָט אויפֿגעלויכטן ס'פֿאָלק פֿון פּוילן
מיט גאָר דער שיינקייט, וועלכע איז אין אים פֿאַרהוילן;
עס קלינגט דיין העלדן־טאַט — אַ גלאָק — צו דורות ווייטע:
„מיר איילן זיך צו אייך מיט הערצער מיט באַגייטע!..."
נאָך דיר עס זענען קינדער פֿרעמדע פֿיר געבליבן —
אין זייער לעבן מיט דיין טויט האָסט זיך אַריינגעשריבן.
ליודוויקאַ! לערערין און רעטערין פֿון קינדער —
מיר אַלע בייגן טיף די קעפּ פֿאַר דיר אַצינדער.
דיין האַרץ דאָס הייסע איז פֿון טויט שוין נישט אַנטרונען,
נאָר האָסט אין טויט אַליין אומשטערבלעכקייט געוווּנען.
שרודבאָרוו 1955

## מאַהאַטמאַ גאַנדי

איז קליין
און דאַר —
אַ שפּענדל אין געדראַנג פֿון מערק און גאַסן.
און פֿאָרט איז ער דער האַר
פֿון פֿיל מיליאָנען מאַסן,
און מער — באַפֿעלער איבער זיך אַליין...

עס שמייסן אים די ליידן פֿון זיין פֿאָלק
אויף הוילן האַרץ מיט ריטער,
זיי פּייניקן אים טאָג און נאַכט
און לאָזן נישט צו רו.
באַראַט ער זיך מיט האַרץ,
און זיך אַליין געביט ער:
— מאַהאַטמאַ, הונגער דו!

און ווען ער זיצט אין הונגער־גלי,
די אויגן פיבערדיק צעהעלט,
אַנטקעגן אים עס בענקט זיין שפּינראָד שטיל
נאָך זיינע קנאָכנדיקע הענט;
עס וווּנדערט זיך זיין ציג,
פאַר וואָס מע מעלקט זי נישט,
און אירע אויגן בלאָנדזשען אויף די ווענט...

עס פייניקט זיך מיט אים צוזאַמען
(אַזוי לערנט ער און גלייבט)
ס׳געוויסן פון דער וועלט.

ער שלייכט אַרום צעווישן זיינע ברידער,
אויף זיינע ליפּן תּפילהדיקע לידער,
מיט לייכטן טראָט,
און שטיל און פעסט —
זיין פליכעוואַטער קאָפּ
אַן וואַקל —
אַ גייענדיקער, פלאַקערדיקער פאַקל.

לאָדזש, 1946

# אין גאָרן נאָך שלום

## שטערן

.1

אַ שטערן האָט זיך אָנגעצונדן אין מיין שאַרבן,
מיט האָפענונג אַן אָנגעפילטער:
דער מענטש איז נאָך נישט קיין פאַרשפילטער,
די מענטשהייט וועט נאָך פריידיק בינדן אירע גאַרבן.

כאָטש ס'האָט געדאַכט זיך: שוין! זי בידערט שוין צום שטאַרבן,
פון טירוף אייגענעם פאַרגוואַלטיקט;
זי האָט זיך נישט צום ז יי ן געשטאַלטיקט,
נאָר ס'אָל דער טייוול איר צעשטערונג־מדבר אַרבן, —

האָט פלוצעם אין מיין האַרצן אויפגעשטראַלט אַ שטערן:
די וועלט וועט אין דער אייביקייט אַריין געווערן,
און ס'וועט די מענטשהייט וועבן ווייטער

דעם פייערדיקן נביאס וווּנדערלעכן חלום:
„ס'וועט צווישן מענטש, און וואָלף, און שעפסל הערשן שלום",
און — — — — — — — — — —
ס'פלאַקערט שוין אַ שטערן־שייטער.

.2

ווי פיל סע האָבן שוין די שטערן מיך גענאַרט,
און כ'פיל זיך אַלץ נאָך נישט קיין אָפּגענאַרטער.
און ווען אפילו מיין בטחון ווערט פאַרשטאַרט,
ער קומט צוריק צו זיך, און ווידער וואַרט ער.

אויך ווען ס'ווערט פינצטער, מיטן שטערן איז שוין אויס,
איך זאָג: ס'האָט אים פון אונדז פאַרשטעלט אַ כמאַרע,
און קוק אין שוואַרצן הימל זיך די אויגן אויס,
און ס'האַרץ בלייבט גרייט צו מאַכן אים אַ וואַרע.

און אָט האָט ערשט אַ שטערן־שייטער זיך צעבערענט,
און אין זיין ליכטפלייץ האָבן ברידער זיך דערקענט —
אַ פּאָלק דאָס צווייטע. יובל, מיין בטחון!

...אַ וועלכער טייוול כיבעט, כיבעט אין דער ווייט?
נאָר מיינע אויגן — שטערן — דרינגען־דורך די צייט
און לייענען: „דער סוף — נצחון!"

גבעתיים, יולי, 1963

## רויטע גלאַדיאָלן

רויטע גלאַדיאָלן — פלאַם־באַקאָלן,
איבער שווערדן — בלעטער שאַרפע, גרינע,
אויף מיין טישל לייכטן, מיך באַשטראַלן. —
ווי פּאָרט „לחיים" זיך מיט שנאה?...

גלאַדיאָלן איבער שווערדן שטראַלן:
— זע, בשלום מיר צוזאַמען הויזן;
זייט זשע, מענטשן, נישט ביי זיך געפאַלן;
מיטן בייז פון דערנער בליען רויזן...

גבעתיים, יולי, 1963

## א ווארט צום שלום

ווי ליב מיר איז צו דמיונען פון דיר
מיט צוגעמאַכטע, שמייכלענדיקע אויגן!
אַרום מיין קאָפּ ווערט שטיל — קיין שאָרך, קיין ריר,
ווי צייט וואָלט באַרוועס זיך פאָרויס באַוויגן
און דמיונט, גלייך ווי איך אַליין, און הערט:
עס שאַפט דער מענטש אויף זינגענדיקער ערד.

איך ווער מיט אייביקייט דורך דיר פאַרזיכערט,
ווי ווייט מיין בליק פון הינטער וויעס גרייכט:
די ערד פאַר מיין געביין איז צאַרט און ווייך,
און פון מיין שטויב גייט אויף אַ גרינע שיין — מיין דיכטונג.
אין דיר מיין ווייטערלעבן ווערט אַ וואָר —
אַ קייט וואָס רינגלט זיך פון דור צו דור.

וואַרשע, 1953

## ליד צום ערשטן מאי נאכן וועלט־שלום

וועסט זיין דאָס פּנים פונעם קיילעכדיקן יאָר,
צעשפּילט מיט שמייכלענדיקן גליק פון שאַפן,
און פּאָכען מיט דער בשורה פון געבענטשטער וואָר, —
דער ברוק וועט טאַנצן אונטער דיינע קנאַפּל.

וועסט מיניען זיך מיט פאָנען־רויטס־און־הימלבלוי:
„מיט ליבשאַפט אויסגעשטערנט איז דער שלום,
און ס׳בלענדט מיט פרייד פון שאַפן דאָס געבוי, —
וועסט מער שוין, מענטש, קיין בלוט־שטייער נישט צאָלן״.

און זינגען וועסט: „די זון אויף מי מיט שטראַלן שיט,
אין יעדן טראָפן שווייס — אַ רעגנבויגן״ — —
אַ שלום־טויב וועט פלאַטערן אין דיין געמיט,
און שמייכלען מאַמיש וועלן דיינע אויגן.

וואַרשע־גבעתיים, 1963—1953

## צו אן אויסגעטרוימטן, געשטאַרבענעם שלום־קעמפער

דו האָסט געהאַט אַ ריזיק האַרץ, וואָס האָט געקוועלט
מיט רויטן בלוט פון קאַמף פאַר שלום אויף דער וועלט.
דיין קלאָרער דענקענדיקער מוח האָט געהעלט
מיט בלויען ליכט פאַר שלום... ווער האָט עס פאַרשטעלט?

ס׳האָט צביעות דיך אַרומגערינגלט, האַס פון פיינט,
וואָס פאַרבט אויף שוואַרץ דיין העלן נעכטן און דיין היינט
און וואָלט דיין מאָרגן, ווי אַ בעסטיע, צעפּיינט, —
נאָר ס׳האָט דיין וואָרט מיט שטראַל געקלונגען און געשיינט.

דו האָסט גערעדט צו אויערן, ווי טויבע ווענט,
און קעגן דיר — אַ וואַלד פאַר גאָלד געקויפטע הענט, —
נאָר דו דורך זיי האָסט צו דער גאָרער וועלט געווענדט
דיין וואָרט, און ס׳האָט די וועלט דיין קול דערהערט, דערקענט:

„ס׳איז ד ע ר, וואָס האָט דעם שונא אונדזערן באַזיגט!״
די פעלקער האָבן טויבן־קרענץ צו דיר געשיקט,
אַ טויבן־פלאַטער האָט זיך איבער דיר געוויגט,
און דו מיט טויבן־אויגן האָסט פאַרויס געבליקט.

קאַנאָנען שווערע האָבן אין דיין האַרץ געצילט,
נאָר דו האָסט אויף קיין רגע נישט דיין רו פאַרשפּילט,
האָסט אַטאָם־באָמבעס אָטעמען אויף זיך געפילט,
נאָר מיט אַ לייבן־גבורה קעגן זיי געברילט.

דו האָסט געהאַט אַ מעכטיק האַרץ, וואָס האָט געקוועלט
מיט רויטן בלוט פון קאַמף פאַר שלום אויף דער וועלט;
דיין קלאָרער דענקענדיקער מוח האָט געהעלט
מיט בלויען שלום־ליכט... דער טויט האָט עס פאַרשטעלט.

וואַרשע, נאָוו'—דעצעמ', 1954

## בעלאָיאַניס

בעלאָיאַניס!
דיין נאָמען איז שיין,
ווי שיין ס'איז דער נאָמען
פרילינג.
ס'האָט דיין נאָמען אָנגעזאָגט די בשורה
פון פרילינג צווישן פעלקער,
פון פרילינג און פון שלום.

ביי אונדז אין לאַנד,
לכבוד פרילינג,
שניידט מען אין די פאַרקן איצט אַרום די ביימער
און די קוסטעס:
אַ) אָפּגעפוילטע, איינגעדאַרטע צווייג,
אַ ריטל,
וואָס וועט אומזיסט־אומנישט באַרויבן
דעם בוים פון זיינע זאַפטן,
פון זונשטראַלן די בלעטער —
לעזזאל!

און דאָרט ביי דיר אין לאַנד,
ווו פרילינג איז דער חלום בלויז
פון דיינע זין די בעסטע,
ווי פרילינג ליגט פאַרטייעט
אין נאַכט־געדיכטעניש
און שטיקעניש פון תפיסה, —

דאָרטן האָט מען דיך,
בעלאַיאַניס,
אַ שטאָם אַ זאַפּטיקן,
מיט זון באַלויכטן און אַדורכגעזאַפּט,
אַליין אַ פרילינג —
אַוועקגעשניטן.
איידער ס'האָט די זון אַ שיין געטאָן,
דיך ביז דער ערד אַוועקגעשניטן.

אין יענעם ציטריקן באַגינען
האָט אויפגעצאַפּלט אין די פּאַרקן פון מיין לאַנד
איעדער בוים, איעדעס צווייגל און איעדער שאָרך,
איעדער פלאַטער פון אַ פרילינג־פייגעלע
פון שלאָף אַרויס,
און ס'האָט דער פרילינג
אין די נעפּלען פון דער ווייסל
זיך צעכליפּעט —
באַוויינט דעם ברודער זיינעם,
דיך,
פרילינג־בעלאַיאַניס.

אויך מיך האָט דעמלט אויפגעוועקט
דער ראַדיאָ מיט דיין נאָמען —
„בעלאַיאַניס!"...
„עס לעבט שוין מער נישט בעלאַיאַניס
און זיינע דריי חברים!"..
דאָס ראַדיאָ־קעסטל איז געשטאַנען,
ווי אַן אָרון מיט אַ טויטן קינד,
און איבער דעם,
די הענט פאַרבראָכן אויפן קאָפּ,
די האָר צעשויבערט —
מיין פרוי:
— מע האָט זיי אומגעבראַכט!
דו הערסט? מע האָט זיי אומגעבראַכט! —

און אונדזער יינגעלע,
קיין גאַנצע פינעף יאָר בישט אַלט,
פון בעטל זיינעם האָט אונדז אָנגעקוקט
מיט גרויסע אויגן,
פול מיט פרילינג און מיט אומעט:

— וועמען, טאַטע־מאַמע ?
וועמען אומגעבראַכט ?
— דעם פרילינג, זונעניו, —
האָב איך אים שטיל געמורמלט
אין גריכנלאַנד
האָט מען אומגעבראַכט דעם פרילינג ;
וואָס דאָרט, אויף זייער לשון, הייסט ער
בעלאָיאַניס.
נאָר זיי נישט אומעטיק...
ער וועט צוריקקומען, דער פרילינג,
דער גוטער בעלאָיאַניס.
„פרילינג,
בעלאָיאַניס" —
האָט אונדזער קינד געשעפטשעט
און געשמייכלט.

און אויף דעם אויפגעפרילינגטן באַלקאָן
פון אונדזער הויז,
אַ גאַנצן טאָג, אַ גאַנצן טאָג
געזיצן זענען טויבן
אויף פרילינגדיקער זון
איינגעטוליעטע אין זיך,
יעדע איינציקע פאַר זיך,
יעדע איינציקע פאַר זיך,
אין שטיל געטורקלט:
בעלאָיאַניס —
פרילינג —
שלום.

וואַרשע, אַפּריל, 1952

## נקמה

אַ שניט ביי אונדז — צו רימען זיך פאַר לייטן ;
ווי גראָז, אין רייען פאַלן ווילדע קעפּ ;
מיט גסיסה־כאָרכל פייפן פריילעך ווינטן ;
מיט בלוט זיך שיכורט אָן און זינגט דער סטעפּ.
אויף ראַדיאָ קומט די בשורה אָן צו רייטן
קיין דייטשלאַנד, און עס קלעקט דאָרט נישט קיין קרעפּ.

און ווי עס קלאָגט אַ יידיש בית־הקברות
אום חודש אלול, קלאָגט דאָרט יעדעס הויז;
און מאַמעס פליקן זיך די בלאָנדע האָר אויס,
די בלויע אויגן רינען זיי אַרויס.
איר האָט אויף וואָס צו יאָמערן, וואָס וואָר איז;
אַ קללה איז די פּרוכט פון אייער שויס.

נישט מענטשן־מענער — עקלדיקע שפּינען
אייך האָבן אין דער פינצטערניש באַמאַנט;
פאַרזייענישן מיט געהירן — צינען
געפּרוכפּערט האָבן זיך אין אייער לאַנד.
אַ טרייסט אין אונדזער שניט זאָלט איר געפינען:
מיר טייטן אייער לעבעדיקע שאַנד...

מאָסקווע 1944

## פעלקער־פריינדשאַפט
(סאַטירע)

מאַקסים רילסקין

מיין באַלעבאָסטע, אַן אוקריינערין, איז אַלט,
און פאַראורטיילן שלעפן צוויטיק זיך נאָך יאָרן:
דערזעט זי מיך אין שטוב, דעם יידן, ווערט איר קאַלט,
זי קלאָגט זיך: „ס׳האָט די זון איר וואַרעמקייט פאַרלאָרן״.

און, שאַ! כ׳וועל אויסזאָגן פון חדר נאָך אַ סוד:
סע שפּינט זיך איר אַ האַקנקרייץ אין די געהירן —
זי חלומט אויף דער וואָר (כ׳זאָג ערנסט עס, אָן שפּאַס),
צו גיין געאָרעמט מיט אַ יונקער נאָך שפּאַצירן,

און דאַן וועט ווידער שיינען וואַרעם, העל די זון,
ס׳וועט זיין דער פּריץ — פּריץ, און דער פּויער — פּויער; — —
געשעעט אַן אומגליק: פריי־ווייליק סע גייט איר זון
אויף דער מלחמה, און — ער שרייבט קאַפּויער,

אַ פלאַמיק־רויט־אַרמייישן גערוס איר שיקט
און שיט מיט פּעך און שוועבל אויף די שונאים — פּריצן.
דער יונקער איז אַ שאָד איר, ס׳ווערט איר ברוסט צעפליקט:
„באַשירמען זאָלן אים די הייליקע, באַשיצן!״

— און זעט, — די זקנה טענהט עובר־בטל — זעט,
אַנדריי זיי שלאָגט, זיי ווען מ ו ז ן דאָך אים שיסן. —
און יעדן טאָג זי וואַרפט מיר צו די פיס דעם גט:
— צי וואַרט איר דווקא אויף די דייטשן?... — ווי זי וויסן.

פאַרפלאָנטערט איז איר מוח און פאַרדרייט דאָס האַרץ:
„למאי איז ער אַריין, איר זון, צום פריינד אין שאָדן?
סע זאָל די שעה נישט זיין, די זון וועט ווערן שוואַרץ...
איז וועמען וועט זי דאָן — דעם יונקער אירן — לאָדן?"

און איין מאָל — לעצטנס קומען נישט קיין בריוו פון פראָנט —
די ביינער אירע שמיצט עס פונעם בעט באַגינען;
סע בלאָנדזשעט אויף מיין פנים שווער איר בליק און מאָנט
אַ פתרון אויף אַ חלום, וואָס פאַרשוואַרצט איר זינען:

— סע קנאַלט, — זי פּלאַפּלט — די מלחמה איז שוין דאָ...
דער יונקער רייט אין שטאָט: „וואָס האָט איר זיך באַהאַלטן...?"
„פאַר אייך דען?", זאָג איך, „אין אַ מזלדיקער שעה!
דער טויט געשראָקן האָט אין אַלערליי געשטאַלטן"...

— און פלוצעם... כ'וויג די וויג... אַ קינד נאָך מיין אַנדריי...
סע וויינט, קריכט ממש פון דער הויט: די פליי עס בייסן...
איך כאַפּ זיי, טייט זיי... אַך! נאָר איינע צווישן זיי
זיך לאָזט נישט כאַפּן, וואַקסט, ווערט גרויס, אַ כעסן

אין אַ מונדיר, און ענלעך איז ער — ווי מיר, וויי...
„צום יונקער!" — פאַלט מיר פון דער ליפּ אַראָפּ, און כ'ציטער.
— אַזוי טאַקע! פון וואַנען ווייסט איר דאָס, יעווריי?!
„ווי יוסף כ'בין אַ פותר־חלום אַ געניטער".

— איז וואָס זשע וועט געשעען? זאָגט, איך בעט אייך, דעם באַשייד.
„אַנדריי איז נישט קיין קינד. ער וועט דעם יונקער שיסן,
ווי איר די שוואַרצע פליי — די פריצן האָט געטייט;
דעם זון זיי האָבן אינעם לייב ביז בלוט געביסן..." — —

מיט דער פאַנטאַזיע ברידערט זיך דער דיכטער, און —
נאָך מער — דאָס לעבן: טוט זיך דאָ די טיר אָן עפן,
געלעגנט אויף קוליעס, אין איר רעם בלייבט שטיין דער זון...
די אַלטע, ווי אין צימער וואָלט אַ דונער טרעפן.

שטרעקט אויס די הענט צום בליץ פון אייגענעם געשריי:
— מיין זון!... די פריצן וועלן שוין צוּן אונדז נישט קומען!
אזוי האָט מיר באַשיידט דעם חלום דער יעוריי...
— — — — — — — — — — — —
אַנדריי און איך — מיר האָבן זיך אַרומגענומען.

אופאַ—לאָדזש, 1943—1947

## באַלאַדע וועגן דעם פּאַרטיזאַן אין לאַפּטיעס

אַ וואַלד. אַ ברענענדיקער פראָסט. ביי נאַכט אין שפּעטער שעה.
די ביימער שלאָפן. שטאַרע שטאַמען פלאַצן דאָרט און דאָ.
עס שוידערן אין דרימל צווייגן, האַלב געהילט אין שניי;
עס זייעט זיך, ווי דורך אַ נעץ, לבנה־שיין דורך זיי.
עס טוט פון שלאָף אַ קראָ אַ שאַרווע מיט אַ פליגל וווּ,
און ווידער — ווילדע שטילקייט, שאַ און רו.

אין טיפן וואַלד, אין טיפן שניי
עס שטייען, איינער קעגן צווייטן, צוויי.
ס'איז איינעמס אויגן רויט און שפּריצן פונקען,
ווי פלאַם, שטאָט בראָנפן, וואָלט ער אויסגעטרונקען;
ער שרייט און צילט צום צווייטן מיט אַ רעוואָלווער:
— דער טויט האָט דיך געבראַכט פאַר זיך אַהער! —
דעם צווייטנס ברוינע אויגן טוען שרעקעוודיק אַ שיקל,
און זיינע בלויע ליפּן — „מאַמע מיינע!‟ קוים אַ ציקל.
דער ערשטער טוט מיט שפּאָט אַ לאַך:
— אַזעלכן האָט קיין מאַמע־שויס נישט אויסגעטראָגן!
אַ טייוול האָט פון פייערשטיין דיך אויסגעשלאָגן. —
און... טראַך! —
דער שניי פאַר זיינע פיס איז מער נישט ריין און לויטער —
עס ליגט אויף אים מיט פלעקן בלוט אַ טויטער
און ס'גלאָצן זיינע אויגן: „שליס אונדז צו, פאַרמאַך...‟.

דער פּאַרטיזאַן האָט אויפן טויטנס פּנים זיך פאַרהאַלטן
אַ רגע מיט אַ דימענטענעם בליק אַ קאַלטן
און מיט דער לאַפּטיע אים געטאָן אַ שטויס:
— איך האָב געטייט, נאָר ריין איז מיין נשמה:
— מיין טאַט באַוויליקט האָט די הייליקע נקמה. —

אַדורך די צווייגן די לבנה איז אַרויס
און האָט געלאָזן אויף די לאַפּטיעס זייַנע פֿאַלן
אַ קראַנץ פֿון שטראַלן.

פֿון ווייטן ישוב דערפֿעשירט אַ האָן מיט אַ געקריי:
— עס גייט די זון שוין עפֿענען דעם הימלס טויער. גיי! —
און ס'לאָזט דער פּאַרטיזאַן זיך גיין מיט טריט צעטאַנצטע;
עס שטעפּן זייַנע לאַפּטיעס די באַקראַנצטע
מיט זילבערפֿעדעמלעך די בלויע לייוונטן פֿון שניי;
און מיט זיין פֿריידיקן און פֿליגלדיקן גאַנג
גייט אויף די זון און זיגעריש געזאַנג.

1942—1950

## באַלאַדע פֿון דער לבנה מיטן פּאַרטיזאַן

קאָסמאָדעמיאַנסקאַיאַ

דער לבנה איז געוואָרן קאַלט
צו שפּאַצירן אויפֿן הימל,
נידערט זי אַראָפּ אין וואַלד
כאַפּן דאָרט אַ לייכטן דרימל.

זי פֿאַרשאַרט אַ דעק פֿון ווייסן פּוך,
אַ געלעגער זיך צו מאַכן;
שפּירט זי פּלוצעם אַ גערוך,
און עס קיצלט זי צום לאַכן:

— פֿוי! מיט ציבעלע און קנאָבל שמעקט.
ווער זשע ליגט עס דאָ געקאָרטשעט? —
...אומגעריכטע קעלט אים וועקט,
דרייט ער איבער זיך און וואָרטשעט.

— זאָג, ווער ביסטו, פֿרעמדער איידלער הער? —
פֿרעגט זי שטיל, קאָקעטיש־נאַבל:
כ'זע, עס גלאַנצט אויף דיר געווער
און... עס שפּירט פֿון דיר זיך קנאָבל! —

ס'טראָגט אים אויף. ער טוט צון איר אַ שפּאַן.
שנאה שפּריצט זיין בליק, ווי פֿייער:
— איך בין קריגער־פּאַרטיזאַן;
קנאָבל איז אַ מייכל — טייער!

פינף מעת־לעת איך ליג דאָ אינעם שניי,
לויער אויפן שונאס חיה־שפּרייזן;
ס׳ברויט איז אויסגעגאָן, נאָר זיי —
ציבעלע און קנאָבל, שפּייזן.

כאָטש זיי שמעקן נישט דיין נאָז,
מיר — ווי אַראָמאַט פון בלומען!
פאַר מיין לאַנד אויך גיפטיק גראָז
וואָלט מיין מאָגן ווויל באַקומען.

דו שפּאַצירסט זיך ליידיק גאַנצע נעכט,
שפּילסט אין הימלישע ראָמאַנען;
ס׳האַלט מיט דיר איצט זייער שלעכט, —
שוין טראָג אָפּ זיך שנעל פון דאַנען! —

די לבנה ציטערט שטיל פאַר שרעק,
אירע בלאָנדע האָר — צעשויבערט:
צו איר שיין קומט באַלד אַן עק —
אים האָט זי נישט ווויל באַצויבערט;

שטייט פאַר איר — אַ דאַרער, פעסט און הויך,
האָריק, ווי אין וואַלד אַ חיה;
הער... זיין קנאָבלדיקער הויך
שמעקט ערשט ווונדערלעך־מחיה!

קוקסט אים אָן — אַן אויסגעדייוועט פערד,
פון זיין וואָגלעניש אַ מידער;
ס׳אָטעמען מיט קראַפט פון ערד
זיינע קנאָכיק־שאַרפע גלידער.

מאַכט זי טריטעלעך אַ פאָר אויף צריק,
נייגט פאַר אים אַ פאָן פון שטראַלן:
— העלד, מיין העלד! דאָס ערדיש גליק!
כ׳וויל פאַר דיר דאָ קניען, פאַלן.

— ווערטע דאַמע! הער, דיין בלאָנדע פאָן
צו מיין בלוטיק־רויטער רעדט נישט, —
שרייט ער, צינדט ווי פלאַם זיך אָן, —
זי מיין האַרץ געוווּנען וועט נישט! —

האַלט זי מער נישט אויס, און טוט אַ פּאַל,
און — צום האַלדז זיין שווערד.. אַ ציטער..
שפּריצט דער שניט מיט בלוי און שטראַל,
און איר קאָפּ — דעם שניי צעגליט ער.

שטויסט דער פּאַרטיזאַן אים מיטן זויל,
וויל זי ווייטער בעמען זידלען —
נעמט אַדורך דעם וואַלד אַ גרויל,
עס צעיאָמערן זיך פידלען.

חשכות איז פון אויבן און אויף דרערד...
כאַפּט ער צריק דעם זויל דערשראָקן;
ס'לייכט אַ קרייז אַרום זיין שווערד —
אָרעאָל פון אירע לאָקן.

וווּנדער! די לבנה, בלאַס און געל,
דעמערט ווידער צווישן צווייגן;
זי באַוועגט זיך קוים פון שטעל,
גליווערט אין אַ פראָסטיק שווייגן.

דאָ — איר קאָפּ לעם אים דעם שניי באַצירט —
כישופדיקער בלענד־לאַמטערן;
הייבט ער אויף אים טיף געריירט,
בענטשט אים מיט חרטה־טרערן.

ווערט אים קלאָר: פאַר היימלאַנד איר געבאָד —
אַ געשאַנק אין שלאַכט צו דינען:
דאַרפסטו חשכות — גיב אַ טראָט,
און דאָס ליכט איז אויסגערונען — — —

אופּאַ, 1942 — לאָדזש־1947

# לידער פון אַ מאָל

## געזאַנג פון לערער צו שול־קינדער

איר קלייניקע שיפּלעך, באַזעגלט מיט שוימיקע פריידן,
געבענטשט זאָלט איר זיין אויפן וועג צום מיראַזש פון גן־עדן.
מיר ציען די שטריק פון די זעגל מיט כוחות געשטאָלטע —
קאַטאָרזשניקעס פרייע מיט שטאָלץ אויף די קעפּ האַלב־געגאָלטע.
אָ, אונדז קאַפּיטאַנען, ווען ס׳גליווערט דאָס בלוט אין די גלידער,
דערמונטערט דער פאָך פון די זעגלען און אייערע לידער.
און בייגן מיר איבער די באָרטנס די קעפּ צו דעם וואַסער,
און ס׳לאַכט פון דעם רונצל פון זיקנה אַ ימיקער שפּאַסער —
מיר שמייכלען דאַן רויק, צופרידן און פעלדזיקע־זיכער:
מיר זענען מצבות געקריצטע מיט שטיפרישן וויכער.
און ליגן ביי נאַכט מיר פאַרמוטשעט אין בעטן־דמיונות,
די גלידער פאַרהילצערט, פאַרשוואַרצטע, ווי אַלטע ארונות,
און ס׳בלוט מרה־שחורהדיק שלעפּט זיך אין אייזיקע בעקנס, —
דאַן פאַלט אייער בליעכץ און מונטערט אונדז אויף צו באַדעקנס...
מיר טראָגן, חתנים, די דעקטיכער מלא־גדולה,
באַדעקן די כלה, דעם טויט, פאַר דער חופּה און גאולה. —
געבענטשט זאָלט איר זיין אונדז, איר שיפּלעך מיט פריידן באַזעגלט,
מיר שטייען, ווי ישו׳ס, צו אייערע באָרטנס גענעגלט...
וואַרשע, 1937

### וויגליד

(טעקסט צו שובערטס מוזיק)

איילי, לי־לי, שוועלבל, וויין נישט,
ס׳וועט דיין הונגער איינשטילן די וויג.
מילך — דערפאַר וואָס כ׳האָב אַליין נישט —
וועט דער טרוים דיר ברענגען פולע קריג...

איילי, ליולי, שטיל איז דאָ אין קעלער,
בלויז דיין מאַמע... כריפּעט מיט דער לונג.
שלאָף־זשע, שלאָף און וואַקס וואָס שנעלער,
און שפּראַץ־אויף אַ פּייערדיקער יונג!

ליולי, ליולי, ס׳גרינט סופּיט מיט שימל,
אים צעשלאָגן וועט דיין פעסטע פויסט;
וועט אויף אונדז אַ בלוי טאָן הימל,
און די זון וועט שטיין פאַר אונדז אַנטבלויזט.

וואַרשע, 1935

## ליד פון דער רויטער פאָן יאר 1934

צווייפל, נידער!
כ׳דולד קיין סימן נישט פון טרויער־שוואַרצן קרעפּ.
כ׳פלאַטער ווידער
איבער הערצער הויך־צעשטורעמט, איבער שטאָלצע קעפּ!

קידער־ווידער
האָט צעשיידט די קעמפער — קומט פאַרעטער צווישן זיי;
פוילע גלידער,
שוואַרצע, ווי גאַנגרענעס, צינדן בראַנד אין מאַרקס פאַרטיי.

מידער, מידער
האָט אַראָפּגעזונקען רעזיגנירט מיין טרעגערס האַנט;
קעמפער, ברידער!
ס׳האָט אַ שוואַרצע האַנט באַדעקט מיך מיט דער שוואַרצסטער שאַנד.

צו דער נידער
קניען מיינע שוועסטער, איינגעמויערט שטום אין ווענט;
שוואַרצע לידער
זינגט דער טייוול איבער זיי און שענדט זיי, שענדט און ברענט.

דאָך! די שמידער
שמידן וויטער, שמידן רינגען, שמידן קייטן רויט —
קעמפער־ברידער
צו באַהעפטן, צו פאַרשמידן קעגן קאַמף און טויט.

דאָך! די שמידער
שמידן ווייטער. האַמערס שלאָגן. הערט! עס הילכן קלעפּ...
כ'פלאַטער ווידער
איבער הערצער הויך־צעשטורעמט, איבער שטאָלצע קעפּ.

וואַרשע, 1934

## קאַרל מאַרקס

(מעדיטאַציעס פון אַ פּראָלעטאַריער ביים ראַנד פון זעלבסטמאָרד)

ווי פינצטער ס'איז אין מיר! ווי פינצטער!
ס'האָט דער הונגער אויסגעשטרעקט אַ שוואַרצע האַנט
און פאַרקוועטשט דעם פאַקל פון מיין לייכטנדיקן מוח
אין זיין פויסט.
רינט אַ ריסנדיקער טרויעריקער רויך אַדורך די ביינערדיקע פינגער,
אַזוי ווי אַ לוויה־מאַרש דורך ווייסע ביין־קלאַווישן פון אַ פּיאַנע.
בלויז אַ פונק, אַן איינציקער, נאָך טליעט אין זיין קלעם דער ביינערנער,
אַ פונק אַ בלוטיקער, אַ רויטער,
אַ פונקעלע באַוווּסטזיין.

...מעכטיק שטייט אַנטקעגן מיר דיין לייבן־קאָפּ, אָ, גרויסער לערער
חבר קאַרל מאַרקס!
דיין שאַרבן — אַ לאַמטערן, און אין אים — אַ זון.
האָסט געלויכטן, זון, אויף צריק: אין וועלדער פינצטערע פון אורוואַלד,
אויף פעלדער און ישובים זון־באַגאַסענע פון אַלטערטום,
אויף גרויע שלעסער־פעסטונגען און שטעט פון מיטלאַלטער,
און אין ריזיקע פאַבריקן פון די נייע און נייסטע צייטן;
און עס ליגן דיינע גאַרבן ליכט אויף אַלע גאַסן,
שטראַלנדיק פאַרויס אין קומענדיקע צענטליקס יאָרן;
זיי בלענדן מיינע ברידער מיטן יובל־רוף און צוזאָג:
— דער נצחון וועט זיך לייגן, אַ געצוימטער לייב,
פאַר דעם באַרוועס פון די אונטערדריקטע!
קעמפט! — — —

ווי פינצטער ס'איז אין מיר! ווי פינצטער!
זאָל די פינצטערניש אין מיר, אַ טראָפּן טינט,
פאַרזינקען אין דעם אייביק־ווייסטן חושך.

שרייט אין מיר געוויסן

מיט צעשטראַלטע ווייסע ציין, וואָס שאַרפן זיך צו טאָן אַ ביס:
— האָסט רעכט, דעם רויט־צעשטראַלטן פונק פון קאַרל מאַרקס, אַ רויטע רויז,
צו שטעקן אין דעם סורדוט־לאַץ דעם שוואַרצן פון זיין הויכקייט טויט!!
זאָל קומען ער אַליין,
דער שוואַרצער האַר,
ווי צו מאַרקסן!
ער האָט אַ כאַפּ, אַ ריס געטאָן דעם קאָפּ
פון פלייצעס אויסגעהאָרוועטע, געבויגענע,
און געשטשירעט לאַכנדיק אַנטקעגן קאַרלס שאַרבן.
ווי נאַריש אומבאַהאָלפן האָט איצט אויסגעזען דער שוואַרצער האַר!
ווי אַלע שוואַרצע הערן אין צילינדערן און פראַקן:
די זון איז אויסגערונען שוין געוועזן פון שאַרבן
און פאַרוואַנדלט אין דעם קאַפּיטאַל
פון אַלע אונטערדריקטע און פאַרשקלאַפּטע,
וועלכע ווינען אין די קעלערס, אויף די בוידעמס,
און די זון פון הימל קען צו זיי נישט גרייכן;
ס׳איז איר שיין געווען דאָס שויבן־גלאָז פון רויטן טורעם —
אינטערנאַציאָנאַל;
ס׳האָבן אירע שטראַלן רויט געריגגלט זיך אין קייטן,
צו פאַראייניקן די פּראָלעטאַריער
פון אַלע לענדער אויף דער גאַרער וועלט! — — —

..כ׳פיבער.
ס׳טראָגט אַ הייסער ווינט דורך מיינע אויסגעהוילטע ביינער,
כאָטש אַ קאַלטער שטורעם איבער הונגערס פּוסט מיט פליגל
פּאַכעט אויף דעם פונק אין שווידערלעכן ציטער,
און עס פלאַקערט ווידער העל מיין פאַקל...
אַך, ווי ליכטיק ס׳איז אין מיר! ווי ליכטיק!
כ׳וועגד מיין פּנים צריק אַנטקעגן פיין אין לעבן,
קעגן קאַמף און זיג!
כ׳שטעל ווידער אָן מיין טראָט
צום טאַקט
פון דיינע ריזן־שפּאַנען,
גרויסער לערער,
חבר
קאַרל
מאַרקס!

וואַרשע, 1933

# באַלעגאַלעס

זיי זיצן אויף די קעלניעס — פעל־זעקלעך מיט ביינער;
נישטאָ שוין מער קיין קליי אין די עצמות.
קעפ פול זאַרגן, טעפ טשוהונענע מיט גרויע שטיינער פון שאָסייען,
הענגען שווער אַראָפּ צו דרערד,
מיט גאָמבעס שפּיציק־ביינערדיקע, קריקעס, אין די ברוסטקאַסטנס פאַרשלאָגן.
שינד אַראָפּ פון זיי די שווערע בורקעס, דורכגעפּרעסענע פון ווינט און נעפּל,
וואַטעווענע שפּענצערס, ווו עס ראַנגלען זיך די וואַרעמקייט פון גוף און קעלט און פראָסט פון דרויסן,
ס׳גאַנצע אָנגעטועכץ ס׳אויסגעמוליעטע און אויך די ברייטע וואַילעקענע שטיוול, —
ברוינען־דורך זיך, דורך די ברודיקע און אומעטיקע העמד־און גאַטיעס, לייבער,
אַן אָפּבילד פון די פערדלעך זייערע.
וואָס שלעפּן פרייכנדיק דעם משא־יאָך שוין גיט אויס פּחד פאַר דער בייטש,
נאָר סתם אַזוי:
מען איז געוווינט צו שלעפּן...
פאַרגליווערט שטעקט די פּוזשעלע אין זייער קנאַכנדיקן בינטל פינגער
און שלענגלט מיט הפסקות, פויל, די קניפּלדיקע בייטש, אַ טויטער וואָרעם,
קיצלענדיק די פערדלעך הינטער טויבע קרעצעדיקע אויערן, ווי שמאַטקעס;
זיי הענגען־נאָך געפּגרט, איידער נאָך עס האָט דער גוף דערלעבט
אויף זיך צו פילן
די אייזיק־קאַלטע שפּאָרן פון דעם אויסלייזער, דעם טויט.

ווי שווער סע איז די משא, וואָס עס שלעפּן איבער פערדלעך באַלעגאַלישע!
שווער די טויטע צו דערשלעפּן און די לעבעדיקע נאָך מער:
קרעמערלעך פאַרמעליקטע אין חשכות פון דער נאַכט, ווי מתים פון די קברים;
אָנגעפּעלצטע קרעמערקעס, אלמנות, פעסער שמאַטעס,
דורכגעווייקט מיט נאַפט און ליאַג און אייל —
כאַטש נעם און צינד זיי אָן, ווי שטורקאַצן אויף וועגן,
זייער ליכט זאָל פאַלן איבער בלאָטעס, זומפּן, פעלדער — שוואַרצער שניי,
און נאָך אַזעלעכע און נאָך...
עס קרעכצן הייזעריק די אַקסן און די רעדער.
כ׳נאָקען־וויאָקען־אויס די באַלעגאַלעס לונג־און־לעבער,

און די פערדלעך שפּאַרן אונטער זיך מיט דרענגלדיקע פיס,
אַזש ס'אַ וווּנדער, וואָס די קנאָכן שפּאַרן נישט אַרויס,
צערייסנדיק די אויסגעמוליעטע און האַרטע פעלן.

שלעפּן זיך די וועגענער אין אָסיענדיקע בלאָטעס,
זשליאָקען שווענקעכץ, זיפּצן וואָסערדיק און קרעכצן האַלצעריק,
און לאָזן אָפּרינען די שוואַרצע מרה־שחורה פון די שנאָרכנדיקע פּאַסאַזשירן,
ווי האַלב פאַרגליווערט בלוט, ווי קליי פון גהירן —
אַ שוואַרצער שטראָם־ליילעך, וואָס ווייקט זיך איין אין בלאָטע...

טראָגן אַ מאָל אונטער באַלעגאָלעס די פאַררייכערטע לאַמטערנעס
צו די מאָרדעס פון די פערדלעך, ס'צײמל צו פאַרריכטן, —
אויגן פייגלעכע פון שכלדיקע מענטשן,
און עס דאַכט זיך:
אַליין געשפּאַנט, זיי שלעפּן מיט געצוווּנגענעם מסירת־נפש אָט די שווערע וואָגנס,
און די פערדלעך זיצן אויף די קעלניעס — באַלעגאָלעס...
(ס'האָט דער בורא־עולם אָפּגעטון אַ טײַוולש שפּיצל
און די יוצרות מיאוס פאַרביטן!).

מאַכט זיך ס'קומט זיי אַן אַנטקעגן, זילבערדיק צעקלונגען,
אַ פרישישער, פולבלוטיקער, אַן אויפגעזאָטענער און פינענדיקער אָגער,
און צעהירזשעט זיך מיט הייסער תאווה, רויט ווי בלוט און שוואַרץ ווי נאַכט,
ווי דערשנאַפּט דאָ פּולווער, בלוטן אין געראַנגל פון אַ שלאַכט;
עס שווידערן די קליאַטשעס באַלעגאָלישע און ס'צאַפּלט־אויף אויף זיי די פעל.
הערט זיך ס'קנאַקן פון זיך־קנייטשנדיקן פאַרמעט פון אַ הייליקייט
וואָס ברענט און רייכערט זיך און פלאַמט נישט אויף...
דערמאָנען זיך די ווײַבער — אָך! — די שלאַבריקע, וואָס גאַרן נאָך באַמאַנונג,
און וואַרטן שעהענלאַנג ביז ווייט נאָך חצות און אָפּטער גאָר אומזיסט:
די באַנען איילן זיך און איינער יאָגט דעם צווייטן, איינצושלינגען גאָר די וועלט.
זיי שמעקן שימלדיק און זויערלעך די ווײַבער — קרוגן איבערשטייענדיקע זויערמילך,
וועקן זיך פון האַלב־שלאָף, ווייך־צעיוירענע, ווי נישט געפּרעסטע קעזן,
און גראָבן מיט די אויערן אין פייכטער שימלדיקער שטילקייט פון דער נאַכט,
ווי חזירים מיט די שויפלען אין אַ זומפּ:
אפשר האָט דער צוג, דער צוועלפער, שוין אַדורכגעלעכערט מיטן רויטן פייף

די שוואַרצע שויס דער נאַכטס ?
און די מאַנען וועלן צווישן באַן און באַן,
נישט אַראָפּגעשלונגען נאָך דעם לעצטן בריענדיקן כליעפּטש פון טייג מיט מילך
אַריינכאַפּן געאיילט, נאָך קוואַטשנדיק מיט גומען, ציין און צונג, דעם ביישלאָף,
זיי טרייבנדיק, די ווייבער, ווי די פוילע קליאַטשעס:
— נו, גערירט זיך! ס'איז נישטאָ קיין צייט!...
און אַז אַ קינד טוט וועקן זיך דערלעבן:
— אַי! דער טאַטע איז שוין דאָ! —
וועט דער טאַטע הייס און סאַפּענדיק און רוגזאַדיק אַ וואָרטשע טון, אַ בער:
— פּאַפּן זאָלסטו דאָרטן ווו דו ליגסט אין דרערד!

1932

# טויבן

„אחות לנו קטנה״ — (שיר השירים, ח.) —
אַ קליינע שוועסטער האָבן מיר.

ס'רופט נישט אויס דיין ברוסטל
קיין פאַרשייטע כרוזים.
שטילער צווילינג טויבן
שטיל רוט אין דיין בוזעם —

טראָגן ראָזע בלעטלעך
אין די שנעבלעך — בשורות:
אין דעם האַרץ — פון ליבע
רייף און רויט דער שפור איז!

ווייסע מיט סימנים
פון דעם אַלטן ייחוס —
פון דער אור־טויב נחס
שטאַמען זיי; אין שליחות

נאָר זיי האָבן — צאַרטע —
אין דעם וועג געליטן:
ס'האָט דאָס פרילינג־שליחות
זיך געשטעלט אין מיטן.

טריסק, 1925

# עלעגיע

איינזאַם לעב איך אויף דער וועלט —
קיינער ווייסט מיך נישט
איינזאַם גיי איך אויף מיין וועג —
קיינער פירט מיך נישט;
איינזאַם זינג איך אויס מיין ליד —
קיינער הערט זי נישט;
איינזאַם גיס איך אויס מיין טרער —
קיינער זעט זי נישט;

איינזאַם בין איך, ווען איך וואַך —
קיינער זוכט מיך נישט;
איינזאַם בין איך, ווען איך שלאָף —
קיינער היט מיך נישט;
איינזאַם ברענט זיך אויס מיין ליכט —
קיינער נוצט עס נישט;
איינזאַם וועט פאַרגיין מיין ליכט —
קיינעם אַרט דאָס נישט..

אין די 20־קער יאָרן

# אין שיינקרייז פון אייגענעם לאמפ

## א ברכה־רעגן

זי האָט געשפּיגן אים אין פּנים און געמיינט,
אַז זי באַשפּייט אַ צוויטן... — ניין!
זי האָט עס זיך אַליין
באַשפּיגן און... געשטיינט.

און ער, וואָס האָט פאַרשוויגן, ווי אַ שטיין,
און איינגעהיט אין זיך דעם מענטשנס ווערט, —
פאַר אים איז דאָס געווען אַ ברכה־רעגן,
וואָס וואַשט אַראָפּ דעם שטויב פון אַלע וועגן,
וואָס ברענגט אַראָפּ דעם הימל צו דער ערד
און ציט אַרויף די ערד פון אויבן...

זי האָט עס זיך אַליין באַשפּיגן און... פאַרהאַגלט,
צום שאַנדסלופּ צוגענאַגלט; —
און אים — דער ברכה־רעגן האָט דערהויבן.
געבויגן אונטער דעם געבענטש פון רעגן,
ער שטייט מיט גרויס באַדויער איר אַנטקעגן...

גבעתיים, מערץ, 1963

## ממעמקים

### א.

אַ העלף מיר, גאָט, דורך ליד די שולד אַרויסצוגיסן,
ווי פון אַ בעכער — סם, מיין האַרץ זאָל ווערן ריין.
איך ווייס איך בין נישט ווערט דיין חסד צו געניסן,
און זיכער כ׳וואָלט פאַרשפּילט, ווען כ׳זאָל צום משפּט שטיין.

איך שטיי אַ נאַקעטער פאַר דיין צעשטראַלטן וויסן,
וואָס דרינגט אַדורך דאָס האַרץ פון גרויס און קליין:
איך קאָן מיט פאַלשקייט מיינע שולדן נישט פאַרזיסן,
און היט מיך, גאָט, פון אָפּצונאַרן זיך אַליין, —

דאָס הייסט דאָך ווידער זינדיקן, ס׳זאָל דיך פאַרדריסן.
צי קאָן די זעל דורך פאַרב און פודער ווערן שיין?
צי קאָן מען האַלטן הינטער קראַטעס דאָס געוויסן,

סע זאָל צום אייגענעם באַוווסטזיין נישט דערגיין?
איך האָב זיך נישט פאַרדינט דיין חסד, כ׳ווייס, אַז ניין, —
נאָר ווערסטו פאַר מיין תפילה־ליד דיין אויער שליסן?

## ב.

די האָסט נישט צוגענייגט דיין אויער צו מיין תפילה:
דאָס ליד איז אָפּגעזונגען, און די שולד איז דאָ:
צי ס׳איז נישט מזלדיק געווען פאַר מיר די שעה,
צי כ׳בין געקומען אַ פאַרשפּעטיקטער נאָך נעילה?

איך ווייס נאָר איינס: איך בין געבליבן אָן דיין שוץ;
האָסט מיך אַריינגעזעצט אין גיהנום מיט אַ חוה,
וואָס גיפטעט ווי אַ שלאַנג און פוצט זיך ווי אַ פּאַווע,
און שרפּעט מיטן גיפט און פייניקט מיטן פוץ.

איך פרעג נישט, גאָט: פאַר וועלכע זינד? זיי מאָנען, שרייען;
אַז וואָס האָסטו געטראַכט אין האַרץ? לית דין, לית דיין?
כ׳האָב אויך קיין טענות נישט: ס׳איז האַרב דיין דין, זיי מילד.

איך בעט נאָר איינס: פון יענער זייט פון טויבן טויער
זאָל פאַר מיין תפילה אָפן זיין דיין געטלעך אויער,
אפילו ווען זי ווערט לחלוטין נישט דערפילט....

## ג.

און אפשר איז עס, חוה, גוט? איך בין אַ דאַנק דיר שולדיק:
דו ביסט פאַר מיר, וואָס ס׳איז פאַר איובן געווען זיין קרעץ;
איך דאַרף דיך לאָזן קרעציקן ביי מיר אין בלוט געדולדיק,
ווייל דו דערנעענטערסט מיין טויט צוזאַמען מיטן קץ...

און איוב איז געווען אַ צדיק דאָך, און זיינע פּיינען —
אומזיסטע... וויי, ווי קאָן איך זיך פאַרגלייכן גאָר צו אים?
דו באַדסט מיך אין יסורים, אַז מיין האָרץ זאָל נעמען שיינען,
און ס'זאָל מיין פּנים ווערן ריין פון צביעותדיקן גרים.

אַז וויי צו מיר! צי קאָנסטו מיר דאָס רעטעניש באַשיידן;
צי ביסט צו מיר געשיקט פון טייוול, צי פון גאָט אַליין?
צי כ'דאַרף דורך דיר אַריינגיין, צי אַרויסגיין פון גן־עדן,

ווי כ'האָב געהערט עס ווען חוזק פון מיין אַלטן זיידן,
נאָך איידער איך האָב אָנגעהויבן אין אַ חדר גיין? —
ווען זאָלסט, שטאָט זידלען, איין מאָל כאַטש, ווי בלעמס אייזל, ריידן.

ד

מיין פראָסטער שרייבטיש איז פאַר מיר — מיין הייליקער מזבח,
איך לייג אויף אים זיך אַ געבונדענער אַ יעדן טאָג,
און וואָס אויף דער עקידה יצחק האָט געשפּירט, דערגיי איך,
ביז ס'האָט דעם חלף אָפּגעהאַלטן שטרענג דעם מלאכס זאָג;

ער האָט געראַטעוועט אים איין מאָל אויפן גאַנצן לעבן,
און ס'איז דערמיט געווען אַ סוף צו זיין נשמהס פּלאָג;
נאָר איך — ס'איז אָט די זכיה און דאָס גליק מיר נישט געגעבן
און מיט אַ פליגל אַ צעבראָכענעם אין האָרץ זיך שלאָג.

ביז וואַנען ס'וועט זיך איינער אָדער ביידע איבערברעכן,
און ס'וועט באַוויליקן מיין פּיין־און־תשובה־קרבן גאָט...
איז ווי האָסטו דערוועגט זיך מיין מזבח צו פאַרשוועכן?!

איך האָב דערהערט אַ שלאַנגיש צישען דורך די ציין מיט שפּאָט
און באַלד דערזען דעם חלף אין דעם טייוולס שוואַרצן אָרעם:
„איך בין געקומען שחטן — נישט קיין מענטשן, נאָר אַ וואָרעם!"

ה

האָסט טאָג נאָך טאָג אַ טראָפּן סם מיר איינגעגעבן,
געסמט מיין זעל און גוף אַ גליד נאָך אַ גליד;
איך האָב זיך מיט מיין ליד געראַנגלט פאַר מיין לעבן,
ביז כ'האָב די אויגן צוגעמאַכט שוין מיד.

מײַן שרײַבטיש האָסט צעבראָכן און געמאַכט אַ אָרון,
אַרײַנגעלײגט מיך און פאַרקלאַפּט די דעק;
איך הער װי ס'װײנען מײַנע נישט דערלעבטע יאָרן,
און ס'בענקט נאָך מײַנע טריט מײַן רעשטל װעג.

נאָר װעמעס איז די שטים, װאָס גרילצט אין טױטן אױער?
די הענט, װאָס רײַסן זיך פון קאָפּ די האָר?
דאָס פּנים װאָס גרימירט זיך מיטן קרעפּ פון טרױער?

כ'דערקאָן! נאָר כ'קאָן נישט אױסשרײַען די װאָר.
װי װערעם קריכן דײַנע טרערן אױף מײַן אָרון — —
אַװעק! — דיך טרײַבן מײַנע נישט דערלעבטע יאָרן.

װאַרשע, 31־טן מאַי, 1959.

## איבערבעטונג

### אַ תּפֿילה

מײַן גאָט, שטיל אײַן די סטאַיע הינט אין אירע בלוטן,
פּאַרטױוו אין מײַן געהער מיט װאָלקן־װאַטע דאָס געביל.
אױף נעכט אױף שװאַרצע ציִען אױס זיך די מינוטן,
און שטערן טריפֿן טרערן אױף מײַן מזל אין דער שטיל.

סע הענגט מײַן קאָפּ אַראָפּ, איך זע זײ נישט — איך פֿיל,
װי אױף די שליפֿן שנירלען זיך די טרערן, רינען
און אױף די באַקן זוכן — מ ײ נ ע, און געפֿינען,
און פֿאַלן אױסגעמישטערהײט אַראָפּ אין שטױב אַ ציל.

שטיל אײַן, מײַן גאָט, דעם ברױז אין מײַנע בלוטן, װען כ'דערפֿיל,
אַז פֿונקען צינדן זיך אין זײַנע כװאַליעס־קאַמען,
און ס'װעט אַ פֿלאַקער טאָן אַ שׂרפֿה נישט צו צאַמען.

מײַן גאָט, איך װײן אַרײַן איצט אין דײַן ברעם אין דער שטיל:
באַרויק אין איר בלוט די בײזע הינט די סטאַיע,
װאָס װעקן אױף אין אורװאַלד פֿון מײַן בלוט די חיה...

## בלוט און זעל

איך קאָן דיין בלוט און אַן דעם שימער פון דיין זעל:
דיין בלוט איז רויט און בייז, דיין זעלע — ראָז און מילד;
דעראַנט דיין זעל — מיין לעבן טוט זיך אַ צעהעל,
ברויזט אויף דיין בלוט — מיין מזל פינצטערניש פאַרהילט.

איך אַן דעם שימער פון דיין זעל און קאָן דיין בלוט,
זיי ראַנגלען זיך אין דיר — צי ווייסט עס יאָ, צי נישט;
ווען שטאַרקער ווערט דיין זעל — אין מיינער וואַקסט דער מוט,
און ווען דיין בלוט זיך שטאַרקט — ווערט מיינס מיט גאַל פאַרמישט.

ווען איך פאַרשעלט דיין בלוט, איך בענטש דיין זעל;
כ'אַנטלויף פון דיר, און האָב חרטה אויף דער שטעל,
און לויף צוריק אין ראַנגלעניש מיט זיך אַליין,

און בעט ביי גאָט: — אָ, זאָל דער שימער פון איר זעל
אריין צו איר אין בלוט, עס מאַכן מילד און העל —
מיר זאָלן אונדזער וועג אין פרידן שוין דערגיין.

## ס'לעשט זיך איבער אונדז א שטערן...

אַן אויסגעבענקטער נאָך דער ליבע פון דיין זעלע,
וואָס הילט זיך, אַ פאַרהוילענע, אין שלייערס זיבן,
און בלויז אין דיינע שטריכן איז איר חן פאַרשריבן;
ווען ס'ווערט מיין זעל געשליידערט אין אַ כף־הקלע, —

איך נעם אַרום דיין קאָפּ און קוש דיר אויס די אויגן,
דיין זעל מיט צערטלעכקייטן זוך זי זאָל מיך ליבן.
נאָר אַלץ מיר גיט דיין לייב, דיין זעל וויל גאָרנישט געבן — —
סע ברענט אַ טויבנשלאַק, די טויב — אַוועקגעפלויגן.

דיין קוש מיך בריט און כ'פיל: די בלוטן דיינע קאָכן;
ס'איז נישט דיין זעלעס יומטוב, נאָר דער אינדערוואָכן
פון דיינע טיפן, אויפגערייצטע פון באַגערן.

ווי אַנסטו נישט צעווישן אונדז דאָ דעם נישט־גוטן,
זיין טרייפן אָטעם אין געברויז פון דיינע בלוטן?
צי זעסטו נישט, ווי ס'לעשט זיך איבער אונדז אַ שטערן?

## לאמיר זוכן...

קום, לאָמיר בײדע זוכן דײַן נשמה,
זי איז, װי מיר, דאָך בײטיק דיר אַלײן:
אָן איר דעם מענטשנס פֿלײש און בלוט איז טמא,
מיט איר איז אױך זײַן אָפּפֿאַל זױבער־רײן.

און אַז מיר װעלן זי מיט פֿרײד אַנטפּלעקן,
זי װעט אונדז אָנטאָן פֿליגל אױף די הענט;
מיר װעלן אונדזער פֿלאַם מיט זײ פֿאַרדעקן,
און װי דער סנה — מיר װערן נישט פֿאַרברענט.

און װען מיר דעקן אָפּ פֿון זיך די פֿליגל,
אױף יעדנס שטערן שטראַלט אַ קוש — דער זיגל
פֿון ליבשאַפֿט, אַז מיר זענען רײן פֿון זינד;

אױף יעדנס קאָפּ — אַ שטראַלנדיקער עיגול,
און יעדנס לױטער אױג — אַ װאַסער־שפּיגל,
װוּ ס׳טובלט זיך אַ מלאָכל — אַ קינד...

## א טרער

און װידער האָסטו מיך באַזיגט... מיט שטיל געװער:
איך בין אין אונדזער הױז אַ פֿרעמדער שױן געקומען
און האָב געװאָרט — אַ ז ו י צו װערן אױפֿגענומען;
ס׳װעט מער זיך נישט צונױפֿמענשליסן אונדזער שער.

האָסט אױפֿגעעפֿנט מיר די טיר... און כ׳האָב דערבליקט
דײַן אָנגעשאַרפֿטן קוק אױף מיר, אַ צערפֿול־שטומען,
װי ס׳איז אױף אים אַ טרער פֿאַמעלעך אָנגעשװוּמען:
„ביסט מוחל, ליבער?“ און — איך בין געװען באַזיגט.

דײַן טרער האָט תּפֿילהדיק פֿון אױג אַרױס געבלענדט,
פֿון הינטער איר געצאַפּלט האָט דײַן זעל — אַ קינד,
מיט נעפּל האָבן זיך פֿאַרשלײערט דײַנע זינד,

און ס׳האָט מײַן האַרץ זיך מער באַהערשן נישט געקענט.
איך האָב דײַן זעל,װי אַ פֿױגל, אַרומגענומען,
און ס׳איז זיך אונדזער שער אין קוש צונױפֿגעקומען.

שרודבאָרװו, פֿעב.—מערץ, 1958

# ליבע־מיראַזשן

1.

אַ פרעמדע ?... ביסט די היימישקייט און גאָר!
דיין אויגן־שמייכל פלאַטערט בלוי און וואַרעם.
מיין זעל שפרייט אויס די אָרעמס: „זיך דערבאַרעם!"
כ'בין איינזאַם. ס'פאַלט דער ערשטער שניי אויף מיינע האָר.

צי האָבן מיר זיך צופעליק באַגעגנט,
צוויי פרעמדע לויטן אָפּשטאַם ? און ס'געשעט אַ נס:
דו זאָגסט: „דיין עלטער און דיין איינזאַמקייט פאַרגעס",
און אויף מיין קאָפּ מיט פרילינג־בליעכץ רעגנט.

ער וועט אַראָפּוואַשן די שנייען פון די האָר,
זיי וועלן אויף דאָס ניי מיט שימער שוואַרצן,
און ס'וועט די יונגט אויפשטיין אין מיין האַרצן.

איך שפּיגל זיך אין בלוי פון דיינע אויגן קלאָר.
און ווען דו שטרעקסט די האַנט מיר צום געזעגנען,
כ'פרעג שטום: „צי וועלן מיר זיך נאָך באַגעגנען ?"...

2.

דו האָסט מיך מיטגעפילט: „דו ווערסט באַוואוסט, דיכטער,
ווי איינער פון דעם פאָלק, וואָס ליידט אומזיסט־אומגעשט..."
אין דיינע אויגן האָבן זיך געלאָשן ליכטער...
צי האָסטו דאָס אַ בלויע טרער פון באַק פאַרווישט ?

נאָר זע — די אויגן דיינע גליען און זיך שוואַרצן,
פאַרטווישט האָט זיך אויף פעך דער בלאָנד פון דיינע האָר!
ווי אויסטערליש, און דאָך איך זע עס ווי אַ וואָר!
צי ריזלט נישט אויף יידיש בלוט ביי דיר אין האַרצן?...

דאָס לינקע ליפּן־ווינקל קרימט אַ שטריכל פּיין,
און כ'זוך אַן אויסגעגליטן נומער אויף דיין אָרעם...
נאָר מיינע אויגן זעען פריש און ראָזלעך־קלאָר אים.

און ווידער פלייצן דיינע אויגן בלויע שיין,
און ס'בלענדט, ווי פריער, דיין פריזור שוין בלאָנד און זוניק.
עס שפּילט דיין קערפּער, ווי אַ פידל גאָלדנסטרוניק.

3.

אַ פרילינג־ווינטל נאָך אַ לאַנגן ווינטער,
וואָס גלעט און קושט די וועלקנדיקע הויט
און בלייבט אין דעם געמיט שוין ביזן טויט, —
גייסט אויף אין דיכטונג דורך מײַן שוואַרצן טינטער.

איז וואָס איז פון דײַן קערפּער מיר פאַרבליבן?
פון האָר־בלאָנד — בלענד, פון אויגן — מילדער בלוי,
פון ראָזער הויט — די לויטערקייט פון טוי, —
איז אָט־אָ דאָס מײַן פען האָט שוין פאַרשריבן.

און וואָס האָט דײַן געמיט מיר גוטס געשאָנקען?
אַ ביסל העלן גלויבן אין דעם מענטש.
אָ, לייג די דלאָניעס אויף מײַן קאָפּ און בענטש,

אַז רויקער איך זאָל שוין ווייטער בלאָנקען
און זוכן, ווי אַ פרילינג־ווינטל, דײַן געשטאַלט,
ווײַל ס׳האַרבסטיקט שוין אין מיר... ס׳געבלעטער פאַלט...

4.

מײַן בענקשאַפט שפּראָצט אין מיר, ווי צווישן שטיינער גראָזן.
איך ווייס נישט וו ע ר דו ביסט און וו י ס׳איז דײַן אַדרעס,
איך ווייס נאָר זיכער: צוויי מאָל טרעפט זיך נישט קיין נס,
אויף נישט צוריקצוקערן האָסטו מיך פאַרלאָזן.

איז בענק איך אויס דאָס האַרץ, און ליידיק בלייבט מײַן ברוסט,
און לער איז אויך מײַן שאַרבן — כ׳ווײַן זיך אויס די אויגן.
כ׳וואָלט וויסן ווו דו ביסט, איך וואָלט צו דיר געפלויגן.
מוזט קומען, שוועסטער, נאָך אַ מאָל צו מיר, דו מוזט!

נאָר איינזאַמקייט — איך ווייס נישט וואָס דאָס זאָל באַדייטן,
ווײַל פול בין איך מיט דיר אַווו דו זאָלסט נישט זײַן;
דער שימער פון דײַן בלאָנד פאַרבלענדט מיך פון דער ווײַטן;

דאָס בלוי פון דײַנע אויגן וועבט מיך דורך מיט שײַן;
דער לויטער פון דײַן העלער הויט מיך לײַטערט, לײַטערט
און פון מחשבות זינד־פאַרטונקלטע דערווײַטערט...

5.

ווען דו זאָלסט וויסן... אפשר ?.. נאָר דו ווייסט נישט גאָרנישט,
און ס'וועט נישט פירן נאָך אַ מאָל צו מיר דיין וועג.
מיר זעגען זיך, ווי ווייטע וועלטן צווי, קיין פּאָר נישט,
איז אפשר גלייכער וואָס אויף אייביק ביסט אַוועק.

און אפשר... ביסטו גאָר אין גאַנצן נישט דערשינען,
אַליין איך האָב באַשאַפן דיך אין הייסן טרוים?
קאָן זיין, נאָר מיין געלעכץ פּילט אויס מיין בלוט און זינען
און כוואַליעט זיך צו דיר מיט אויפברויז און געשוים.

אַוודאי דו זאָלסט נישט זיין, סע וועט דיך דאָרט דעריאָגן,
דיר פאַלן צו די פיס און, וואַשנדיק זיי, זאָגן:
געגריסט זיי, פאַלקע, פון אַ יידישן פּאָעט!

און ווען מיט דיר צוזאַמען מיין געפיל וועט שטאַרבן,
מיין ליד די קומענדיקע דורות וועלן אַרבן
מיט דיין פאַראייביקטן געשטאַלט אין מיין סאָנעט.

וואַרשע, יוני 1956

## אין שיינקרייז פון אייגענעם לאמפ

1.

דו האָסט מיין האַרץ געטאָן אַ ריס,
און ווילסט מיט שמייכל־פערעם עס פאַרנייען.
צי קאָן מען דען אַ שלאַנגען־ביס
מיט קושן־פלאַסטערלעך פאַרקלייען?

קוק צו ווי כ'בלוטיק מיט געדולד,
באַוויליק מיט מיין פיין זיך טיילן;
ס'באַוווּסטזיין פון דיין פליכט און שולד
מיין ווונד וואָלט אפשר קאָנען היילן.

נאָר ווייס: אויף אייביק לאָזט די ווונד
אַ קאַרב אויף האַרץ מיינעם זיך בלייבן,
און אויפן קנופּ פון אונדזער בונד
וועט דעמערן אַ קין־צייכן.

.2

געטערקלט האָבן דיינע ווערטער גלייך ווי טויבן,
און זענען אין מיין האַרצשלאַק שטיל אַריינגעגאַנגען.
אַצינד איז אָנגעפילט געדיכט דער שלאַק מיט שטויבן,
און ס׳וואַלגערן אין זיי זיך העמדעלעך פון שלאַנגען.

נאָך די געמיינטע טויבן טראָג אין האַרץ איך טרויער.
און ווי! די שלאַנגען גופא זענען נישט פאַרשוווּנדן:
פאַרבאָרגן ליגן זיי נאָך אַלץ אין מיר אויף לויער,
און זייער גיפט — אַ גרינער שוים אויף מיינע ווונדן.

.3

און וויפל, מיינסטו, האָב איך בלוט פאַר דיין נקמה,
דו זאָלסט פון דעם כסדר באָגן, נאָגן?
צי איז פון גומע דען מיין לייב און מיין נשמה,
דו זאָלסט פון זיי זיך ווילן אונטערשלאָגן?

.4

האָט נאָך אַ סטרונע, זע, געפּלאַצט אַצינד.
און וויפל סטרונעס ציילט דען אָן אַ פידל?
איך זע: צום קבר טראָגסטו אונדזער קינד;
פון מיינע לענדן וויינט אַראָפּ דער רידל.

אַ צאָרנדיקער גיי איך נאָך נאָך דיר,
און ס׳הענגט די תוכחה אויף מיינע ליפּן;
ס׳האָט גאָט דיך אויסגעשניטן — אַ געשוויר
פון אָדמען, און נישט קיין ריפּ פון זיינע ריפּן.

.5

אַ פידל מיט געפּלאַצטע סטרונעס וויינט
כסדר, פון זיין סמיק, פון אויערן פאַרגעסן;
דעם פידלערס האַרץ לעם אים — פאַרשטיינט,
און ס׳גייען טויב פאַרביי זיי די מעת־לעתן.

בלויז איך, דער פידלער, הער זיין טיף געוויין,
די סטרונעס צאַפּלען אויפן שטיין פון האַרצן.
איך זע דיך נאָך מיין מיטה גיין —
מיין תלין, דו, געקליידט אין שוואַרצן.

וועסט מיך באַגראָבן, גלייך ווי אונדזער קינד,
און איבערטאָן אין ווייסע קליידער גיין זיך;
פאַרבאָרגן אין דער ברוסט די זינד
און מיט דער זונשיין וואַשן ריין זיך.

נאָר דורכן קבֿרס ערד וועל ווייטער איך
זיך איינהערן: געפּלאַצטע סטרונעס שפּילן,
און נאָכשפּירן נאָך דיינע שיך
דורך מיינע טויטע שערבלעך־ברילן.

.6

איך האָב אַליין אַ קבֿר זיך געגראָבן
און זיך פאַרשיט אין אים אַליין;
נאָר כ׳הער דאָס קראַקעניש פון ראָבן
און אַ היעניש פויל געוויין.

איך בין אַליין — מיין מערדער און מיין קרבן.
צי לעב איך נאָך? סיי ניין, סיי יאָ.
אַ וואָרעם קיצלט מיך: דו ביסט געשטאָרבן,
דו לעבסט, — לאַכט איבער מיר אַ קראָ.

.7

אַז כ׳וועל אין גיכן שטאַרבן,
אַ שטייפער ליגן אויפן דיל, —
וועט שאַנד דיין פּנים פאַרבן?
צי וועסטו וויינען אין דער שטיל?

וועסט הויך אַ וודאַי וויינען
און אויסשפּילן אַ טרויערשפּיל,
אַז לייטן זאָלן מיינען
און אויסלויבן דיין שיין געפיל.

כ׳וועל ליגן בייז אויף לויער
און קוקן חוזקדיק־צעשפּאַסט:
דו וויקלסט זיך אין טרויער,
דער לייכטער קרעפּ איז דיר צו לאַסט.

נישט קלאָג אַזוי, אלמנה:
כ'בין בלויז דאָך אויף אַ ווייל דיין גאַסט;
און זע, דאָס אויסזען פון אַ גאַנצע
צו דיין געשטאַלט ווי פּיין עס פּאַסט.

און דיינע קליידער ווען
פאַרטרויען עמעצן אַ סוד:
איך מעג דיר ווויל געפעלן,
ס'איז גרייט פאַר דיר מיין גנאָד.

די צייט וועט ווידער דרייען
איר גורלדיקע ראָד,
וועסט ווידער זיין אין צווייען —
ס'איז מיר נישט קיין שאָד.

און איך וועל דעמלט ליגן
אַליין אין קבר רויק־שטיל:
סע וועט מיך צאַרט פאַרוויגן
אַ סאָלאָוויי מיט זאַנפטער שפּיל.
1941

## איך לאַך און וויין...

.1

ביסט צוגעוואַקסן, ווי אַ האַרב, צו מיינע פּלייצעס
און רייטסט, ווי אויף אַ פערד, מיר אויפן רוקן;
מיר בלוטיקן די ליפּן־ווינקלען אויף די לייצעס,
און כ'מוז אין כמאַרעס שטויב זיך אונטערטוקן.

און ביז מיין קבר וועסט אַזוי אויף מיר דערפאָרן, —
זיין חושך זאָל דיר זיין אַ שוואַרצער שפּיגל;
אַ מלאך וועט אַראָפּקוקן אויף דיר מיט צאָרן
און אונטערשפּרייטן מיר זיין ווייסן פליגל.

די וועסט אזוי אויף מיר דערפאָרן ביזן קבר,
און ס'וועט זיין טיפקייט דיך פון אים פאַרטרייבן;
אַ יעדער פאַלד פון די תכריכים אויף אַן אבר
וועט דיין פאַרברעכן שוואַרץ אויף ווייס פאַרשרייבן...

.2

איך בין פון דיר אַנטלאָפן — פון דיין בלוט און פלאַם,
ווי ס׳איז אַוועק דער נביא יונה צו דעם ים.
איך פיל: אַ פלעמל־שלאַנג פאַרפאָלגט מיך נאָך די טריט,
און ס׳צאַפּלט תּפילהדיק מיין האַרץ: — אַ, גאָט, פאַרהיט!
איך הער ווי ס׳בייזערט זיך מיר נאָך דער שלאַנגענער געציש...
— באַשעפער, גאָט! ווי יונהן, שיק מיר צו אַ פיש,
ער זאָל מיך אויסבאַהאַלטן אין זיין שוואַרצן בויך,
ביז אויסגיין וועט איר פייער־שלאַנג, פאַרגיין אין רויך... —
און תּיכף טראַכט איך מיט געשפּעט אויף זיך אַליין:
„אַ פיש אויף דער יבשה?!..״ און איך לאַך און וויין.

וואַרשע—קאָוולע, 1939—1941

## דאָס לעצט־ליד

דאָס איז די איינזאַמקייט, וואָס האָט מיט בייטשן מיך געטריבן
דיך אויסצוקוקן, בלאַנדזשענדיק, מיט בליקן אומעטום.
עס האָבן מיינע טריט אויף טראָטואַרן פאַלש געשריבן:
„פאַרסמט פון ליבע, זוך איך, ווי משוגע, זי אַרום!״.

כ׳האָב אָפּגענאַרט. נישט נידערטרעכטיק, ווייל — אויף זיך אַליין דאָך;
ביסט יונג און כישופדיק — אַז כ׳בין פאַרליבט האָב איך געמיינט.
די בליקן דיינע שטעכן מיך פון וויַיטן: „ביסט געמיין דאָך.
ווי גערן וואָלט איך דיך, אַקטיאָר פאַרשאָלטענער, פאַרשטיינט!״.

נו, וואַרף אַ שטיין. ס׳איז גרייט אים אויפנעמען מיין הייסער שאַרבן.
עס וועט אַ פלאַטער טאָן מיין בלוט מיט פרייד, ווי אַ פאַנטאַן.
ווייל, גלייב מיר, איידער לעבן איינזאַם, בעסער שוין צו שטאַרבן,
און זיין זאָל דאָס — אַ לעצט־ליד פון אַ גוסטדיקן שוואַן.

קאָוולע, 1939

## אויטאָביאָגראַפיע

מיין אויג — אַ בעכער שוואַרצער ליכט:
איך טרינק אויף לאַנגע יונגע יאָר!
די יונגט בליט אויף מיין געזיכט
כאָטש טוי־פראָסט זילבערט שוין די האָר.

***

כ'האָב יונגע יאָרן אָפּגעלעבט
אין פּיין און גרויל — אַ שוואַרצער ים;
תּכריכים ווייסע האָט געוועבט
אַ וואָרעם פֿאַר מיין פּוילן שטאָם;
נישט איין מאָל האָט מיין ווייס געביין
אין שוואַרצע נעכט דער טויט גענאָגט,
און ס'האָט ביי מיין מצבֿה־שטיין
מיין מאַמע שטיל און הייס געקלאָגט.

געיאָמערט האָט מיין לייב: „אַ קינד!
איך וויל נישט אויסגיין ווי אַ ליכט..."
מיין בלוט האָט זיך געכוואַליעט בלינד,
זיך אָפּגעזעצט אַ שיכט נאָך שיכט,
ווי שאַרפֿע הייוון, אין מיין גוף
און דאָרט געוּוירן, ווי אַ סם;
איז יעדע פּרוּוו געוועזן אַ רוף:
„דו ביסט אַ קנויט, און איך בין פֿלאַם!"
און ס'איז מיט מיר געשען אַ נס:
פֿון פּוילן שטאַם אַ לעצטער דור —
עס יאָגט דער טויט מיך נאָך עקספּרעס,
נאָר כ'לעב אין רגעס גאַנצע יאָר...

און דאָך האָט מיך די זון געשוינט,
באַשאָנקען אויך מיט העלער פֿרייד —
מיט לאָרבער האָט מיין קאָפּ באַקרוינט
די דיכטונג און געהיילט מיט רייד;
די ליבע האָט מיט אַראָמאַט
פֿון עפּל מיך פֿאַרשיכורט אָפֿט...

„געדענקסט נישט, מענטש, די וועלט כּמעט!" —
האָט דאָס געוויסן מיך געשטראָפֿט,
ביז כ'האָב דערשפּירט די גאָרע וועלט,
דעראָנט דעם קאַמף פֿאַר מענטשנס גליק.
און ס'האָט די פֿרייד פֿון קאַמף צעהעלט
מיין טיף אין זיך פֿאַרקוקטן בליק.

עס קלאַפּט אין טיר פון האַרץ די פּליכט,
כאָטש מיין באַוווּסטזיין איז נאָך גרין;
ער צייטיקט, וואַקסט, באַקומט געוויכט,
און ענדלעך ווייס איך ווער איך בין —
אַ זון פון פאָלק, וואָס גליט און שמידט,
אַ זון פון פאַר גאָרער וועלט און זיך.
מיין פאָלק איז יונג, זיין גאָרטן בליט —
בליט אויך אין אים זיין דיכטער — איך.

⁂

מיין אויג — אַ בעכער שוימיק ליכט:
איך טרינק אויף לאַנגע יונגע יאָר!
די יונגט בליט אויף מיין געזיכט,
כאָטש טוי־פראָסט זילבערט שוין די האָר.

קאָוולע, 1940 — לאָדזש, 1948

# נייע לידער

## סאַברעס

די שונאים — אייגענע — זיך פרייען:
— די סאַברעס זענען שטעכיק, שלעכט,
זיי געבן תמיד זיך גערעכט,
און „לא איכפת״ זיי* פרעמדע ווייען... —

יאָ... אויך אַזעלכע זענען דאָ,
נאָר איר, פאַר שוואַרץ בלויז האָט איר אויגן,
און בלינד איר זענט אויף ווייס, אויף בלאָ,
אויף פאַרבנשפּיל פון רעגנבויגן...

מיין אַלט־און־ניילאַנד איז נאָך קינד,
זיין מזרח האָט זיך קוים פאַרראָזלט, —
איז קרעבקט עס אונטער, פאָקט און מאָזלט

און ליידט פון אויסשיטן — פון זינד.
נאָר, צייט וועט אַלע קרעצן היילן, —
אין פרייד און נחת צו דערציילן.

גבעתיים, אָקטאָבער, 1963

## ליד פון אן עולה־חדש

איך נעם אַרום דיך, לאַנד, ווי אַ געליבטע,
מיט אויסגעשטרעקטע הענט און ווייטן בליק.
די טעג פון ליידן גרוי־באַטריבטע
מיט שמייכל דיינעם העלסטו אויף צוריק.

* ס׳אַרט זיי נישט, גייט זיי נישט אָן.

אין טעג פון פריידן הער איך דעם אָרקעסטער
פון דיינע פייגל, וועלכע יובלען: גליק!
די האָפנונג כאַפּט מיך אין די אָרעמס פעסטער
און גייט מיט מיר אַ טאַנץ צו דיין מוזיק.

מיין לאַנד, דו ביסט מיר אַ באַגערט־געליבטע
אין טעג פון פרייד און אויך אין גרוי־באַטריבטע,
און אַז איך בין שוין גראָ און אַלט, כ׳פאַרגעס;

מיין אַלטקייט אין דיין יונגקייט גייט פאַרלוירן —
איך בין אין דיר ווי אויף דאָס ניי געבוירן,
און יעדער נערוו מיין צאַפּלט: נס! אַ נס!

גבעתיים. אָקטאָבער, 1963

## ס׳וואָרע ווייסע לעבן...

ווען מיט דעם שנור פון ליידן מע זאָל מעסטן,
דאַן לעב איך שוין אַריבער טויזנט יאָר;
ווי ווער וואָלט האָבן אַ באַשלוס אַ פעסטן,
אַז וואָס דער טויט איז, כ׳זאָל נישט וויסן גאָר.

גאָר, ווי מיר! אין מיין ליידנפולער וואָר
איך ווייס נישט: וואָס זשע איז אַזוינס דאָס לעבן?
צי איז נישט גלייכער, צו דעם טויט צו שטרעבן
און ווילִיק טאָן צו אים אין שלונג אַ פאָר?

אין ליידן לעבן הייסט דאָך: טריטווייז שטאַרבן,
פאַרזוכן טראָפּנווייז דעם טויט אין האַרץ
און שפּירן ווי דער הימל נעמט זיך פאַרבן

פון בלוי אויף גרוי, פון גרוי אויף ברוין און שוואַרץ...
און אפשר גאָר — נאָך שוואַרצן טויט וועט געבן
צו מיר אַ שמייכל ס׳וואָרע ווייסע לעבן?...

גבעתיים. אָקטאָבער, 1963

## שלום על ישראל

וואָס שרעקט איר מיט די כנענים און די יורדים ?
דאָס זענען סגי־נהורדיקע מורדים,
און זיי באַדויערט בלויז די מוטער ציון
אין נסים־ונפלאותדיקן בליען.

זיי זענען עקרס, נישט זיך צום פאַרמערן,
און ס׳וועט די צייט זיי איינציקווייז פאַרצערן,
אַט ווי די זון פאַרצערט אַ וויסטן חלום,
און זיין וועט שלום על ישראל, שלום !

גבעתיים. אָקטאָבער, 1963

## איבערגעשטאַלטונג

„לא אָזוז ממקומי — איך וועל מיך פון מיין אָרט
נישט רירן, און אַ סוף זאָל עס נעמען.״
(פון רב לוי יצחק באַרדיטשעווערס „דיך־תורה״)

א.

אַ דאַנק דיר, מוזע, פאַר די לייכטע פליגל,
מיט וועלכע האָסט באַשאָנקען מיינע הענט ;
איך פיל דיין קוש, וואָס אויף מיין שטערן ברענט —
דיין הייליקער שליחותדיקער זיגל.

איך האָב אַ פאָך, אַ צי געטאָן צו וויטן,
מיט גלי אין בליק צום קאַלטן לאַנד געוועגדט ;
און, אָנגעקומען — מאָסקווע כ׳האָב דערקענט ;
כ׳פאַרבאָרג די פליגל פאַר דעם אויג פון לייטן...

איך זיץ אין אַ קאָנצערטזאַל. אויף דער בינע —
פאָל ראָבסאָן, ווי אַן עמוד־ענן, שוואַרץ ;
נאָר טוט ער אַ זינג־אויף פון סאַמע האַרץ,

פון האַרץ, וואָס אַנט נישט קיין געפיל פון שנאה
(צי איז עס גאָר פון מוסקולדיקן פלייש ?!) —
פאַרוואַנדלט ער זיך אין אַן עמוד־אש...

ב.

סע בלענדן, ווי שניי, זיינע ציין און... וואָס זע איך?
ס'רינט אויס זייער ווייסקייט אַראָפּ, ווי אַ באָרד!
ווער איז עס? נישט ע ר דאָך! איז ווער איז עס פאָרט,
דער ייד מיט דער באָרד? ס'איז אַ רבי — פאַרשטיי איך.

אַ שטאָלצער ער שטייט דאָרט — אַ גייסטיקער שררה;
די צוהערער זיצן געשמידטע צום אָרט,
מיט אָטעם פאַרכאַפּטן דערוואַרטן זיין וואָרט;
און אָט־אָ דערהערט מען: „איך, לוי בן שרה..."

באַרדיטשעווער רב איז פון יענער וועלטס וויטן
געקומען קיין מאָסקווע צו־גאַסט, אין די פּרעסט;
באָר פלאַמיק זיין וואָרט איז פון ווי און פּראָטעסט.

ער האָט אַ דין־תורה מיט גאָט און מיט לייטן
פאַר יידן, ער טענהט אָן מינדעסטער שרעק:
פאַר וואָס קומט זיי פייניקן גאָר אָן אַ ברעג?!

ג.

ס'איז נישט קיין קאָנצערטזאַל, דאָס הויז — אַ בית־תפילה;
מתפללים שטייען אין טלית געהילט;
די הערצער — ווי בעכערס, מיט טרערן געפילט;
און האָפנונג מיט פאָרכט איז געמישט, ווי צו נעילה...

ווער העשעט? ווער וויינט? איך אַליין און מיין שכן;
באָר פיין אינעם האַרצן ווערט ענדלעך געשטילט:
מיר וויסן: ס'האָט גאָט דעם דין־תורה פאַרשפּילט;
מיר יובלען רב לויס געשריי פון נצחון:

„אָן עק זאָל עס נעמען!" — אַ קנאַל פאַטשערייען,
און ס'נעמט נישט צום יובל־געשאַל גאָר קיין עק — —
און ווו איז רב לוי? ער איז שוין אַוועק?...

סע צינדט אין מיר אָן זיך אַ ליכטיקער רעיון:
סע שטייט דאָ רב לוי אַלס ראָבסאָן פאַרשטעלט, —
זיין מאָנונג זאָל הערן די גוישע וועלט...

גבעתיים. יאַנואַר, 1964.

## אין דער נידער

דו האָסט מיר נישט געשענקט קיין אָדלער־פליגל
און נישט געבענטשט צו פליען ווייט און הויך, —
איז העלף מיר — שטיגן מויערן פון ציגל,
אויף זיי צו שטייגן מיטן לעצטן כוח.

עס עקלט דאָס געמויזעכץ אין דער נידער,
צו פויזען, ווי אַ וואָרעם, פּרעסן ערד, —
איז ווײַנט צו דיר מיין לייב פון אַלע גלידער,
און יעדער טראָפּן בלוט צו דיר באַגערט.

ווי ס׳גאַרט אין דורשט אַ זויגלינג צו דער מאַמען,
דעם ווייסן האָניק זייגן פון איר קוואַל,
מיין זעל, געצונדן פון דיין ליכט, נעמט פלאַמען,
רייסט אויף... אַ שטערן־שיט און אַ צעפּאַל...

ווי גליי־שטיינער זיי פאַלן צו דער נידער
און בלייבן ליגן אויסגעלאָשן — קויל, —
צעווײַנט מיין לייב־און־בלוט זיך ווידער,
און מיין נשמה שווידערט אויף אין גרויל.

אַ, העלף מיר זיי פאַרקנעטן אין די ציגל,
די שטיגן אויפצושטעלן פאַר מיין גאַנג,
איך זאָל צו דיר, כאָטש נישט געבענטשט מיט פליגל,
דערגרייכן מיט געוויין און מיט געזאַנג.

גבעתיים, פעברואַר, 1964

## די נישט־דערפּאַרבטע טיר...

איך קוק אַריין אין זיך, אין טונקל פון זכרון,
ווו פאַרביק שימערן די ווייטע קינדער־יאָרן.
סע הענגט אַ ווייסע טיר דאָרט, נישט דערפאַרבט אין ווינקל, —
און אַ דערמאָנונג טוט אין אים זיך אַ צעפינקל:
די היים... די ווייס־געפאַרבטע טיר פון אונדזער שכן,
דעם רופא מאיר, וואָס אין סאַמע אין דער וואָכן
גייט אויסגעסטרויעט, אין באַגלייטונג פון זיין היטל —
האַלב־גוי, האַלב־ייִד, און ס׳לויפט פאַר אים אַ גוייש פינטל...

יום־כּיפּור נאָר אין בית־המדרש דאַוונען גייט ער,
און מיטן פינטל ייד אין האַרצן שטייט ער
אין פּאַליש... האָרכט זיך איין צום חזן פון דער ווייטן...
— זיין נישט־דערפּאַרבטע טיר, — איך פרעג — וואָס דאַרף באַדייטן? —
און ס׳ענטפערט מיר אבּלותדיק די באָבע פּינע,
ווי אויסגעזיפּצט אַ פּסוק פון איר אַלטער קינה:
„אויףביידע חורבנס ס׳איז אַ זכר פון אבלות...
דאָס פאָלק איז קראַנק פון גלות. גאָט אין הימל, הייל עס!..״ — —
און איצטער, ווען איך בין אַרויס שוין פון דעם גלות,
דעם „גאָט־געבענטשטן״ מיט די תוכחהקע קללות,
ווען ס׳איז אַרויף אין הימל, ווי אַ קאַרעטע פון פלאַמען,
דעם רופאס שטוב, מיט אַלע שכנישע צוזאַמען,
בעתן אומקום פון מיין שטאָט אין שטיפלאַנד פוילן,
געבליבן איז, ווי אַ דערמאָנונג אין די גרוילן,
די נישט־דערפּאַרבטע טיר אין מיין זכרון שטעקן —
זי זאָל דעם טרויער אויפן דריטן חורבן וועקן...
גבעתיים, פעברואַר 1964 ..

## פריינדשאַפט

מיין חבר, דיכטער איקס

איך האָב געזוכט אַ ביסל פריינדשאַפט —
צו וואַרעמען אין איר אַליינקייט מיין נשמה,
און בין צו דיר געגאַנגען —
זי געפינען.
נאָר ס׳איז דיין טיר געשטאַנען אַ פאַרמאַכטע,
אַ טויבע, ווי אַ בער אין שלאָף אום ווינטער, —
אומזיסט מיין קלינגען און מיין קלאַפּן.
איך בין אַוועק
און — נאָך אַ מאָל געקומען;
דיין טיר — דער זעלבער בער.
כ׳האָב אין געמיט אַ רעטעניש אַוועקגעטראָגן...
לסוף איז דער באַשייד געקומען:
דו האָסט אויף שפּינוועבס פון געמורמל און השערות
זיך אויסגעדמיונט פאַר דיין פריינד אַ שולד־אַקט
און הינטעראויגיק אים געמשפּט און פאַרמשפּט...
דו האָסט געזען מיין פּנים דורך דעם טיר־אויג,
און טויב געוועזן פאַר מיר איז נישט דיין טיר בלויז.

נאָר אויף דיין האַרץ,
און — „זאָל מיין שוועל דער הונט נישט איבערטרעטן!"

***

אַפילו אַ פאַרמשפּטן פאַרברעכער
ווערט אויף דאָס לעצטע וואָרט געגעבן, —
זאָל זיין דאָס ליד
מיין וואָרט דאָס לעצטע:
כ'בין קעגן דיר אין גאָרנישט שולדיק!
איז דאָ אַ גאָט, וואָס משפּט און דעם שולדיקן באַשטראָפט ער, —
איז זאָל ער משפּטן דיין חבר,
און — איז ער שולדיק —
אים שטרענג און האַרב באַשטראָפן,
כאָטש שוין, נאָך פאַר זיין משפּט, איז באַשטראָפט ער...
און דיך —
איך ווינטש דיר נישט, ער זאָל דיך פאַר זיין משפּט שטעלן...
אויף איך אַליין —
איך שטעל דיך נישט צום משפּט,
כ'געפין פאַר דיר פאַרענטפער:
דו ביסט אַ דיכטער, אַ בעל־דמיון...

***

דער סם פון דיין באַליידיקן אין מיין נשמה —
אַ פּראָסטיק פלעמל, וואָס פאַרצערט זי;
און ס'ברויזט מיין בלוט צעפּייניקט אין מיין האַרצן,
ווי ס'בלוט פון נביא זכריה...
דאָס האָבן דיינע הענט עס, פריינד,
בשוגג, נאָר אומזיסט פאַרגאָסן:
פאַרוואָר, איך בין אַקעגן דיר נישט שולדיק!
און כ'שרייב אַ פּסוק צו צו מיין צוואה:
„איך בעט, אַנשטאָט די שערבלעך לייגן
אויף מיינע צוגעמאַכטע אויגן
דאָס ליד":
סע וועט מיר דינען פאַר שפּאַקולן
צו קוקן גלייך דעם שעפער אין די אויגן,
ווי כ'קאָן ערשט קוקן גלייך אין דיינע...

גבעתיים, פעברואַר—מערץ, 1964

## מאנדלצוויט

דער הימל, פאַרוואָלקנט, מבשׂרט אַ רעגן,
וואָס איז גאָר פאַר קיינעם נישט נייטיק.
פאַרבאַרגענע שלענגלען זיך אומעטן־שטעגן
צום האַרצן מיט אָדערלעך ווייטיק.

נאָר מאַנדלצוויט שמייכלט דורך שויב מיר אַנטקעגן,
ווי פלאַטערלעך ווייסע און ראָזע:
„די זון שיקט דיר גרוסן פון יענער זייט רעגן
און קוועלט דורך מיין יעטווידער לאָזע...״

דאָס פאַרביקע בליעכץ צעפליסט פאַר די אויגן,
און פּלוצעם עס מאָלט אויפן הימל אַ בויגן
פון זיבן קאָלירן נחמה;

דאָס גרוי איז געמיט נעמט פאַרבלאַסן, צעגייט זיך,
דאָס האַרץ זיך צעקנאָספּלט, צעשמייכלט און פרייט זיך:
מיט מאַנדלצוויט שמעקט מיין נשמה...

גבעתיים, מערץ, 1964 ..

## רבי חיים וויטאל

(פּאָרטראַכט אין זיין „ספר החזיונות״)

### א.

דיין הייסע גאַרונג — עולה זיין לגדולה
האָט אויפגעבליט: אַ רויז אין טוי פון דיין געוויין:
אין דורשט פון לעכצונג נאָך דעם פאָלקס גאולה
האָסט אויסגעחלומט אַלס דעם גואל זיך אַליין.

דיין וואָר האָט זיך געדעמערט מיט חלומות,
דיין חלום מיט התגלות פון דער וואָר — געהעלט.
פלעגסט נידערן אין מיסטישע תהומות,
ביז ס'האָט דיר זון און לופט צו אָטעמען געפעלט.

דיין וואַך־זיין איז געווען אַ האַלבער דרימל,
די ערד אין נעפל־בלוי — אַ האַלבער הימל,
האַלבמענטש־האַלבמלאַך־צווילינג — דו אַליין,

וואָס צווישן זיך די העלפטן אָן אַן אויפהער
זיך ראַנגלען, ווי אַ מאמין מיט אַ כופר,
און הינקענדיק זיך לאָזן קעגן גואל גיין...

ב.

אין דעם געוועב פון דורות פילסט דיין זעל — אַ פּאָדעם
פון גאָלדשימער, פאַרוועבט דורך דעם באַשעפערס האַנט;
און, מיטן כוח פון אַנטבלויזן זיך פון גוף, וואָלסט זיין אימשטאַנד
געניסן פון גן־עדן אין געשטאַלט פון אָ ד ם.

נאָר ס'האַלט דיין גופישקייט די זעל געפאַנגען... פּחדים
דיך וואַרפן, ווי אין כף־הקל, פון ראַנד צו ראַנד:
ווי איז מען אים, דעם גוף, מטהר פון זיין שאַנד?
ווי העלפט מען מיט געבעט און דעם באַשעפערס גנאָד אים?

און פייניקסט אים, דעם פיינט, דעם שותף דעם פאַרהאַסטן,
מיט נעכט פאַרוואָגלטע פון שלאָף, מיט טעג אין פאַסטן,
ביז וואַנען ביסט אים מנצח, ווערסט זיין האַר:

די זעל — צעיובלט, פריי פון זיינע שווערע לאַסטן;
דער גוף — אַן אויסגעליידיקטער, ווי נוחס קאַסטן,
נאָך דעם ווי ס'האָט דער וועלט געמיטן די געפאַר...

גבעתיים, מערץ—אַפּריל, 1964

## צו אַן ערב־יורד...

צוליב דיין שלעכטן האַרצן זעסטו: אַלץ איז שלעכט!
און ס'בעסטע פונעם גוטן איז פון דיר פאַרהוילן;
ווען כ'טייטל־אָן: אָט דאָס איז שיין און רעכט, —
אין קיין פאַל קאָן איך עס ביי דיר בישט פועלן.

און רק דו קראַקעסט, ווי אַ שוואַרצע קראָ,
און בלאָזט פון זיך מיט גאווה פון אַ מורד;
דו זעסט אויף אונדזער פאָן אויך שוואַרץ דעם בלאָ,
און מאַכסט אַן ערשטן טראָט צו זיין אַ יורד.

דיין קראַקען וואַרפט אויף קיינעם נישט קיין שרעק:
ס'איז פרעמד אונדז געצנדינסט און איבערגלויבן, —
נאָר פלי, וואָס שנעלער פלי פון לאַנד אַוועק:
נישטאָ קיין אָרט פאַר קראָען צווישן טויבן.

פֿאַראַט וועט זיין דיין קראַקען אין דער פֿרעמד,
דאָס פּנים פֿון דיין היימלאַנד וועסט פֿאַרשוואַרצן,
נאָר ווערן וועט דיין פֿאַלשקייט שנעל דערקענט —
קיין נעסט געפֿינסטו נישט אין קיינעמס האַרצן.

ערשט ווען די פֿרעמד וועט ווייך מאַכן דיין קעל,
און שטאָט צו קראַקן וועסטו וואַרקען נעמען,
דיך אָפּוואַרטן מיט ברודער־בענקשאַפֿט כ׳וועל, —
סע וועלן דיך די טויבן נישט פֿאַרשעמען...

גבעתיים, מערץ—אַפּריל, 1964

## עבודה־זרה

„כל הכועס כאלו עובד ע״ז״ (רמב״ם, הלכות דעות, פרק ב׳) —
ווער עס צאַרנט, ווי ער וואָלט דינען ע״ז.
„כעס איז עבודה זרה״. (יידיש שפּריכוואָרט)

אוי, וואָרער גאָט, וואָס ס׳איז פֿון מיר געוואָרן!
— — — — — — — — — — — — — —

דער כעס מיין פּנים האָט מיט גלי געפֿאַרבן,
אין האַרץ די יוכע אויפֿגעקאָכט, פֿאַרדאַרבן,
און מיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ געטש פֿון צאָרן; —
אַליין — דער געטש, אַליין — דער קרבן.

און נאָר צו זוללן־און־סובאָן ווייס איך,
מיט רשעות זידן, שפּריצן; כ׳בין דער מולך,
מיין אייגן איינגעווייד פֿאַרברען, פֿאַרקנויל איך
און זויף מיין אייגן בלוט — דעם יין־נסך,
און, נישט געזעטיקט, דורשטיק גרויל איך.

אוי, וואָרער גאָט, וואָס ס׳איז פֿון מיר געוואָרן!
— — — — — — — — — — —

אַצינדער, ווי אַ האַלעוועשקע, ליג איך
און רייכער זיך אין שולד; מיט זיך זיך קריג איך
און וועק אומזיסט, מיט שפּאָט, צו זיך מיין צאָרן:
כאַ־כאַ... דעם ט ו י ט ן געטש באַזיג איך...
נו זע, וואָס ס׳איז פֿון דיר געוואָרן!

גבעתיים, אַפּריל, 1964

## שטיינער

קיין גאָלד איך האָב אייך, אמת, נישט געגיבן,
ווייל אָרעם בין איך, ווי אַ נאַכט אָן שטערן,
פול שרעק: ס'ווערט פינצטערער נאָך ווערן!...
נו, יאָ: איך בין אייך אַ בעל־חוב געבליבן;

כאָטש ליבשאַפט צאַרטע אייך אין האַרץ געשריבן,
נאָר זעלטן זי געלאָזט מיט וואָרט אייך הערן; —
האָט איר באַצאָלט פאַר איר, ווי טרייע בערן,
און מיך מיט שאַנד פון אייער שוועל פאַרטריבן.

און ווען כ'שפּאַציר אַליין אין פעלד, — געבויגן
איך שלייך מיין וועג, מיט בלאָנדזשענדיקע אויגן,
וואָס פון די היילן גלאָזיק־פינצטער שטאַרצן;

סע שעפּטשען שטיל די ליפּן: „שטיי נאָר, שטיי נאָר...
פאַר גאָלד פון ליבשאַפט צאָלט מען אָפּ מיט שטיינער?"
מיין בלוט פאַרשטיינט־פאַרשטיינערט ווערט אין האַרצן.

גבעתיים, אַפּריל, 1964

## ביי א בוך פון א טויטן פריינד

אברהם מאַרעווסקין, ז"ל
צו די שלושים

...דו ביסט געווען, און... ביסט נישטאָ?
אויך איך בין דאָ, און... וועל נישט זיין?...
דער צווייפל בייסט אין מיר זיך איין,
און מיין נשמה צאַפּלט־אויף אין פּיין.
ווי מיט אַ מאָל בלענדט־אויף דיין בוך מיט ווייסער שיין;
ווי כ'וואָלט דערהערט פון טיפער הייך דיין שטים:
„כ'האָב מיין געדאַנק און מיין געפיל,
אין זייער שותפותדיקער שפּיל,
מיט אות און וואָרט
אין שורות פון מיין בוך פ אַ ר וו אָ ר ט, —
פאַרלייען זיך אין אים, און זעסט: כ'בין דאָ —
כאָטש אומגעזעען, ווי די לופט אויף בערגשפּיצן אין שניי —
פאַר דיר, פאַר איר, פאַר זיי.

ווער מיט די שורות גייט בייַנאַנד,
ווּוהין זיי ציען,
דערזעט מיין גייסטיק לאַנד
אין שעפערישן בליען,
ווי ס'צייטיקן די פירות אין דער לופט, —
און אָטעמט זייער דופט".

דורך שמייכל אויף מיין פּנים, מילד צעשיינט,
כ'זיפץ אָפּ מיט ווייטיק טיפן:
— נו, רעכט, מיין פריינד, נו, פיין און גוט,
נאָר אויסגעלאָשן איז דיין מאַרך־און־בלוט, —
ווי ווּעסטו אויסשפּילן געדאַנקען און געפילן פון דיין טויטן היינט?
האָסט אויסגעלאָזט זיך, ווי אַ טייך
אַ פליסיקער, מיט וואַסער רייך,
וואָס האָט געטראָגן שיפן...
ביסט דאָ... בלויז דער, וואָס איז ג ע ו ו ע ן,
נאָך איידער ס'איז מיט אים געשען —
דער טויט — —

די ווייסע שיין פון בוך האָט זיך צעבלויט
מיט גלאַנץ פון דיינע בלויע אויגן,
ס'האָט ווידער פון דער טיפער הייך געצויגן
די מילדקייט פון דיין שטים:
„אַז וואָס איז דען דער גוף? — אַ גרים;
ווען אָפּגעווישט דער גרים, ווערט אויס דען דער אַרטיסט?
צי מ י ט ן גוף, צי אָ ן אים — ביסט, בן־אדם, וואָס דו ביסט...
דער א י ך און ד ו און ע ר איז בלויז אַ טרוים,
כל־זמן דער גוף איז צווישן זעל און זעל אַ צוים;
ווי נאָר סע טוט דער צוים אַ פּאַל אַוועק,
גיט באַלד דער איינס־פון־גייסט זיך אַן אַנטפּלעק, —
דער איינס דער אומבאַנעמלעך־גרויסער — —
ווו א יי נ ס, איז תמיד ר ו און ש ל ו ם —
דאָס לעבן אינעם גוף איז — ח ל ו ם,
דער טויט — זיין פּ ו ת ר" — —

איך בין אין גייסט מיט דיר זיך, פריינד, מתייחד.
ס'לעשט אויס אין מיר זיך פאַרן טויט דער פּחד.
די בלויע אויגן דיינע — הימל,
און מיין געמיט — אַ וואָלקנדל אויף אים — פאַרזינקט אין דרימל...

גבעתיים. אַפּריל, 1964

# צו א זעלבסטמערדער

„...צי דאַרף איך בעטן דעם רשות
ביים הפקר פון לית־דין, לית־דין?" — —
געבליבן דיר בלויז איין גענוס:
פון גאָר דיין פּיין זיך צו באַפרייען.

און האָסט באַפרייט זיך פון דעם זכות
צו זיין אַ גאַסט ביים טיש פון לעבן,
וואָס, שטאָט אַ בעכער פול גענוס,
האָט דיר אַ קוואַל פון צער געגעבן.

האָסט אין פאַרצווייפלטן געפעכט
מיט שאַרף אין האַרצן ז י ך געטראָפן, —
איז ווער צו משפטן האָט רעכט
און מיט פאַראַכטונג דיך באַשטראָפן?

ס'פאַרנעמט מיין האַרץ דעם לעצטן שלאָג
פון ד יי ב ע ם פון פאַרהוילטע ברייטן;
פון ערגעץ ווידערקולט אַ קלאָג —
דיין מיטה קלאָגערינס באַגלייטן.

און ס'נאָגט אַ וואָרעם מיין געמיט:
צי האָסטו זיך באַפרייט, בן־אָדם?
צי קאָן זיך איבעררייסן אין דער מיט
פון אייביקייט־געוועב אַ פאָדעם?

מיין ברודער אין יסורים, פּיין!
צי ליידסט שוין מער נישט, ווי געליטן?
צו ב י ש ט האָסט זיך געמאַכט אין ז יי ן,
צי בלויז זיך פאָרעמלעך געביטן? — —

די ערד פאַרשיט האָט דיין געביין,
און ווערעם וועלן עס צעפרעסן, —
נאָר ס'לעבט דיין ליכט, די וואָר אַליין,
אין אַל די אייביקייט־פּראָצעסן...

גבעתיים. אַפּריל, 1964

## זיבן העלע ליכט...

לזכרון „די זיבן" נוטרים, און די „זיבן"
צנחנים, וואָס האָבן מיט מסירת־נפש
מקיים געווען דעם: „כרמי שלי... נטרתי".

זיבן העלע ליכט אין גילדערנער מנורה
אָנגעצונדן האָט דער כוהן־גדול — טויט,
שעפּטשענדיק: „נשמה ליכטיקע, טהורה,
לויכטן וועסט אין לאַנד ביי יעדער פרייד און נויט.

„כ'האָב פון טאַטע־מאַמע דיך אַוועקגעריסן,
אָבער שיינען וועסטו שמייכלענדיק: דו ווייסט,
אַז דיין ליכט, וואָס וועט צו ווייטע דורות פליסן,
זיין וועט זיי אַ זאַלב פון היילנדיקער טרייסט.

„ס'וועלן פאָלק און לאַנד דיין טאַטע־מאַמע ווערן,
ווייל דיין לעבן וויליק האָסט געשטרעקט פאַר זיי; —
דורך וואָל, געוועבט פון פרייד־שימער און טרערן,
וועסטו בלענדן זייער בליק, ווי חרמון־שניי..."

גבעתיים. אַפּריל, 1964

## אן אלטער מאן צו זיין יונגער פרוי

### אַ קלייד אַ ווייס

דו נייסט זיך אויף אַ קלייד אַ ווייס, —
עך! טראָג געזונט עס און צערייס, —
ווי וואָלסט זיך צו דיין חופּה גרייטן;
צי פילסטו שוין: איך גיי אַוועק
מיט יענעם סודותדיקן וועג,
ווו מיט געוויין וועסט מיך באַגלייטן?

וואַרטסט אָפּ מיט אומגעדולד דעם טאָג,
ווען וועסט מיט צביעותדיקער קלאָג
מבשר זיין דיין האַרץ: „זיך גרייטן!
ער גייט אין קבר באַלד אַוועק,
וואָס עפנט פריי פאַר דיר דעם וועג,
און פריילעך קאָן איך אים באַגלייטן..." ?

וואָלסט אָנגעטאָן דאָס ווייסע קלייד
צו מיין לוויה מחמת פרייד,
ווען וואָלסט נישט שעמען זיך פאַר לייטן?
אויך מ יי ן קלייד בלענדיק־ווייס וועט זיין,
און... מישט דער שטן זיך אַריין —
ער קאָן די יוצרות נאָך פאַרבייטן...

דו נייסט זיך אויף אַ קלייד אַ ווייס, —
עך! טראָג געזונט עס און צערייס, —
איך ווינטש עס דיר פון גאַנצן האַרצן,
ווייל... כ׳האָף נאָך לעבן לאַנג. איך האָף:
צעפּאַלן וועט דיין ווייסער שטאָף,
און וועסט פאַרטוישן אים אויף שוואַרצן.

## א שוואַרצער מלאך

איך ווייס שוין ו ו ע ר און ו ו אָ ס דו ביסט:
ביסט נישט קיין פרוי... אַ שווארצער מלאָך!
מיין טראָט מיט גיהנום־בליקן בריסט
און שאָדנפריידיק וואַרטסט: אָט פאַל איך...

דיין סגי־נהורדיק געבענטש
באַגעגנט מיך אין פריען מאָרגן
און זידלסט: „ביסט דער ערגסטער מענטש,
כאָטש אין אַ צדיק־פּעלץ פאַרבאָרגן..." — —

זיי ווייסן: כ׳קום שוין אָפּ די זינד
מיט גאָר דיין פּייניקן מיין לעבן;
כ׳וועל קומען לויטער, ווי אַ קינד,
אין ליכט פון יענער וועלט צו שוועבן.

אויב פליסטו נאָך מיר אויך אַהין, —
דיין שוואַרץ וועט ווערן ווייס, ווי קאַלעך,
ווען פלוצעם וועסט פאַרשטיין דעם זין
פון דיין שליחות, שוואַרצער מלאָך.

ווי שווער ס׳וועט זיין דיר דעמלט, שווער!
וועסט צאַפּלען מיט די שווערע פליגל
און אויסדריקן אַ תשובה־טרער:
„זאָל זי זיין מיין נחמה־שפּיגל..."

גבעתיים, אַפּריל־מאַי, 1964

# מיין פאָלק

מ'האָט דיך געשיקט צום טויט, —
ביסט, עקשן, נישט געשטאָרבן;
כאָטש ס'האָט דיין בלוט אויף רויט
דעם הימלבלוי געפאַרבן.

ס'איז פעסט אַזוי געשטעלט:
פאַרגעסן די, וואָס שטאַרבן! — —
כדי סע זאָל די וועלט
פון טרויער נישט פאַרדאַרבן,

דער טויטער ווערט פאַרווישט
פון דעם זכרונס ספר.

קשה־עורף! דו האָסט נישט
פאַרגעסן... היטסט מיט אייפער

דעם אָנדענק פון דעם גליד,
וואָס מ'האָט פון דיר פאַרשניטן;
דו האָסט אים נישט פאַרשיט
און וועסט אים נישט פאַרשיטן!

ער לעבט ביי דיר אין בלוט
און שטראַלט פון דיין זכרון —
אַ שטערן־ווונק אויף מוט
און שעפערישע יאָרן...

גבעתיים, מאַי, 1964

# צו א סאברע א יונגער יולדת

איך הער דיין באָבען פון אַ מאַסן־קבר וויינען
(אויך פרעמד געביין וויינט־מיט מיט איר געביין):
„האָסט, קינד, פאַרשעמט מיך, שטאָט מיך צו באַשיינען, —
כ'בלייב ווייטער אָן אַ נאָמען, ווי אין פעלד אַ שטיין.

„ביים לעצטן צאַפּל, שוין צום טויט זיך אויסגעצויגן,
ווען ס'טוט מיין שאַרבן אַ פאַרכלינע זיך מיט שוואַרץ,
איז, ווי אַ בליץ, דיין זכר פאַר מיין בליק געפלויגן,
האָט, ווי אַ פונק, זיך איינגעטוליעט אין מיין האַרץ:

— דיין אייניקל וועט אויפשטעלן דיין נאָמען
אין לאַנד אין הייליקן... ער זאָל דור־אויס, דור־איין
מיט פרייד און טרייסטונג שאַלן: „אויך דעם נייעם המן
איז נישט געראָטן, באָבע, אויסלעשן דיין שיין!... —

„באַר דיר זעט אויס פראָסט־וואָכעדיק מיין גלות־נאָמען,
און טראַכסט זיך אויס אַ שבתדיקן — שפּאָגל־ניי; —
ווען האָסט דיין קינד גענאָמענט, האָט געפרייט זיך... המן,
ימח־שמו!... און איך האָב שטיל געוויינט דערביי...

„צי טאַטע־מאַמע האָבן דיך אַזוי דערצויגן —
זאָלסט אויסמעקן דעם „כבוד" פון די צען געבאָט
צו זיידע־באָבע פונעם גלות, און די אויגן
אַוועקקערן פון זיי פאַרשעמט, מיט קאַלטן שפּאָט?...

„סע האָט דער טויט מיך אָנגעטאָן דאָס קלייד פון קדושה,
און פון גן־עדן אָפן איז פאַר מיר די טיר,
נאָר דו — דערמאָנט מען דיר די באָבע, ווערסט פון בושה
מיט רויטס באַגאָסן! מיר זאָל זיין, מיין קינד, פאַר דיר..." —

איך הער דיין באָבען פון אַ מאַסן־קבר וויינען
(אויך פרעמד געביין מיט איר געביין וויינט־מיט);
און די גאולה, וואָס דעם גלות קומט באַקריינען,
אין שטויב, פאַרשעמט־פאַרשולדיקט, פאַר דעם גלות קניט...

גבעתיים, מאַי, 1964

## קאָרטנשפּילער

זיי זינקען הייס־פאַרטיפט אין קאָרטנשפּילן;
ס׳פאַכט איבער זיי דעם טייוולס שוואַרצע פאָן;
דאָס בלוט יוירט־אָן מיט סם אין די געפילן,
און יעדער  ש ט אַ ר ב ט  צו אויסנעמען דעם קאָן.

די בירגערפליכט, די היים און קינד פאַרגעסן,
דאָס רויע האַרץ אין ווילדפלייש זיך פאַרקערט,
שווילט־אָן מיט גליי; זיי שפּילן ווי באַזעסן,
און קיינער הערט נישט, וואָס דער אויער הערט —

דעם טייוולס שפּאָט: „איר לעבט... איר שטאַרבט... אין טעות,
בעת איר דאַכט: איר הרגעט בלויז די צייט
אין הפקרדיקן רייץ פון שפּיל אין מעות, —
מיט יעדן קאָן אַ זעלבסטמאָרד איר באַגייט".

ער נעמט אַ קאָרט, שפּילט־מיט מיט זיי צוזאַמען:
„כ׳שטעל געגרן אייך אין קאָן מיין שוואַרצע פאָן!"
נאָר זיי, פאַרבלענדטע פון די תאווה־פלאַמען,
קיין איינער זעט עס נישט, אין מאָרד פאַרטאָן.

גייט אויס די נאַכט אין גסיסהדיקן פיבער
און שליסט די אויגן קעגן מאָרגנרויט ;
אַ זונשטראַל ציטערט דין אַהער אַריבער
און זעט : די קאָרטנשפּילער זיצן טויט ;

דער טייוול פּרעפּלט שמייכלענדיק אַ קללה
און טוט אַ דעק זיי איבער מיט זיין פאָן :
„תכריכים שוואַרצע... ס׳קומט שוין די „עגלה"
צום אויסנעמען דעם לעצטן טויטן קאָן..."

גבעתיים, שבועות, תכ"ד (1964)

## די יידישע העלען קעלער* אין געטא

(צעשאָטענע בלעטלעך פון איר לידבוך)

"באַוועגונג

ס׳איז ד י וועלט מיר אַ מאָדנע י ע נ ע וועלט,
און דאָך אויף ד ע ר זייט גרענעץ פונעם טויט ;
מיט קלאַנגען און קאָלירן זי בישט העלט,
נאָר כ׳נעם זי אויף מיט אָטעם און מיט הויט.

ב אַ וו ע ג ו נ ג, וואָס דעם צושטאַנד ר ו פאַרבייט,
איז — ל ע ב ן, וואָס געווען און איז, וועט זיין ;
אויך ר ו איז בישט דער טויט : סע שטראָמט די צייט —
די צייט אין לעבנסצוג אויך ר ו שפּאַנט איין.

איך שפּיר : ס׳איז אויך אַ שטיין אַ זאַך וואָס לעבט,
ווייל אָט־אָ קייקלט ער זיך, פליט און פאַלט ;
צו וואַרעמקייט פון זון ער גאַרט און שטרעבט,
און אינעם שאָטן איז אים אומעטיק און קאַלט.

מאַי, 1935" (געשריבן מיט טינט־און־פעדער)

* העלען קעלער — באַרימטע וואונדערבאַרע פרוי, וועלכע האָט גובר געווען אירע מומים — טויבקייט און בלינדקייט — און אפילו פאַרעפנטלעכט עטלעכע אויטאָ־ביאָגראַפישע ווערק ; איר לעבן האָט זי געהייליקט צו פאַרבעסערן דעם צושטאַנד פון די בלינדע.

### „קלאַנג און קאָליר

מע לערנט מיך, אַז קלאַנג, קאָליר איז דאָ,
נאָר נישט פאַר מיר, ווייל איך בין טויב און בלינד, —
„פאַרשטייסט?" — איך שאָקל טרויעריק אויף י אָ
און מיין: איך בין געשטראָפט... (פאַר וועלכע זינד?)

מסתם איז דאָס ב אָ ו ע ג ו נ ג אַזאַ מין,
וואָס גרייכט נישט צו מיין אָטעם און מיין הויט,
סע האָט נישט קיין גערוך, וואָס זאָל דין־דין
פאַרגיין אין נאָז... כ'בין נישט פולקאָם דערבויט.

נאָר כ'גלייב: ס'איז ד אָ, ווי דער באַשעפער גאָט,
וואָס אַ ל ע גלייבן, אַז ער איז פאַראַן,
און בעטן אין זיין היכל זיין גענאָד,
און גייען אונטערטעניק אין זיין שפּאַן.

יוני, 1937" (געשריבן מיט טינט־און־פעדער)

### „וואַסער, פלאַם און בלוט

איך ווייס שוין: וואַסער האָט נישט קיין קאָליר,
כאָטש ווען מ'איז דאָרשטיק — אַך, ווי ס'איז באַטעמט!
און פלאַם און בלוט איז רויט, — איך שפּיר עס, שפּיר,
ווי ס'פליסט און קרייזט אַרום אין לייב צעפלאַמט...

יולי, 1938" (געשריבן אויף אַ שרייבמאַשינקע)

### „פּחד — און אימה־קאָלירן

סע האָט דאָס פלאַמיק־רויטע בלוט אין מיר
אויף פּחדים־שוואַרץ געביטן זיין קאָליר.
פון דרויסן קריכט וואָס אָן, ווי פעך, געדיכט,
אָן מינדסטן שימער, אָן אַ פינקל ליכט,
און בלאָנדזשעט אום אין לייב פאַרסאַפּעט־שווער —
אין טונקל פון אַ וואַלד אַ שוואַרצער בער...

— — — — — — — — — — — — —

מלחמה!... יעדער פאָדעם לייב מיינס הערט:
ס'צעשערבלט זיך דער הימל, פאַלט אויף דר'ערד,
דעם שוידער פון מיין לייב און קאַלט געביין
באַצווינג איך מיטן ווילן אין די ציין.

— — — — — — — — — — — — —

און פלוצעם — שאַ... ס'איז אַלץ פאַרגליווערט, שטומט.

דער פחד וועפט זיך אויס, און — אימה קומט:
דער נאַצי!... ווו ער טוט זיך אַ באַווייז,
ווערט יידיש בלוט פאַרפרוירן, שטייף, ווי אייז.

סעפטעמבער, 1939" (געשריבן מיט בלייפעדער)

## „געטאָ און הונגער

סע פיקט אין שפיץ פון האַרץ אַ שוואַרצע קראָ:
אין געטאָ איז דער הונגער מיט אונדז דאָ.

— — — — — — — — — — — — — —

איך הונגער, שמאַכט פאַרחלשט אויפן בעט,
איך בין אַליין דער הונגער — אַ סקעלעט.

— — — — — — — — — — — —

ס'טריפט אָפּ פון מיר מיין לעצטער לעבנזאַפט —
דער פחד פאַרן טויט פאַרלירט זיין האַפט.

סוף זומער, 1941"

## „ערב...

געגוג געלעבט שוין, אָפּגעלעבט שוין שפּאַר —
איך ווער דאָך אַלט שוין פינף און דרייסיק יאָר.
שוין נישט געבליבן קיינער... איך אַליין...
כ'בין גרייט שוין, טויט, און... קום צו גיין...
ביסטו עס, מ אַ מ ע ה ע ל ע ן, ערשט לעם מיר?
ווי אָטעם, כ'פיל דיין צערטלעכן באַריר..."

(אָן אַ דאַטע. געשריבן מיט בלייפעדער)

„איך שרייב מיט בלוט, ווי וואַסער, אָן קאָליר...
סע צאַפּלען זיך די אותיות... איך פריר...
דער בלייער ציטערט, ציטערט אין מיין האַנט...
וואָס גרוילט עס צו מיין האַרץ אַדורך דער וואַנט?...
אין דרויסן לויפט אַ חיה, ווילד־צעברומט...
ס'קומט ערגערס ווי דער טויט — דער נאַצי קומט..."

(אָן אַ דאַטע, געשריבן מיט בלייפעדער)

***

וואָס ווייטער?... ס'איז דיין סוף שוין נישט פאַרהוילן:
אַ קרבן אויף עקידת־יידיש־פוילן — — —
און איך, וואָס האָב געפונען דיינע בלעטלעך,
ופון ווינט פאַרטראָגן און פון פיס צעטראָטן,

אין געטאָ, צווישן ציגלבראָך צעשאָטן,
פּאַל כורעים פאַר דיין זכר... ער איז געטלעך!
דיין נאָמען?... גאָט ווייסט. כ׳רוף דיך: העלען קעלער,
ווי יענע אידלע, שטראַלנדיקע דאַמע,
וואָס רופסט זי אין אַ ליד דיינס ציטריק: „מ אַ מ ע״,
פון הייליקסטן נר־תמיד ועסטו העלער,
דו אויסגעפייניקטע מיט כל־הפיינען,
פון דור צו דור לעולם־ועד שיינען.

גבעתיים, מאַי, 1964

★ ★

★

זע: איינער ריכט זיך ב י ש ט, און — שטאַרבט,
דער צווייטער ריכט זיך י אָ, און — לעבט:
דעם גורלס אויגן — שטייף פאַרקלעפּט
און מיט געדיכטן שוואַרץ באַפאַרבט.

אויך דו פאַרקלעפּ דיין אויג; נישט טראַכט:
ס׳וועט דורכדרינגען דעם נעפּל — צייט;
דער טויט — פון נאָענט, צי פון וויט,
ער זעט דיין טראַכטעניש און... לאַכט.

איך הער: ער לאַכט... נאָר נישט מיט שפּאָט —
דערליייזעריש, פון גוטן מוט;
ער איז נישט להוט נאָך קיין בלוט,
נאָר אויסצופירן גאָטס געבאָט.

גבעתיים, יוני, 1964

## סאַראַ העלע פרייד!

גבריאל פרישדאָרף, סאַראַ העלע פרייד! —
דו לעבסט!... נישט נאָר אין גייסט, נאָר אויך אין לייב:
געשענקט האָט דיר דיין קאַמף־חבר — דיין ווייב
אַ קינד, ווען ס׳האָט דער טויט אייך שוין צעשיידט...

פאַר מיינע אויגן אָט זיין פּאָטאָ שטייט;
דורך זיינע אויגן מיך באַפעלסט: „נעם שרייב
אַ גרוס צו מיינע טייערע, מיין ווייב
און זון — דעם רונג אין מיין משפחה־קייט״.

מיין ליבער, ס׳פּאַלגט דיין לערער דיין באַפעל:
דאָס ליד איז עס דער גרוס, צעזונגען העל
און מיט אַ ברכה אויסגעלאָזט: זאָל זיין

דיין זון ג ב ר י א ל — מענטש און ייד, ווי דו,
און גיין זיין וועג אין דיין געבענטשטער שיין,
וואָס פליסט פון דיין געביין אין מילדער רו.

גבעתיים, יוני, 1964

## קנאה

ווער רופט מיך אין מיטן מיין גאַנג?... איך בלייב שטיין, —
נישט מ י ך און נישט ו ו ע ר, נאָר אַן אויטאָ־סירענע;
זי רופט אין ישיבה די קינדערלעך יענע,
וואָס האָבן אַהינצו צו ווייטלעך צו גיין.

זי רופט... איך גיי ווייטער, און — ס׳גייט אין מיר אויף
מיין קינדהייט... אַליין אין מיין בעטל... כ׳האָב מורא...
און פלוצעם: „שטייט אויף לעבודת־הבורא!..״ — —

דער אויטאָ, פול קינדער, יאָגט איבער — אַוועק...
מיט קנאה יאָגט נאָך זיי מיין בליק אַ פאַרבענקטער:
ער פירט אייך צו תורה, צו ליכטיקייט ברענגט ער...
כ׳וואָלט פאָרן מיט אייך, ווו דאָס לאַנד האָט אַן עק!

גבעתיים, יוני, 1964

## עלנטע זיקנה

געבויגן־איינגעשרומפט — אַ בוים אַ הוילער,
דאָס לעצטע בלעטל אָפּגעטרערט שוין, אָפּגעבלעטלט;
דער פּייכטער, בייזער ווינט, זיין קוילער,
ברומט קאַלט אין זיינע ריפּן־צווייגן,
און דינע ריטעלעך צעציטערט שווייגן...

זיין בליק צום הימלגרוי — באַטריבט און בעטלט:
— באַווייליק מיר אַ לעצטן־לעצטן שטראַל... — —

און ווען זיין בעטלען ווערט דערהערט, —
אַ שטראַל
אַ בלאַסער טוט אַ פאַל
אויף דרערד,
צעפלאַטערט איבער נאַסן בלעטערפאַל
און לעשט זיך, ווערט
— אַ גרויל, אַ גרויל! —
אין בלעטערפויל
אריינגעזויגן — — —

פאַמעלעך פינצטערט עס אין זיינע אויגן,
און ס׳טליט אַ יאוש־פינקעלע אין זייער בליק:
נאָך ערגער פון אַ בוים —
ער האָט אַ טרייסט,
זיין וואָרצל ווייסט,
און זעט זיך אין זיין טרוים
אַן אויפגעגרינטן צריק....

גבעתיים. יוני—יולי, 1964.

## און דו, ווו ביסטו, גאט

„אַן אַכטיעריק מיידעלע — דערשטיקט
אין אייזקאַסטן״.

פרעסע

די מאַמע איז אַוועק — דו ביסט אַליין;
ווילסט „שפילן באַלעבאָסטע״, כאָטש ביסט קליין:
נעמסט אַלץ פון אייזקאַסטן אַרויס, ביז — ריין...

צי וועסטו קאָנען, פּרוּווסטו, אין אים שטיין ?...
די טיר פאַרקלאַפּט זיך, ווי מיט קריץ פון ציין...
— אוי־ווי ! געוואַלד ! — און שטיקסט זיך אין געוויין —
— — — — — — — — — — —

איך בין אין אייזקאַסטן מיט דיר, ליב קינד,
און פרעג, זיך שטיקנדיק : „פאַר וועלכע זינד ?
צי אויך דער גורל, ווי אַ קינד, שפּילט בלינד ? —
ס׳פאַרשפּילט די אומשולד, און די שולד געווינט״.

איך נעם דיך, טויטצעצאַפּלט קינד, אַרום
און טוליע צו מיין האַרצן, ווי דיין מאַמע, שטום ;
גייסט אויס אין ספּאַזמעס, ווי אויף גלי פון זון
פון שטענגעלע אַן אָפּגעפּליקטע בלום...

„און דו, ווו ביסטו, גאָט ?״ — זיך ברעכט מיין האַרץ,
און ס׳פאַרתכריכימט עס דער טויט מיט שוואַרץ...
„ווו ביסטו ? !״ — ס׳וואַרט אויף ע פּ ע ס אומדערוואַרטס,
נאָר טויט בלייבט שטיין, ווי תמיד, אַ געגאַרטס...

גבעתיים, יולי, 1964

## און אינסעקט

דער ערשטער דראַנג : אַ זעץ טאָן און דערשלאָגן !...
האָט דאָס דערשפּירט מיט ציטער דער אינסעקט —
אַ שפּרונג אַהין, אַהער, זיך אָפּגעטראָגן,
באַהאַלטן זיך... נאָר כ׳האָב אים באַלד אַנטדעקט.

„...וואָס גרייטסטו זיך טאָן ? ! — כ׳פאַרהאַלט מיין ווילדן דראַנג —
די אומשולד לעכצט, ווי דו, צום ווייטער לעבן !״
און כ׳לאָז צו רו אים... — יובלט מיין געדאַנק :
„דו האָסט אַ שיינעם זיג מיר, גאָט געגעבן !

„דו האָסט אין מיר זיך איינגעסטן באַוויליקט,
דערוואַרעמען מיין האַרץ מיט רחמים־שיין,
און ס׳איז די לויטער־אומשולד נישט פאַרטיליקט,
און איך, איך פריי זיך מיט איר ז יי ן ...

„געלויבט זיי !... האָט אַ מאָל געטראָפן,
זאָלסט ראַטעווען, ווי איצטער, דעם אינסעקט,

אַ יידיש קינד, וואָס איז, ווי ער, אַנטלאָפֿן,
און ס׳האָט דער נאַצי ווידער עס אַנטדעקט?

„צי תמיד, זיך פֿאַרצימצומט אין דעם האַרץ
פֿון קינד, האָסט זיך אַליין באַשטימט אַלס קרבן?
און איצט דיין שכינה איז געהילט אין שוואַרץ,
ווייל ביסט מיט יעדן יידיש קינד געשטאָרבן?...

„און ווען סע זינגען שירה די אינסעקטן
צום בלויען הימל, זשומענדיק דיין לויב,
די זעסט זיין בלוי מיט קינדערבלוט באַפֿלעקטן,
און פֿאַלן לאָזט אַ טרער אין שטערנשטויב?..."

גבעתיים, יולי, 1964

## פֿאַרלוירן

אַ קינד פֿון גייסט און מי,
פֿון בלוט און מאַרך געבוירן —
אַ ליד — איז מיר געגאַן פֿאַרלוירן. —

די שענסטע בלום פֿון בלומען איז דאָך די,
וואָס האָט פֿאַרוויאַנעט
און איז פֿון דאַנעט
מיט פֿאַרעם, פֿאַרב און שמעק
אין הויל־פֿאַרגעסעניש אַוועק. —

ווייל כ׳וועל דאָס זעלבע ליד שוין מער נישט הערן:
אַ קינד קאָן צוויי מאָל נישט געבוירן ווערן,
נישטאָ אין־גאַנצן־ענלעכע צוויי שטערן, —
איך זיץ אין שטוב אַליין,
אין שווייגעניש און שטום געוויין.

צי שנייעלעך זיך שיטן אויף מיין קאָפּ,
וואָס ווי אַ וואָלקן הענגט אַראָפּ? —
אַ הערל נאָך אַ הערל ווייסלט אויף זיין גראָ:
נישטאָ דאָס ליד... נישטאָ... —

סע שמייסט מיין האַרץ ס׳געווייסן מיט אַ רוט:
דיין קינד, דיין אויסגעכאַוועט ליד
האָסט נאָכלאָזיק געהיט, —
פאַרגאָסן האָבן דיינע הענט דיין אייגן בלוט...

אופא, יוני, 1942 — גבעתיים, אַפּריל, 1964

## א תפילה „בדממה־דקה"*

באַשעפער, וואָס דיין אָטעם האָט דערלאַנגט דער נביא אליהו
אין קוים דערהאָרכטער „דממה־־דקה",
באַוויליק מיר אַ פונקל חסד
און טריף אַריין דיין דינע שטילקייט,
אַ טריפּל כאָטש אַן איינציקס,
צו מיר אין וואוינונג,
די אָנגעפּילטע מיט גערויש פון זאָט און צאָרן,
ווי ס׳ברויזן פון די זידנדיקע בלוטן
פון יעקבס זין, די אַחים שמעון־לוי.

אוי, טריף אַריין אַ טריפּל כאָטש אַן איינציקס
צו מיינע ליבסטע אין די הערצער,
און אויך אין מיינעם,
וואָס שווילן־אויף און שרימפּן־איין זיך
פון אומבאַהערשטן, נאַר אומזיסטן צאָרן,
(דערפאַר צום צאָרן שמעון־לויס גאָרנישט צו פאַרגלייכן...)
פון גיפט פון אייגענעם צעלעכערט,
פון ווערעם אייגענע צעפרעסן, —
אַ טריפּל כאָטש אַן איינציקס, זיי צו שטילן,
זיי זאָלן איבערקלאַפּן זיך „בדממה־דקה",
ווי הערצער־ברידער זיך דערפילן. — —

אַ טריפּל כאָטש אַן איינציקס
אַ שטילער פּערל,
ווי ערשט פון מיינע טרערן
דאָס מינדסטע טרערל.

גבעתיים, יולי, 1964

* אין דינער שטילקייט.

# א סאָנעטן־בריוו צום דיכטער יעקב פרידמאַן

1.

דו זעסט זיך אַ פּאַראַיינסטן פון סובסטאַנצן צוויי:
פון חומר און פון גייסט, און אויף דיין גוף פאַרקלאָגסט זיך,
אַז ער, דער שטויב, איז שולדיק אין דיין מי־און־וויי,
אין אַלע די מעת־לעתן, וואָס דו פּלאָגסט זיך;

ער צווינגט דיך: „לעב! געניס!" —דו פּאַלגסט און יאָגסט זיך
נאָך זייפנבלאָזן פּילקאַליריקע... און זיי —
זיי פּלאַצן, איידער נאָך אין לעכצעניש דערשלאָגסט זיך
דעם בליק צו זעטן מיט די פאַרבן אַלערליי.

„ווי גוט וואָלט זיין, ווען ער, דיין גוף, — דו טראַכסט זיך —
פאַרלאָזט דיין זעל שוין ענדלעך, און דערוואַכטסט זיך
אַ שוין באַפרייטער, ווי אַ פויגל פון זיין שטייג!"

אוי, ברודער — אפשר איז גראָד דאָס אַ בלאָז פון זייפן:
אַ בלינדע, שטום־און־טויבע, אָן דעם גופס געצייג,
זי ליידט און לעכצט צום גופס פאַרשקלאַפנדיקע רייפן...

2.

דו פרעגסט: „און דו? ביסטו צופרידן פון דיין גוף?"
וואָס קאָן איך ענטפערן, ווען כ'ווייס נישט ווער בין א י ך?
כ'קאָן בלויז דיר זאָגן: יאָ, איך וויין גאַנץ אָפט אין זיך
און צו אַ מעכטיקן אין ערגעצן איר רוף; —

נאָר ווו — די ערגעצן? צי ערגעץ, צי אין מיר?
צי א י ך דאָס רוף? צי יענער מעכטיקער אין זיך
צו זיך אַליין?... נעם מענטש, און וואַרף אַראָפּ די שיך,
ווייל געטלעך־הייליק איז דיין יעדער ווענד און ריר!

„דער מבול", קלער איך, — „גאָטס געוויין"... איך וואָלט געזאָגט:
דאָס האָט ער איין מאָל זיך אַזוי צעוויינט, צעקלאָגט
פאַר אַלץ, וואָס לעבט, און פילט, און דענקט און האַרב זיך פּלאָגט...

נאָר טרערן העלפן נישט אַפילו גאָט אַליין:
די פּיין פון אַלץ, וואָס לעבט, איז פאַרט געבליבן שטיין — — — —
זיי מוחל, ברודער, פאַר אַ טרייסטן, וואָס דערשלאָגט.

3.

„ברכי נפשי את יהוה" (תהלים, קד, א) —
בענטש, נשמה מיינע, גאָט!

יאָ, ברודער, אין דער מענטשהייט פּלאָגט זיך גאָט אַליין:
אין איטלעכן געבורט־געשריי און אין לוויות;
אויך אין די ווייי־און־פּיין די פּיזישע פון חיות,
און אויך אין קרעכץ פון בוים און קרישל פון אַ שטיין.

נאָר זע: אַ מאָל שיינט דורך אַ שטראַלכל דורך געוויין, —
פון וועלכער זון, זיין ליכטקוואַל, האָט זיך עס דערנומען?
אַ טעלעגראַם פון שעפער איז דיר אָנגעקומען
און לייענסט זי, כאָטש קאָנסט איר אינהאַלט נישט פאַרשטיין...

צי „ברכי נפשי" זינגט אין מיר דער דיכטער־מלך?
צי יובלט גאָט אַליין אין מיר?!... כ'בין ליכטיק, פריילעך:
אַ טריפּל ליכט אין דער האַרמאָניע פון דער וועלט — — —

איך נעם אין פרייד אַרום דיך, טרויעריקער דיכטער,
דיין פּנים שיינט צו מיר דורך טויזנטער געזיכטער,
פון מינדסטן זכר טרויער־מאַסקע נישט פאַרשטעלט...

גבעתיים, אויגוסט, 1964

## אור־הגנוז...

אויפן פרישן קבר פון מיין
יונגסטן און עלטסטן פריינד
אַבאַ גאָרדין ז"ל

א.

דו האָסט פאַרמאַכט די אויגן... זייער ליכט
פון חכמה ווו זשע איז אַהינגעקומען?
צי ס'איז, באַפרייט פון צוים און פליכט,
צום אור־הגנוז־ים אַוועקגעשווומען?

און איך, אין בענקשאַפט, זוך אַרום דיין ליכט
דורך שטייענדיקע אויגן פון אַ בלינדן;
אין מיין זכרון ליכטיקט דיין געזיכט
און וויל נישט, ווי אַ זומערטאָג, פאַרשווינדן.

די וועלט — ווי פריער, וועלט; די זונשיין שיינט;
די מענטשן האָוּוען, גלייך ווי נעכטן, הייַנט, —
נאָר דו, דו ביסט נישטאָ, און קיינעם אַרט נישט?

געווען אַ טרוים — צערונען איז דער טרוים;
געווען אַ בוים — איז אָפּגעזעגט דער בוים,
און מער קיין פרילינג־אויפלעב אים דערוואַרט נישט?

ב.

דו ביסט, באַפרייט פון צוים און פליכט,
צום אור־הגנוז־ים אַוועקגעפלאָסן — —
און דאָס, וואָס יאָרן לאַנג האָט זיך גע„איכ"ט
מיט פרייד און לייד, מיט זיגן און פאַרדראָסן,

בלייבט פוילן בלויז, פאַר ווערעם אַ געריכט;
נישט דאָס איז דו געווען — בלויז אַ פּאַרעם,
וואָס אין דער ערד צעלייגט זיך און צעקריכט,
ווו לייבער־שטויב פאַרמישט זיך דורך די קברים.

מיין בליק, צו הייכן, טיפקייטן געווענדט,
דיך זוכנדיק פאַרבענקט, ווערט בלינד־פאַרבלענדט,
און כ׳בין אַליין, און בין מיט דיר צוזאַמען, —

ווייל כ׳זע ווי ווערעם נאָגן דיין געביין,
ווייל כ׳אָן דיין ליכט זיך גיסן לויטער־ריין
אין אור־הגנוז־ים, אין כוואַליעס — פלאַמען.

ג.

איך בין נישט אין אבלות נאָך דיין סוף:
דו ביסט מיט יאָרן זאַט אַוועקגעגאַנגען
און האָסט געלאָזן שייערס פול מיט זאַנגען;
דיין סידור האָט זיך נישט פאַרמאַכט אויף תיו.

דיין ליכט נאָך פינקלט אין דעם שטאָף
פון אותיות אויף פּאַפּיר אין דרייסטע ביכער,

אין וועלכע דיין געדאַנק האָט פליסיק, זיכער
געראַנגלט זיך מיט פאַלשקייט און מיט בלאָף.

און ווען ס'וועט איבער אים מיין רעיון שוועבן
און זיינע גאָלדפעדעם אין זיך פאַרוועבן,
איך וועל אפשר דערשפירן אויך דאָס ליכט,

וואָס קומט צו פלאַטערן פון אור־הגנוז,
און, ווי אַ פאַסטער נאָך אַ שווערן תענית,
זיך קוויקן מיט דיין הימלשן געזיכט...

גבעתיים. דעם 23טן אויגוסט, 1964

## א מוטער פון א חיילת אין בענקשאפט

...סע האָבן דיך, מיין קינד, געזוכט דעם שונאס קוילן,
ווען ביסט נאָך אין מיין אינגעווייד געווען פאַרהוילן;
נישט איין מאָל האָט אין מיר דאָס בלוט, ווי אייז, געפראָרן:
אָט באַלד... אָט־אָט... און כ'גיי ביינאַנד מיט דיר פאַרלאָרן;
די קוילן פייפן... יעדע קויל — אַן איוב־בשורה:
„...דיין מאַן...", „...דער טאַטע..." — לעבט ער נאָך און קעמפט מיט גבורה?
צי: „ווייב און קינד מיינס..." — מורמלט קוים זיין ליפּ אין גסיסה?
צי זיין נשמה איז אַרויס שוין פון איר תפיסה? — — —

נאָר נסים האָבן אונדז פאַרהיט: כ'האָב דיך געבאָרן,
און פול מיט ליכט איז אונדזער צימערל געוואָרן...
אויך ער, מיין העלד, דיין טאַטע, איז צוריק געקומען, —
אַ כוואַליע פרייד האָט אונדז געצווונגען — שטומען!
ווי ס'וואָלט די קעל אונדז אויפגעהערט צו דינען,
נאָר טרערן, פול מיט פרייד, ווי טוי מיט זונשיין, רינען,
און ס'נעמט זיך טראָגן פון זיין האַלדז אַ כאָרכל־ברומען, —
ער האָט אין פרייד, זיין ערשטן האַרצאַטאַק באַקומען... — —

מיט ליכט און שאָטן האָבן זיך געמיניעט יאָרן,
און — — מזל־טוב אונדז! אַ חיילת ביסט געוואָרן;
ווי שיין! קיין עין־הרע זאָל דיך נישט פאַרשאָטן!
וועסט נישט פאַרשעמען, ווען ס'וועט נייטיק זיין, דיין טאַטן...
דער שטאָלץ פאַררייסט מיין קאָפּ, גלייכט אויס, מיין קינד, מיין רוקן,

נאָר מיינע אויגן... דורך אַן אומעט־נעפּל קוקן
אין בלויער ווייט... סע בענקט דאָס האַרץ און ציט זיך, ציט זיך
צו דיינעם, בת־יחידה מיינע, און באַמיט זיך
באַהערשן דעם געצאַפּל פון די סטרונעס זיינע
און נישט אַרויסצופּלאַצן מיט דער שטרענגער טענה:
„אָ, וויפל איז דער שיעור, גאָט אין הימל, טאַטע?!
צי זענען ווייניק נאָך די טויטן די געהאַטע?
האָט אונדזער בלוט נאָך ווייניק אַלץ די ערד געפּאָרבן?
איז קאַרג, באַשעפער, דיר דער זעקס־מיליאָנען־קרבן?" — —

נשמות אייגענע אין ליבשאַפט זיך פאַרוועבן,
נאָר לייב־און־לעבן בענקט נאָך לייב־און־לעבן;
איך בין, מיין קינד, מיט דיר, ווי דו מיט מיר; צוזאַמען
פאַרצערט אונדז נאָגנדיקע בענקשאַפט, ווי מיט פלאַמען,
וואָס לעשן קאָן מען זיי מיט ווייכע, שטילע טרערן
(חלילה, ס'זאָל מיין מאַן אַ שאַרך געוויין דערהערן...),
און קעגנזייטיק זיך אַראָפּרעדן פון האַרצן
אויף שווייגנדיקן ווייס פּאַפּיר מיט טינט מיט שוואַרצן....
די טרערן טריפן, טאָכטער, פון די אויגן דיינע
און מישן אויס, ווי אונדזער בענקשאַפט, זיך מיט מיינע;
די טרערן דיינע — אין דיין מאַמעס ווי געראָטן!
זיי פערלען זיך מיט ליכט פון פרייד און בענקשאַפט־שאָטן...

גבעתיים. אָקטאָבער, 1964

# משלים

## משל פון רבי יוסי בן חלפתא

לערנענדיק דעם „באר התלמוד״
פון אליעזר שטיינמאַן

### דער בלינדער טימן לאַמטערן

איך גיי אַנומלטן אַזוי ביינאַכט,
לויט ס׳איז מיין שטייגער, טיף אין זיך פאַרטראַכט.
ווי פלוצעם רייסט אַ שיין מיר אויף די אויגן:
אַקעגן מיר אַ ייד, פאָרויס געבויגן,
מיט אַ לאַמטערן אין דער האַנט, קומט אָן.
„אַ סגי־נהור!״ — תיכף איך דערקאָן,
און פרעג אים: — אפשר וועט איר מיר דערקלערן:
אַזאַ, ווי איר... וואָס נוצט אייך דער לאַמטערן?
— פון א יי ע ר ט וועגן דעם לאַמטערן כ׳טראָג,
אַז א יי ך זאָל ליכטיק זיין, — ער טוט אַ זאָג —
צו קאָנען מיר באַהילפיק זיין — פאַרמיידן
אַ יעדע שטרויכלונג, און פאַרשפאָרן ליידן.

---

עד כאן רב יוסי. און דעם נמשל לערן:
איך ד ע ם געדאַנק, וואָס דיר איז ער נישט קלאָר,
טראָג אָפן, ווי דער בלינדער דעם לאַמטערן, —
אַ צווייטן קאָן ער שטראַלן, ווי אַ שטערן,
וואָס קושט זיך אין די ליפן מיט דער וואָר.

גבעתיים. מאַי, 1964

# משלים לויטן בעש״ט

## א. דער בלויער פייערפויגל

שפּאַצירט אַ מלך מיט זיין נביא טיף אין וואַלד,
אין דער באַגלייטונג פון זיין טרייער סוויטע.
ווי פּלוצעם אין זיין גאַנג דער מלך זיך פאַרהאַלט,
און אַלע בלייבן שטיין צעמישט־צעגליטע: —

אויף איינעם פון די ביימער — אויף אַ ציפּרעסבוים
אַ פייערפויגל לייכט זיך דורך די צווייגן!...
צי איז דאָס וואָר? צי אויף דער וואָר אַ טרוים? —
פאַרוווּנדערטע זיי גליווערן אין שווייגן.

אָט ווי אַ פייערל אַ בלויס דער פויגל ברענט,
און ס'ציט זיך יעדע צוויג — צו אים דערלאַנגען.
— זאָג, נביא, — טוט דער מלך זיך צו אים אַ ווענד, —
איז מעגלעך דאָס, דעם בלויען פויגל פאַנגען?

„באַפעל די לייט: „שטעלט אויס זיך אין אַ פּיראַמיד!״
זיין שפּיץ — דער העכסטער מאַן, וועט אים שוין גרייכן
און נעמען מיט דער האַנט, פון אים נישט אָפּגעבריט,
בלויז שפּירן וואַרעמקייט פון פוך פון ווייכן.

„נאָר איין באַדינג דערביי — אַ זאַך, וואָס זעלטן טרעפט:
ס'זאָל האַרץ מיט האַרץ אין טאַקט צוזאַמענשפּילן,
ווי וואָרט מיט וואָרט אין ריטעם פון אַ ליד באַהעפט,
פאַראייניקט אינעם שטראָם פון די געפילן...

„דער פויגל ברענט אין גרויס באַגער... און וואַרט, און גאַרט,
אַן אחדותדיקער רצון זאָל אים פאַנגען,
ווייל איך געצווייג פון בוים ער פילט זיך ווי פאַרשפּאַרט.
און אין זיין קעל זיך שטיקן די געזאַנגען...״

באַפעלט דער מלך, און — דער פּיראַמיד שטייגט־אויף...
אָט באַלד... און... „ווער עמען וועט דער מלך לויבן?...״ —
אין האַרץ ביי איינעם קנאה־שנאה וועקט זיך אויף —
„א וודאי יענעם פויגל־כ אַ פּ ע ר אויבן...״

דאָ טוט אַ וואַקל זיך דער פּיראַמיד — אוי־וויי! —
פאַלט איין, און אַלע ליגן אויסגעצויגן...

דער פויגל? — זיך אַ ריס פון צווייַג און פּאַלט, עלעהיי
אַ שטערן, וואָס לעשט אויס זיך פאַר די אויגן.

---

דעם וווּנדער־משל אויסצושעפּן ביז אָן רעשט,
איך וויקל אויף פאַר אייך דעם נמשל פון דעם בעש״ט:
ס׳איז די גאולה העט אין העכסטע הייכן,
און אָן קיין אחדות וועט איר זי נישט גרייכן.

גבעתיים. יאַנואַר, 1964

## ב. דעם מלכס אויספּרווו

איז איין מאָל זיך דער מלך מיט זיין האַרץ מיישב:
כ׳וועל אויספּרוּוון די טרייַשאַפט פון מיין פאָלק, צי איז זי וואָר?
און ער באַפעלט זיין וווּנדערלעכן לייב־מכשף:
„נעם כישוף־אויס אַרום מיין פּאַלאַץ — ענלעך אויף אַ האָר —

„ניין צוימען־רינגען, און אין יעדן צוים — אַ טויער,
פאַר יעדן טויער שטעל אַ טיש מיט צירונג, אומבאַוואַכט... —
און ווער ס׳וועט וועלן, מעג עס זיין אַ מינדסטער פּויער,
קאָן קומען פאַר מיין טראָן און מיך באַשויען אין זיין פּראַכט״.

און אָט איז אויסגעכישופט אַלץ... און דורך העראָלדן
אַ בשורה־טובה איבער גאָר דעם לאַנד צעטראָגן ווערט:
— אין נאָמען פון דעם מלך ווערט דעם פאָלק געמאָלדן —
ס׳קאָן קומען אָנקוקן זיין מאַיעסטעט, ווער נאָר ס׳באַגערט.

די אונטערטאַנען קומען... ס׳צירונג בלענדט די אויגן...
און זע־נאָר!... ס׳היט נישט קיינער — שטרעקט מען ציטעריק אַ האַנט...
ווער ס׳האָט פון ערשטן טויער זיך צוריק געצויגן,
און ווער פון ווייטערע, אין פּלאַטערניש, געפּאַרט מיט שאַנד.

דערגאַנגען איז צום מלך איינער בלויז... — אַ בלינדער!
און ד ע ר ערשט בלייבט אַ רעטעניש, צי איז ער וואָר געטריי?...
— די אונטערטאַנען בליאַסק ציט צו, ווי פּאַשע — רינדער... —
זאָגט שטיל דער מלך, און זיין קרוין ווערט שווער און גרוי, ווי בליי.

אין גאַנצן לאַנד זיך וווּנדערן די אונטערטאַנען:
די גנבה איז דאָך גלייך ווי אויסגערונען אָן אַ שפּור!?

און ס'האָבן סוף־כּל־סוף געציילטע כאָטש פאַרשטאַנען:
פ אַ ר ב ל ע ב ד ע נ י ש מיר האָבן אַנגענומען פאַר נ אַ ט ו ר...

---

און ס'זאָגט דער בעש"ט: „איך לערן זיך אַראָפּ דערפון, מיין קינד,
אַז ווייל צום צדיק־תמים: די א מ ו נ ה מאַכט אים ב ל י נ ד, —
דערגרייכט ער צו דעם כּס־הכּבוד, נישט גערייצט און גאַנץ
מיט זיך אַליין, און טובלט זיך אין כביכולס גלאַנץ".

גבעתיים. יאַנואַר, 1964

## ג. דער מוזיקאַנט און דער טויבער

סע שטייט אין מיטן מאַרק אַ מוזיקאַנט
און כישופט פון אַ פידל מיט דער האַנט
אַ לעבעדיקע, פריילעכע מוזיק
פון אחדות, ליבשאַפט, ברודערשאַפט און גליק.
און לייט זיך זאַמלען אַרום אים אַ ראָד
און האָרכן, ווי ער וואָלט אַנטפּלעקט אַ סוד...
אַ יעדער, אין געמיט גערעגט, דערפילט:
דאָס בלוט אין לייב האָט זיך, ווי ווין, צעשפּילט.
אַ יעדנס אויג ווערט פול מיט פרייד און גלאַנץ,
ביז איינער טוט אַ גיי אַרויס אין טאַנץ,
נאָך אים — אַ צווייטער... דריטער... און נאָך זיי
שוין אַלע יובלען אין אַ טאַנץ־געדריי,
פאַרוואָרפן האַנט אויף אַקסל, האַנט אין האַנט,
פאַרברידערט האָרץ מיט האַרץ פון מוזיקאַנט — —
ווי' דאָ קומט אָן אַ טויבער אויפן מאַרק,
בלייבט שטיין און קוקט, און ווערט פאַרוואונדערט שטאַרק:
קאָלאָם שטייט ד ע ר, בלויז מיט דער האַנט באַוועגט,
אָט ווי ער וואָלט די לופט אָן זין געזעגט,
און טוט נישט מערער גאָרנישט... רק ער שטייט,
און אים אַרום — דער עולם האָפּסט מיט פרייד?
באמת, ווי מיין מאַמעס זון איך בין,
סיי ער, סיי זיי — זיי זענען אויסן זין!

---

אַזוי אויך קוקן פילאָזאָפן אויף דער וועלט
און פרעגן קשיות, ווייל... אַ זעקסטער חוש זיי פעלט.

גבעתיים. יאַנואַר, 1964

## ד. השם־יתברכס זיגלרונג — דער „זוהר״

רב סראַליע דער פרומפּאַרכטיקער עם־הארץ,
וואָס האָט געהאַלטן די אַרענדע ביי דעם פּריץ
אַזש ביז זיין טיפער עלטער, —
דערשפּירט — זיין בלוט פון יאָר צו יאָר ווערט קעלטער,
בעזעגנט אָפּ דאָס דאַרף מיט דער פּרנסה
און פּאָרט אַרויס אין שטעטל, צו דערלעבן אינעם צדיקס הויף:
ס׳איז זיין באַגער היינט, זיך באַזאָרגן מיט הכנסה
שוין נישט פאַר עולם־הזהדיקן פּרעס־און־זויף —
צום נחת פון דעם יצר־הרעדיקן „טשאָרט״ —
נאָר פאַר אַ בראָקן עולם־הבא ד אָ ר ט.
ער דאַוונט, זופּט קאַפּיטלעך תהלים, שלינגט אַ פּרשה „זוהר״,
כדי דאָס אַלץ, ווען זיין נשמה וועט זיך פון אים שיידן,
זאָל אויפשליסן פאַר אים דעם טויער
פון ליכטיקן גן־עדן.
און יעדן דאָנערשטיק, מעג שנייען, מעג אַ רעגן זיפּן,
מען זעט רב סראַליען, מיט דער בלאָסער נאָז און בלויע ליפּן,
זיך שלייכן מיטן סענקעוואָטן באַרנשטעקן, ווי אַ ווייזער,
צו זאַמלען גראָשענע נדבות איבער הייזער;
מע ווייסט: חלילה, נישט פאַר זיך — פאַר חשובע געמיינע לייט,
וואָס ס׳האָט פאַר יורדים זיי געמאַכט די שלעכטע צייט.
ער קומט אין בית־המדרש צריק אַ דורכגעפרוירענער און בלויער
און נעמט זיך גלייך דערוואַרעמען מיט... שלינגען „זוהר״.

האָב איך, אַ חדר־יינגל, זיך דערוועגט אַ מאָל אים פרעגן,
מיט ליפּן, שעפּטשענדיקע, ווי אַ זומער־רעגן,
אַנידערלייגנדיק פאַר אים אַן אָפּגעשפּאָרטן גראָשן:
— רב סראַליע... איר... רב... פאַרשטייט דעם „זוהר״ס לשון ?... —
דער זקן האָט אויף מיר אַ בליק געטאָן מיט אויגן טריבע,
באָר וואַרעמע און מילדע, און מיט פאָטערלעכער ליבע,
און, אָפּגעקרעכצט, געזאָגט: — אַ משל ׳עט עס דיר דערקלערן.
לייג צו דאָס קעפּל, קינד מיינס, זאָלסט מיט שכל הערן:
דער פּריץ האָט אַ מאָל זיין זיגלרונג פאַרלוירן מיט — זיין רו:
אַ שפּילעכל דער זיגלרונג! אויב וועט אַ פרעמדער אים געפינען,
צי וועט ערביישטיין דעם נסיון —
מיט אים, צום פּריצס שאָדן, זיך נישט צו באַדינען ?...
און גלאָט — דער זיגלרונג זאָל וואַלגערן זיך ערגעץ־ווו
אין שטויב, צי בלאָטע !... סאַראַ שאַנדע און בזיון !
איז בייז דער פּריץ און צו אַלץ און יעדן אומגעדולדיק,

ווי גאָר נישט ער אַליין, נאָר יעדער אַנדערער איז שולדיק.
סע האָט אַרומגעכאַפּט דעם פּריצס אַלע דינער אַ בהלה:
כאַטש נעם שיט זאַלץ די ווינטן אויפן עק
און כאַפּ זיי פאַר די פעדערן און פרעג:
„דו, פליער איבער פעלדער־וועלדער, ווילדער יונג,
ווו זוכט מען אים, דעם פּריצס זיגלרונג?
אין פעלד? אין וואַלד? צי אויפן גלייכן וועג?".
מע זוכט, מע נישטערט און מען אַקערט — ס'איז אַ ברכה לבטלה!
נאָר ס'מאַכט זיך שפּעטער, אין אַ צייט אַרום —
דאָס תמעוואַטע פּאַסטעכל, וואָס איז דערצו נאָך טויב און שטום,
דערזעט, בעת זיין פּאַשען איין מאָל אויפן פעלד,
ווי צווישן גראָזן עפּעס שימערירנדיקס זיך העלט!
ער בייגט אַראָפּ זיך, הייבט עס אויף,
באַטראַכט עס און באַטראַכט
מיט אַן אַרויסגעשטעקטן צינגל:
„אַ פייפל אפשר? — פּרוּווט ער פייפן... ניין — און זיך צעלאַכט:
„אַ טויג־צו־גאָרנישט גלאַנציק רינגל".
ער שפּילט דערמיט זיך ביז פאַר נאַכט,
און מיט דער טשערעדע ער ברענגט עס אויפן הויף.
דערזעט מען עס און — ס'ווערט אַ שמחה און אַ פרייד:
— דעם פּריצס זיגלרונג! דער זיגלרונג! הוראַ!
ס'האָט צוגעשפּילט דאָס מזל דווקא אים, דעם נאַר! —
דאָס פּאַסטעכל פאַרשטייט נישט פון דער שמחה דעם באַשייד.
ער קוקט פאַרלעגן זיך אַרום
און פרעגט, וואָס דאָס באַדייט, ביי דעם און יענעם שטום...
נאָר אַלע פרייען זיך — איז פרייט ער אויך זיך מיט
און זיך צעלאַכט, און לאַכט, אַז גאָט באַהיט —
אָט ווערט ער, ווי אַ פעסל אַ צעלעכצט, צעשיט... — —
אַנו, מיין קינד, באַגעמסטו כאָטש דעם משלס וווּנק?...
דער „זוהר" איז השם־יתברכס זיגלרונג,
דער „זוהר" טייער איז אַ יעדן יידן אָן אַ שיר,
די ווערטער זיינע — גינגאָלד־רענדלעך, —
איז כאָטש די טייטש פון לשון זיינעם איז מיר נישט פאַרשטענדלעך,
איז טייער ער אויך מיר,
און כ'דאַנק השם־יתברך, וואָס כאָטש שטאַמלען כ'קען אים
און ווייס: ער וועט מיך ראַטעווען פון גיהנום,
און אפשר... האַ? ווי מיינסטו?... אויכעט פירן אין גן־עדן
צו אליהון אונדזער זיידן.

גבעתיים. יאַנואַר, 1964

## ה. דער גיהנום פון די רשעים

„אל נקמות ה׳״ — די נקמה פון אייבערשטן איז—
„אל נקמות הופיע״, וואָס ער באַווייזט זיין גרויס־
קייט און גוטסקייט, און דער מענטש האָט גרויס צער
פאַר זיין מורד זיין אין אים...

בעש״ט

אַ פויער, דערשלאָגן פון זאָרגן און נויט:
אין שייער לאָזט אויס זיך דאָס לעצט ביסל ברויט,
און וועמעס די שולד איז? דעם מלכס געוויס, —
אַ שליידער זיין בילד און צעטרעט מיט די פיס.
דער מלך — אַ גוטער — האָט דאָס נישט פאַרדינט.
די מעשה דערגייט צו אים זייער געשווינד.
דעם פויער צום משפט פאַר אים מ׳האָט געבראַכט.
אים אויסגעהערט, האָט זיך דער מלך פאַרטראַכט
אין באַלד אים... אַלס דינער אין פערדשטאַל געשטעלט.
„אָט דאָס זאָל די שטראָף זיין?״, געפרעגט האָט די וועלט
און נאָך מער געוווּנדערט זיך יאָרן נאָך לאַנג:
„פון יאָר צו יאָר שטייגט דאָך דער פויער אין ראַנג!?
ביז — הערט נאָר! — ער איז דאָך שוין שני־למלך לסוף!
ווי מיינט איר? — שוין איין מאָל אַ ביטערע שטראָף!״
ער איינער, דער זינדיקער פויער אַליין,
פילט־אָפּ אַלע יאָרן דעם סודיקן מיין
דעם מלכס... יאָ, יאָ, ס׳איז אַ ביטערע שטראָף —
ער פילט אויף דער וואָר זי, אַפילו אין שלאָף,
ס׳געוויסן אים פייניקט: „וואָס האָסטו געטאָן?!
סע זיצט דאָך די גוטסקייט אַליין אויפן טראָן!״
זיין פיין ווערט אַלץ טיפער, וואָס העכער דער ראַנג, —
ער גייט אויף דער תליה ביי זיך אין געדאַנק...

---

„אַזוי באַשטראָפט גאָט די רשעים, מיין קינד, —
פירט אויס דער בעל־שם־טוב הקדוש, — פאַר זינד:
ער פירט זיי אין פראַכט פון גן־עדן אַריין...
דאָס אייגענע האַרץ וועט אַ גיהנום זיי זיין״.

## ו. צוליב אַ פונק

אַ שמיד־געזעל, שוין אויסגעלערנט גוט דאָס פאַך,
האָט נאָך זיין חתונה אַ קוזניע זיך געשטעלט,
געקויפט מכשירים, אייזנוואַרג, אַ יעדע זאַך,
ווי אין זיין מייסטערס קוזניע, ס׳מינדסטע שוין נישט פעלט,

און — צו דער אַרבעט! אָבער... גאָרנישט זיך באַקומט.
וואָס הייסט? פֿאַרגעסן וואָס? מיין גאָט, ס'איז אַלץ דאָך דאָ!
ער ציט דעם בלאָזזאַק, קלאַפּט דאָס אייזן, צאָרנט, ברומט:
— דער טייוול האָט געבראַכט אויף מיר אַ וויסטע שעה!

— וואָס טוט מען, אַ? צום מייסטער לויפֿן? אַ?... —
און מיט די יונגע פֿיס ער טוט צו אים אַ שפּרונג.
דער מייסטער קומט, באַטראַכט און שמייכלט: „אוי, דו נאַר!
ס'איז דאָך אין אייוועלע אין אַש נישטאָ קיין פֿונק"...

---

„אַזוי־אַ, — זאָגט דער בעש"ט, — איז יענער פֿרומער מאַן,
וואָס ס'איז אין האַרץ ביי אים דער „ניצוץ" נישט פֿאַראַן".

גבעתיים, יאַנואַר, 1964

## ז. מיטן כוח פֿונעם וואָרט

זאָג נישט „האָפּ!", מיין ליבער,
איידער שפּרינגסט אַריבער...
אַ רוסיש שפּריכוואָרט

פֿון אימה ציטערט אויף דער גאַנצער וואַלד,
ביי יעדער חיה ס'האַרץ פֿון שרעק אַנטפֿאַלט:
דער לייב דער מלך איז אין כעס געוואָרן, —
איז ווער, מיט וואָס פֿאַרלעשן וועט זיין צאָרן?
מיט שטאָלץ טרעט אויף דער פֿוקס: — הכלל,
גיי איך! משלים איך פֿאַרמאָג אַ שלל.
איך וועל מיט זיי דעם מלכס שכל וועקן,
ער וועט זיי טועם זיין און זיך באַלעקן
און ברילן: „נאָך! דערלאַנג וואָס מערער! מער!
איך הער דיך מיט הנאה, פֿוקס, איך הער..."
און ס'וועט זיין שכל צוימען די געפֿילן,
דעם צאָרן מיט זיין קילקייט קילן, שטילן. —
„נו, לויף! — מען איילט אים — און זאָל זיין מיט גליק!"
ער לויפֿט און, נישט געזאַמט זיך, קערט זיך אום צוריק.
„נו אָט, — מע יובלט — האָסט געמאַכט גאָר גיך עס!
ס'האָט צוגעשפּילט דאָס מזל דיין שליחות..."
נאָר ס'לאָזט דער פֿוקס פֿאַרשעמט אַראָפּ דעם קאָפּ:
— ווי נאָר דערזען אים... די משלים... כ'האָב...
פֿאַרגעסן... אַלץ אַרויס מיר פֿון זכרון — — —
און ווייטער פֿלאַמט דעם לייב דעם מלכס צאָרן.

וואַרשע, מאַי, 1959

# משלים לויט רב חיים צאנזער, ז״ל

## א. בלאָנדזשערס

בלאָנדזשעט אום אַ מענטש אין וואַלד
און זוכט דעם וועג... כאָטש שריי: „געוואַלד!״.
ער דרייט זיך, גייט אַהין, אַהער,
און זיך פאַרדרייט אַלץ מער און מער —
ער קומט נישט צו דעם וועג אַרויס.

ווי דאָ דערזעט ער: עמעץ גייט
און זיך אַהער, צו אים, פאַרדרייט.
נעמט דורך אים גאָר אַ גרויסע פרייד:
פון אים באַקומען כ׳וועל באַשייד!

— אַך, זיי מיט בענטשונג מיר באַגריסט!
ווייל נישט קיין מענטש — אַ מלאך ביסט.
איך בלאָדזשע אום וואַלד־איין, וואַלד־אויס,
און קאָן פון בלאָנדזשען נישט אַרויס,
נאָר אָט האָט גאָט מיר ערשט באַגליקט
און דיך, דעם מלאך, מיר געשיקט!
ווי קומט מען צו צום גלייכן וועג? —
און זיינע אויגן — הוילע פרעג.

דער פרעמדער טוט אַ שמייכל בלאָס
און ענטפערט מיט אַ שימער שפּאָס:
אויך דו נעם צו מיין גרוס־געבענטש!
כ׳בין נישט קיין מלאך — בלויז אַ מענטש,
פאַרבלאָנדזשעט אינעם וואַלד, ווי דו,
איך זוך דעם וועג, וואָס פירט צו רו.
דיר העלפן קאָן איך נאָר דערמיט:
דיר ווייזן — דאָ און דאָרט גיי נ י ט,
ווייל כ׳בין שוין דאָ און דאָרט געוועז —
דעם גלייכן וועג האָב נישט געזען.
אויך ד ו ווייז מ י ר, וווּ כ׳זאָל נישט גיין — —
נו, איצט האָט מער קיין זין נישט שטיין:
זיך העלפן מער מ׳איז נישט אין שטאַנד,
נאָר סיידן... זוכן אים ביינאַנד!״

## ב. וועגן תשובה־טאָן

אַ ייִדענע אַ דאָרפֿישע, מטופּל מיט אַ היפּש געזינטל,
קלייבט שוואָמען אינעם וואַלד... ווו נעמט מען עפּעס רעכטס
אויף צוצוגרייטן פֿאַר די קינדער אַ געקעכטס?
ווי פּלוצעם טוט פֿון פֿרייד איר אויג אַ פֿינטל:
אוי־ווײַ!
אַ הינערש איי!
דער אייבערשטער האָט איר באַגליקט!
זי טוט אַ כאַפּ עס, קוקט דערויף אַנטציקט...
נאָר ס'איז דאָך נישט קיין תּכלית — אויפֿעסן — און שוין...
ווי מעג מען עס פֿאַרטאַכליעווען אַזאַ־אַ הון?!
מע קאָן זיך דאָך דערמיט די הענט צעפֿירן!
נו, יאָ, זי ווייסט שוין וואָס זי האָט צו טון:
ביים שכן זיצט אויף אייער גראָד די הון,
איז וועט זי זי זיך ביי אים באַמיען,
ער זאָל רשות איר געבן — אירס לעם זיינע אויסצובריען...
און אָט־אָ האָסטו —
זי איז שוין, גאָט צו דאַנקען, מיט אַ הון אַ באַלעבאָסטע!
און, ווי אַ קינד, זי שפּילט זיך מיטן איי,
צעשמייכלט דרייט עס, דריי און דריי,
און איר פֿאַנטאַזיע ווערט אַלץ פֿאַרביקער, פֿאַרשייטער
און פֿאַנטאַזירט זיך רעגנבויגנדיקער ווייטער:
זי וועט נישט, חס־ושלום, קוילענען די הון —
זי האָט שוין מער נישט וואָס צו טון,
איך בעט אייך זייער?! —
זי וועט זי זעצן אויסצובריען אייער!
און פֿון די אייער — ווידער הינער!
(באַהיט זי נאָר דער אייבערשטער פֿון נישט־פֿאַרגינער!)
און ווי זי דרייט אַזוי דאָס איי כסדר, דרייט און דרייט,
גייט אויף איר הארץ, ווי ראָשטשינע — דאָס הייוון איז די פֿרייד:
די הינער לייגן אייער — שטראַלנדיקע שטערן,
און פֿון די אייער — ווידער הינער ווערן!...
ערשט דעמלט פֿירט זי אַלץ אַוועק צו כאַנען אין געוועלבל,
פֿאַרקויפֿט עס און — זי קויפֿט אַ קעלבל!...
דאָס קעלבל וואַקסט, אָן עין־הרע, ס'וואַקסט איר אויס אַ קו!
די קו זיך קעלבט... דאָס קעלבעלע פֿאַרקויפֿן? לאָזט צו־רו!
פֿון קעלבלעך ווערן קי דאָך!.. דעמלט מאַכט זי פֿון זיי געלט

און גייט און האַנדלט איין אַ פעלד!
און זאָל דער אייבערשטער איר נאָר אַ פעלד אַ גוטס באַשערן —
ווי ווייט איז דען זי זאָל אַ גבירנטע שוין ווערן!? —

שוין איצט איז אַ גבירנטע, אין גאַנצן הוילע פרייד
און דרייט צעשטראַלט דאָס איי און דרייט,
ווי פּלוצעם — באַך!
צערונען ליגט דאָס איי אויף דרערד...
די הענט די ליידיקע פאַרברעכט זי,
טיף־טיף אין האַרצן קרעכצט זי:
— גיי מאַך!
דעם אָרעמאַן איז נישט באַשערט
און ס׳איז אים נישט געגעבן,
כאָטש איין מאָל אין זיין לעבן
צו טועם זיין אַן איי...

---

ווי מיט איר אָרעמקייט די יידענע — אוי־ווי,
מיר פירן מיטן יצר־הרע שלאַכטן,
און ס׳טרעפט: מיר טוען תשובה און צדיקים ווערן,
ווי זי אַ גבירנטע — אין בלויזן טראַכטן...
מיר זאָלן כאָטש, אַ, לאָמיר בעטן גאָט אין טרערן,
אין תהום פון זינד נישט פאַלן — ווי! —
ווי אויף דער ערד איר איינציק איי...
גבעתיים, ראש־השנה, תשכ״ב (.. ..)

# רב אמת און רב משל

(לויטן דובנער מגיד)

גערייליקט י. י. טרונק, ז״ל

איין מאָל אין אַ זוניקן פרימאָרגן
שפּאַצירט זיך אַ דערשלאָגענער פון זאָרגן,
דער אַלטיטשקער רב אמת אויף דער גאַס.
— פאַר וואָס ביסטו אַזוי פאַרזויערט? —
טוט ווער אַ צי ביים אַרבל אים מיט שפּאַס —
ווי דיין אריכת־ימים וואָלסט באַדויערט...
— אהא, רב משל! — שטרעקט רב אמת אויס די האַנט —
ס׳איז אמת וואָס דו זאָגסט, כ׳בין איינגעווייקט אין זאָרגן:
איך בין שוין איבעריק אַ יעדן דאָ אין לאַנד.

כאַטש שטיק זיך מיטן וואָרט און ווער דערמיט דערוואָרגן!
ער־עך! נישטאָ קיין פרייד,
רק טרויער.
פאַר מיינע אמתדיקע רייד
פאַרשטאָפּט זיך יעדעס אויער...
ווייל כ׳בין שוין אַלט, און אַלטקייט איז פאַרהאַסט.
איז וואָס זשע? זאָל איך אויסציען די פיס און שטאַרבן?
וואָס אמת איז — עס וואָלט מיר שוין געפּאַסט,
נאָר ווער? ווער? וועט עמעצער מיין א מ ת אַרבן?...
— רב א מ ת, — רופט זיך אָפּ רב מ ש ל — לאָז צו־־רו!
דו האָסט אַ טעות. וואָס דו זאָגסט איצט, איז נישט אמת —
פון זיך אַליין איך נעם עס:
אויך איך בין אַלט שוין, גלייך ווי דו,
און מענטשן האָרכן אויס מיך גערן,
מיט אויגן אויפגעלויכטענע, ווי שטערן.
נאָר וואָס? דו קומסט צו זיי, ווי זאָגט מען עס — הויל־נאַקעט,
קומט אויס ביי זיי: „ער רעדט נישט — ער באַלאַקעט"...
ווען וואָלסט זיך קליידן לייטיש, ווי עס שטייט דיך אָן —
אַרום דיין וואָרט אויף טיש און בענק וואָלט זיך געטאָן!
איז הער: כ׳בין גרייט דיר מיינע בגדים אויסצובאָרגן,
און נעמען וועט אַ סוף צו דיינע זאָרגן. —
רב א מ ת כאַפּט זיין האַנט און דריקט זי שטאַרק: — אַ דאַנק!
כ׳נעם אָן דיין קלוגע עצה מיטן פריינדלעכן געשאַנק. —
און ס׳האָט זיך אין זיין לאַנגער זילבער־באָרד פאַרשפּונען
אַ שמייכל־שטראַל פון אויפגעטויכטער פרייד:
דעם מענטשנס אויער וועט פאַרנעמען מיינע רייד!

---

צי האָט דער א מ ת, אין רב מ ש ל ס קלייד,
אויך צו דעם האַרץ פון מענטש דעם וועג געפונען?
עס מוז דער בעל־משלים זאָגן אייך דעם אמת, ליבע לייט:
פון האָרכן ביז צו פאָלגן איז נאָך מי־יודע־ווייט.
און אויב באַגעגנט איר אַ מאָל אים גיין געבויגן,
און ס׳קוקט אַ טיפע זאָרג אַרויס אים פון די אויגן —
פאַרשטייט וואָס ס׳טוט זיך אין זיין אַלט געמיט
און — פילט אים מיט.

גבעתיים. נאָבעמבער, 1961

# דער כוח פון א פינטל

אַ פינטל האָט דערזען אַ מאָל אויף זיך אַליין די וואָר:
„כ׳בין קליין, קליין־קליין, אַ נעבעכל, אַ נישטיקל און גאָר!" —
און ס׳האָט דעם ביי דעם פיטשינק הערצעלע פאַרנומען:
„איז ווי זשע זאָל מיין לעבנדל מיך וויל באַקומען?
אַז ריזיק־גרויס איז יעדעס אות, וואָס נאָר מיין בליק דערבליקט!
אַז בלויז דאָס אָנזען פון דער שורה שרעקט מיך, וואַרגט און שטיקט!
אָ, גאָט, אָ, גאָט, צו וואָס גאָר האָסטו מיך באַשאַפן?
אַז אַלץ, וואָס גרויס איז, אויף מיין גאָרנישטקייט זאָל גאַפן?
צי גאָר מיך נישט באַמערקן, ווי איך וואָלט אויף וואָר נישט זיין?
ס׳איז גאָרנישט צו פאַרשטיין, ווי כ׳פּלאַץ נישט מחמת גרויסער פּיין!
נו, וואָלט כאָטש ווער מיין בריענדיקע פּיין דערשפּירן,
נו, וואָלט זי צו זיין האַרץ דערגאַן, צו די געהירן.
מיין אויעלע — ווער הערט עס? און מיין טרערנדל — ווער זעט?
צי כאָטש צו דיר מיין קלאָג, באַשעפער מיין, דערגרייכן וועט?"
און ס׳קאָרטשעט זיך דאָס פינטל, שרומפּט זיך איין פון ווייטיק:
„אָ, קיינעם, קיינעם אין דער וועלט, איך בין נישט נייטיק!"

ווי דאָ דערשפּירט עס: אויף זיין טליענדיקער וווּנד פון פּיין
האָט, ווי אַ באַלזאַם, זיך געטאָן אַ גאָס אַ מילדע שיין
און, ווי אַן אָפן מויל — אַ זון! — זי איינגעשלונגען.
אַ שטראַלנשפּיל אין פינטלס האַרץ האָט זיך צעזונגען:
„איך בין אַ פונקל־פּינטל ביי אַ זון אין היכל!" — —
געוווּען איז דאָס אַ מענטשנס פּנים מיט אַ שמייכל.
און ס׳פּינטל האָט דערהערט אַ מענטשנס שטים, וואָס זאָגט:
— האָסט פינטל האַרץ, אומזיסט פאַר דעם באַשעפער זיך פאַרקלאָגט:
צי וואָלט איך פון די שורות דען דעם זין באַנומען,
ווען דו וואָלסט מיר נישט צווישן זיי צו הילף געקומען?
אַ דאַנק דיין וווּנק: „דאָ בלייבט מען שטיין" איז קלאָר מיר דער געדאַנק,
אַ גאָר געהויבענער... אַ דאַנק דיר, פּינטעלע, אַ דאַנק!
איז וואָס, אַז דו ביסט קליין? ס׳איז וויכטיק דיין שליחות,
און ווען ביסט עס מקיים, ווערסטו גרויס — אין יחוס...

---

דעם משל בלייבט שוין איבער אונדז צו זאָגן נישט קיין סך:
נישט מעסטן קיין מאָל מיטן אויג די גרייס פון קיין שום זאַך;
אין יעדער גרייס — צום פּינטל זאָלסטו זיך דערשלאָגן:
דאָס פּינטל וועט די וואָרע גרויסקייט אירע זאָגן.

גבעתיים, אַפּריל, 1964

## א שווערע שאלה

סע טוט אַ לויף אַריין אַ ייִד פֿון גאַס
צום יונגן רב, רב שעיה לייבן, בלאַס:
— אַ ספֿר־תּורה... רבי!... רבי, הערט:
געפֿאַלן אין בית־מדרש אויף דער ערד!...
סע וועט דער עולם פֿאַסטן... ווער געזען...
נאָר איך בין גראָד אין פּאָליש דאָן געווען...
אויך איך... ווי אַלע, גרייט דעם תּענית... כ'בין...
נאָר, רבי לעבן, ווי איז על־פּי דין?... —
דער רב, פֿאַרכאַפּט פֿון טראַכטעניש, בלייבט שטיין:
„דער דין?... דער דין?... איך ווייס עס נישט אַליין...״
און טוט אַ לויף אין צווייטן חדר, אַזש פֿאַרשוויצט,
אַוווּ דער אַלטער רב, זיין טאַטע, זיצט —
דער גאון און דער צדיק פֿון זיין דור,
וואָס וועגט אַ מצווה פּינקטלעך אויף דער האָר, —
און פֿרעגט... דער זקן טוט ביי אים אַ מאָן:
— און דו וואָס? וואָס האָסטו אַליין געטאָן?
„וואָס הייסט?... צו דיר געלאָפֿן באַלד־און־גיך...
וואָס דען האָב איך געהאַט צו טאָן?!״ — וואָס א י ד!־
זיך טוט אַ ריס פֿון קעל ביי אים דאָס וואָרט, —
ער פֿאַלט דערמיט חלשות אויפֿן אָרט.

---

דער ערשטער אָפּרוף קומען דאַרף פֿון האַרץ,
וואָס שרייבט דעם דין מיט רויט, אַנשטאָט מיט שוואַרץ...

גבעתיים, מערץ, 1964

## האישה מרת טריינע

(לויט אַ רוסיש פֿאָלקסמעשהלע)

האישה מרת טריינע —
סע האָט די גאַרע וועלט צו איר די טענה:
„אַז ווי דערנעמט זיך עס, אַ ייִדענע זאָל זיין אַזוי־אַ גאַליק־שלעכט?!״
נישטאָ צו מאָל קיין איינער, וואָס זאָל זאָגן, אַז זי האַנדלט רעכט.
מע שעלט זי: „אַז מע זאָל זי שוין באַגראָבן
און צודעקן מיט קויט!״,
„די לייכטסטע שטראָף וועט זיין פֿאַר איר דער טויט,
און נ אָ ך אים זאָל זי ד אָ ר ט ן ערשט קיין רו נישט האָבן!״

און ס'איז אַזוי געשען:
ווי נאָר מע האָט זי, טריינען, דאָרט, אויף יענער וועלט, דערזען,
פליט צו צו איר אַ טייוול מיט פאַררוסטע פליגל,
אַ שוועב אַרום איר קאָפּ אַן עיגול,
אַ כאַפּ זי מיט די נעגל־צוואַנגען פאַר די הענט,
אַ שליידער אין אַ גרוב, אין וועלכן פעך־און־שוועבל ברענט,
זי זאָל מיט אירס גלייכן צוזאַמען
געלייטערט ווערן אין די פלאַמען.

אין דעם מאָמענט
שוועבט צו אַ מלאכל מיט ווייסע פליגל
צום כסא־כבוד, שטעלט זיך אויף זיין לעצטן שטיגל,
הייבט אויף, ווי בעטנדיק די הענט,
די שימערירנדיקע, פלאַטעריקע פליגל
און צו דעם וועלט־באַשעפער שעפּטשעט שטיל אַזוי צו זאָגן:

— אַן אומרעכט, וואָס איז גאָרנישט צו פאַרטראָגן!...

„נו, לאָמיך הערן", — טוט אַ שמייכל דער האַר־גאָט.

— איך קום אַקעגן שוואַרצן טייוול מיט אַ קלאָרער טענה:
האישה מרת טרייבע
באַשאַפן מיט אַ מצוה האָט...
נו... מיך אַליין... אַנומלט...

„רעד רויק, קינד — זאָגט גאָט, — נישט זיי אַזוי צעטומלט.
די גוטע מעשים צו פאַרגעלטן,
וואָס מענטשן טוען זיי גאָר זעלטן —
איז תמיד גרייט מיין האַנט".

— אַ בייזער הונגער האָט געהערשט ביי איר אין לאַנד,
איז איין מאָל, אָ, דערבאַרעמדיקער גאָט,
ווען ס'האָט
אַ הונגעריקע ייִדענע געשטרעקט איר בעטנדיקע האַנט צו טרייבען:
„אָ, ראַטעוועט מיך, האַרציקע!... דערפאַר וועט אייער מזל שייַנען..." —
איז כאָטש זי איז אַליין געווען אין הונגערנויט,
האָט אָנגעצונדן זיך אין האַרץ ביי איר דאָס לעמפּעלע ג ע וו י ס ן,
זי האָט אַ ציבלקע אַ גרינס פון גאָרטן אויסגעריסן,
עס איר דערלאַנגט און — זי דערמיט געראַטעוועט פון טויט...
אָט די־אָ מצווה אירע איז עס דאָך מיין מוטער...
אין זכות פון אָט דער מצווה לייז זי אויס פון גרוב, רחמנותדיקער, גוטער!

„מיין קינד, — זאָגט גאָט, — איז נעם דאָס זעלבע ציבלקעלע, פלי דערמיט צום גרוב און זאָג דער אַלטער: „כאַפּ דערין זיך אָן״, און צי דאָס ציבלקעלע, און מיט דעם — האישה מרת...״

— דאָס וואָרט פון דעם באַשעפער הייליק־וואָר איז! —
צעיובלט זיך דאָס מלאכל און פליט
מיט אויפגעשטראַלט־צעלויכטענעם געמיט
און ברענגט דאָס ציבלקעלע, ווי ס׳האָט גאָט באַפוילן,
צום גרוב מיט פייערשלענג און פלאַמען־גרוילן;
און טריינע טוט פאַר דעם אַ כאַפּ זיך אָן,
ווי אַ פאַרשפּילטער קאָרטנשפּילער פאַרן לעצטן קאָן;
דאָס מלאכל מיט אַלע כוחותלעך עס ציט און ציט
און טריינע ציט זיך מיט...

דאָס־אָ דערזען, כאַפּט אָן זיך אַ פאַרמשפּטער אין טריינען,
אין אים — אַ צווייטער, און אין צווייטן... נאָך און נאָך —
אַ יעדער וויל זיך ראַטעווען פון גיהנומדיקן בראָך...
מע ווערט געצויגן, און די אויגן זיך צעשיינען,
פון האָפענונג און פרייד צעשפּילט...

נאָר דאָ האָט טריינע דאָס דערפילט,
געכאַפּט זיך וואָס זיי זענען אויסן —
ווי זי, געניסן פון דער פריי אין דרויסן, —
און נעמט דעם אָנגעהאָנגענעם פאַרביסן מיט די פיסלעך שטויסן
אין סאַמע מיטן קאָפּ;
דאָס מלאכל זיי ציט, נו, ממש ווי אַ גיבור,
ביז פלוצעם — ס׳ציבלקעלע טוט אַ רייס זיך איבער,
און טריינע טוט אַ פאַל, אַ פאַל אַראָפּ
אין גרוב אַריין מיט זיי צוזאַמען
אין דעם געווירבל פון די פלאַמען. — — —

פון פיין און אימה ווערט דאָס מלאכל פאַרשטיינט,
און שטיל מיט טרערן זאַמדענע סע וויינט.

גבעתיים. דעצעמבער, 1963

## די העלדישע מויז

שפרינגט אַ מייזל אויף אַ לייב... —
גלייבסט נישט, לייענער? גלייב, גלייב...
נייִן, איך לייג נישט, ווער נישט רויט:
פשוט־פּראָסט — דער לייב איז טויט.
ס'מייזל פּיפּסלט: „זעט, ווי שטאַרק!
כ'טרעט דאָך אויף אַ לייבנקאַרק!"

— ביסט אַ גיבור! ביסט אַ זיגער! —
פּלוצעם טוט אַ שפּרינג אַ טיגער,
ווי אַ בליץ, און אין די לאַפּעס
אין אַן אויגנבליק אַ כאַפּ עס... —

ווידער גלייבסט נישט? גלייב מיר, גלייב:
ס'איז דער לייב אַ וואָרער לייב,
נאָר דער טיגער (פאַר דער מויז
ריכטיק זעט ער אַזוי אויס,
און פון שרעק איר הערצל — פּלאַץ!),
אויף דער וואָר — אַ שוואַכע קאַץ.

גבעתיים, נאָוועמבער, 1963

## מיין פריינד דער מלך...

מיט ליבשאַפט הדסה רובין

סע האָט זיך אים פאַרגלוסט —
נישט אַנדערש! ווערן מלך,
און נישט געזאַמט. נאָר טאַקע שוין!
נאָר, ווי באַוווּסט —
אַ מלך
מוז האָבן דאָך אַ קרוין.
איז וואָס זשע זאָל ער טאָן?
„איך ווייס שוין!" — טוט אַ שעפּטש ער פריילעך,
און לויפט אין קרעמל, קויפט קאַרטאָן
און גאָלד־קאָלירטיק דיק פּאַפּיר,
און שערט, און שניידט, און קלעפּט,
און מייסטרעוועט, און מיט זיך.
פוןליידנשאַפט און ברען
זיין יעדעס גליד צעגליט זיך.

ער אַרבעט ווי פֿאַר צען,
און אײדער נאָך ער ווערט דערשעפּט —
„אַך, מזל־טובֿ! אַ קרוין — אַ ציר!
פֿאַר מיר! פֿאַר מיר!
מיט גלעקלעך גאָלדענע אַפֿילו!
אַ קרוין אַן אמתע! און נישט „כּאילו".
ווי אָנגעמאָסטן פֿאַר מײַן שטאָלצן קאָפּ,
פֿון הימל־הייך איז זי אויף מיר אַראָפּ!
ווי גרויס איך בין! ווי מאַיעסטעטיש גרויס!"
ער טוט זיך אין דער קרוין אַ לאָז אַרויס
אין טאַנץ;
די גלעקלעך די פּאַפּירענע, אים דאַכט זיך,
(און זיס־צעציקלט ער צעלאַכט זיך)
זײַי קלינגען אויס
זײַן רום און קייסערלעכן גלאַנץ —
ער איז אַ מלך,
אַך, לוסטיק־פֿריילעך,
ווי ס'האָט זיך אים פֿאַרגלוסט!
און ווי עס איז באַוווּסט!
ער דרייט זיך, קרייזט און דרייט זיך,
אַזש זײַן געקרוינטער קאָפּ אין שווינדלעניש פֿאַרדרייט זיך...
— — — — — — — — — — —
נאָר פּלוצעם — שטײַ!
אַז ווײַ אים, ווינד־און־ווײַ!
אין סאַמע מיטן ווירבלדיק געדרײַ
דערפֿילט ער:
ער איז אַ קאָרטנשפּילער אַ פֿאַרשפּילטער —
אין זײַן געדאַנקען־קאַסע,
די אויסגעלאָשענע געהירן־מאַסע,
בלויז איין מחשבֿה דאָרטן צאַנקט:
„צי האָט געלוינט זיך?
כ'האָב דאָך אַליין געקרוינט זיך...
אַליין־געקרוינטער מלך, זײַ פֿון זיך אַליין באַדאַנקט..."
און ער פֿאַרשעמט זיך פֿאַר די לאַכנדיקע ווענט,
וואָס שטעקן צינגער אים אַרויס, ווי לצים,
און יעדע צונג אים טוט אַ לעק, אַ רײַץ אים.
ער לאָזט אַראָפּ צעציטערטע די הענט,
בייגט טיף אַראָפּ

דעם קאָפּ,
און ס'פאַלט פון אים די קרוין
אויף דרערד אַראָפּ
און בלייבט פאַרבלאָסט־פאַרלאָשן ליגן,
אַצינדער שוין —
אָן גלעקל־קלאַנג, פאַרשוויגן.

גבעתיים, ערב יום־כיפור, תשכ״ד

## רב פישל דער בעל־תשובה

רב פישל איז געווען שוין אָנגעלערנט:
אַ וואָרעם מיט אַ פאָדעם איז — געפּאַר.
„...ווי לאַנג־זשע איז דער שיר צו זיין אַ נאַר?!״ —
אויף זיך אַליין האָט ער זיך הייס צעצערנט —

„געְנוג! ווי נאָר כ'דערזע אים — כ'רוק זיך אָפּ,
פאַרקוק זיך, לאָז פון אים זיך נישט פאַרלאָקן;
אַפילו בלויז דערשנאַפּט אים — ווילד־צעשראָקן
מיט אימפּעט כ'טראָג אַוועק מיין קלוגן קאָפּ״

„און שאָקל פון אים אָפּ זיך מיטן עקל.
אויב נישט, רב פישל, האַלט עס מיט אייך שמאָל!
איז אָפּגעמאַכט: געווען דאָס לעצטע מאָל...
בלויז אָנצוקוקן אים איז דאָך אַן עקל״. — —

ווי פּלוצעם — ער איז ווידער דאָ! זע־זע:
אַ ראָזלעכער, אַ פעטינקער, באַטעמטער,
אַזש מיט זיין זיסן ריח בלויז פאַרסמט ער, —
און ס'פּילט שוין נישט רב פישל: „ס'עקלט! פע!״.

נאָר טוט צון אים אַ לאָז זיך, ווי אין פיבער,
פון תאווה טוט אין אים דאָס האַרץ אַ שפּרונג...
דאָס מויל — אַן עפן־אויף... אַ כאַפּ... אַ שלונג...
און — שוין! ער איז אויף יענער וועלט אַריבער.

גבעתיים, אויגוסט 1963

# שלמה המלכס דינסט און דער טויטער לייב

„היט זיך פון אַ טובה טאָן דעם בייזן —
שלעכטס בלויז וועסטו פאַר דיין גוטסקייט לייזן".
בן־סירא

שלמה המלך „ידע ושמע שיחת עופות..." (תרגום־שני) —
שלמה המלך האָט פאַרשטאַנען די שפּראַך פון פייגל.

„אַ שיקסע ביי אַ רב קאָן פּסקענען אַ שאלה", —
אַזוי אַ יידיש שפּריכוואָרט זאָגט. אַזוי — אין יעדן פאַך.
דערום נישט זייט פאַרוואונדערט, מענטשן, נישט קיין ווילדע:
ביי שלמהן האָט אַ דינסט פאַרשטאַנען פייגל־שפּראַך.

איז איין מאָל גייט זי זיך אַזוי אין וואַלד שפּאַצירן.
ס'איז שרעקלעך הייס און שטיקנדיק, זי אָטעמט קוים;
די פיס — ווי קלעצער, שווער זיי פונעם אָרט צו רירן, —
איז טוט זי זיך אַ לייג אין שאָטן פון אַ בוים.

אָט ווי זי וואַלט אַ טויטע דאָ אַנידערפאַלן;
די אויגן צוגעמאַכט, פאַרשאָטנט דאָס געזיכט.
ווי דאָ דערהערט זי: „קראַ! וואָלט איך עס זיין אַ בעלן
די אויגן אויסצופּיקן איר — דאָס זיסע ליכט!

קראַ־קראַ! סע גייט מיר אויס דאָס הערצעלע פאַר הונגער.
דערלויב מיר, מאַמע, טאָן אַראָפּ צו איר אַ פלי..."
פון קול איז קענטיק, אַז דער ראָב איז נאָך אַ יונגער,
רעדט איינער זיך פייגעלעך אין בוזעם גאָר אָן מי.

— קראַ־קראַ! — די מאַמע ענטפערט מיט אַ שטים אַ גראָבער —
דער מענטש גענאַרט, און... היט זיך פאַר אַ בייזן סוף!
אַז מענטשן־אויגן זענען זיס, איז זיכער, אָבער —
צי זי איז זיכער טויט? צי כאַפּט זי בלויז אַ שלאָף? —

פון דעם געשפּרעך דער דינסט ווערט אומהיימלעך און קעלטלעך,
און ס'נעמט דאָס האַרץ איר קלאַפּן, ווי אין וואַרער בויט.
זי עפנט קוים די וויעס און אַדורך די דינע שפּעלטלעך
קוקט־אויס דעם יונגן ראָב, וואָס האַלט זי שוין פאַר טויט.

נאָר נאַריש איז נאָך ביי דעם יונגן ראָב דער מוח —
ער טוט צוּן איר אַ פלי מיט תאווהדיקער לוסט.
אין דעם מאָמענט, איר דלאָניע מיטן גאַרן כוח —
אַ כאַפּ זיין העלדזל, צוגעשטיקט עס צו דער ברוסט

און אָפּגעשליידערט אים מיט עקל — שוין אַ טויטן? —
ער פלאַטערט נאָך אַ ווייל אין גראָז און שטאַרבט אַוועק...
וואָס ווייטער? — שוידערט זי מיט אַלע זיבן הויטן,
און ס'צאַפּלט זיך איר האַרץ פון שברון־לב און שרעק.

און שוין — די מאַמע־ראָב איז ביי איר קינד דאַנעבן
און בישטערט צווישן גראָז, רייסט איינעם אויס מיט פרייד
און גיט דעם טויטן אים צו שמעקן... זע! דאָס לעבן
זיך קערט צוריק צום ראָב, נאָר־וואָס פון איר געטייט!

און אַז דעם נס געזען בפירוש מיט די אויגן:
מחיה־מתים איז דער פלאַדיקער גראָז! —
זי טוט אַ כאַפּ אים: אויך פאַר מענטשן קאָן ער טויגן...
און לאָזט אַהיים זיך לויפן שנעלער פון אַ האָז:

זי וועט איר טויטע מאַמע פונעם טויט דערוועקן!...
נאָר זע־נאָר, זע: ביים וואַלדראַנד ליגט אַ טויטער לייב...
נישט לאַנג געטראַכט, זי גיט אים פונעם גרעזל שמעקן,
און קוק: ער לעבט דאָך אויף! ער לעבט! קוק אָן, און גלייב!

„איך האָב געטייט, דערפאַר — אַצינד געוועקט צום לעבן...
אַ דאַנק, באַשעפער!" — האָט זי זיך צו גאָט געבוקט.
נאָר אויך דער לייב האָט א י ר אַ שיינעם דאַנק געגעבן:
אַ שפּרונג, אויף שטיקער זי צעריסן און פאַרצוקט.

---

די מעשה האָט דערציילט די אַלטע ראָב, די מאַמע,
דעם מלך שלמה, און פון אים, דורך דורות כמה,
איז צו בן־סיראָן זי פון מויל צו מויל אַריבער,
לסוף — צו מיר, אַ דאַנק אַ ווערטל פון זיין חיבור.

גבעתיים, אויגוסט־סעפּטעמבער, 1963

# אן אלטער הונט

געהייליקט דעם בעל־נמשלים, משה גראָסמאַן ז״ל,
דעם אמת־זאָגער אָן משלים — אָן אַ משל־מאַסקע

ווי ס׳ווערט געמאַכט אַ משל? הערט:
אַט דער־אָ משל האָט אין זינען מיר געטאָן אַ בליץ,
ווען פרום פאַרלייגט די הענט אויף אירע קניעס,
אַן אַלטע זונה האָט מיט לעצטן ביסל היץ
געפּרעפּלט פון איר תשובהדיקער צניעות. —

אַן אַלטער הונט האָט פּאַר אַ וואַנדרער זיך פרום באַרימט:
— הגם איך האָב אויף אייך זיך אַט צעבילט,
און ס׳קאָן זיך דאַכטן אייך — איך בין אַ כעסן,
כ׳פאַרזיכער אייך: איך האָב דעם הונט אין זיך שוין לאַנג אַנטשטילט
און וועל, ווי לאַנג כ׳וועל לעבן, קיינעם מער נישט בייסן. —

אים ענטפערט דער באַפּאַלענער מיט שמייכלענדיקן שפּאָט:
— אַז וואָס דו בילסט איז לויטער וואָר,
גלייך ס׳וואָלט דיין מאַמע דיך אָן ציין געבוירן, —
פון טשאַמקענדיקן בילן דיינעם איך דערקאָן עס קלאָר:
דו האָסט פון אַלטקייט שוין דיין לעצטן צאָן פאַרלוירן.

---

נישט נאָר ביי אַלטע זונות און ביי אַלטע הינט —
די מידה אויך ביי לייט ביי פיינע מען געפינט.

אָקטאָבער, 1691

# שלענג

ס׳איז דאָ אַ שלאַנג אַזאַ מין אין אַן אומבאַקאַנטן לאַנד, —
דערציילט האָט מיר אַ רייזנדער אַ קרוב
(צי דאָס איז אמת, בין איך אייך נישט ערוב) —
זיין גיפט — אַ בראַנד,
וואָס רייכערט פון זיין מויל;
נאָר אויך זיין לאַנגער־לאַנגער עק
וואַרפט אָן מיט זיין מאַרמדיקער לענג
אויף רייזנדער, אויף חיות און אַפילו אויך אויף שלענג
אַ שרעק,
אַ גרויל!
משמעות, ווייל סע איז זיין עק אַזוי־אַ לאַנג.

איז קורץ דעריבער זיין געדאַנק:
ער ווייסט בישט, אַז דער עק איז זיינער, ניין.
איז טרעפט אַ מאָל: ער טוט אַ כאַפּ אים אויף די ציין
און נעמט אים בייסן, קייען;
זיך וואַרפנדיק און קאָרטשנדיק אין דרייען,
דאָס אייגן לייב זיינס פרעסט ער;
אין שנאה־ברויז און אין ספּאַזמאַטישן געדריי
פאַרגעסט ער
זיין בריענדיקן וויי,
און ביזן סוף דעם עק דערפרעסט ער...

---

רב קרוב, ס'איז נישט נייטיק פאָרן וויט:
כ'קאָן שלענג אַזעלכע צווישן פּיינע לייט
מיט גיפט פון לשון־הרע אין די ציין,
און ס'פּייערט זייער מויל — אַ גיהנום!
זיי מיינען, אַז זיי שרפען יענעם,
און שרפען זיך אַליין...

תל־אביב, נאָוועמבער, 1960

## דעם לצס צונג און שמאי שוסטערס שטיוול

„כל הכועס כאילו עובד ע"ז" (זהר בראשית כז:)

זיצט שמאי שוסטער שפּעט ביי נאַכט מיט די געזעלן,
צי האָט אים נישט געקלעקט דער זומערטאָג, אַ טאָג — אַ יאָר?
גאַנץ פרי וועט זיך דער גרויסער יאַרמאַרק שטעלן,
איז מוזן אויסגעפּאַרטיקט ווערן שטיוול דרייסיק פּאָר.

סע ציט זיך זיי די קורצע זומערנאַכט, ווי סמאָלע,
סע שלאָפן די געהירן שוין, דער מאַרך אין דעם געביין,
נאָר שמאי טרייבט זיי מיט געבייזער און בהלה,
און גנבעט אַ געזעל אַ גענעץ, קריצט ער מיט די ציין.

דערבאַרעמט זיך אויף זיי דער בוידעם־שד דער גוטער,
דער לץ, וואָס שאַדנט נישט, נאָר מוטיקט מיט זיין מילדן שפּאַס:
פון סטעליע באַמבלט זיך זיין צונג, ס'איז רויט ווי בלוט ער...
סע שמייכלען די געזעלן, שמאי אָבער צינדט זיך אָן פון כעס,

כאַפּט איינעם פאַר אַן אויער אַן און טוט אַ פליק אים,
און אויפן שוסטערבענקל צאַרנדיקער נאָך אַ שפּרונג.
ער פאַקט דעם רויטן צונג און מיטן מעסער — כיק אים,
אַ וואָרף אויף דער פּאַדלאָגע: — גיי צום טייוול, טייוולס צונג!

נאָר זעט אַ וווּנדער: פון דער סטעליע הענגט נאָך לענגער
דער צונג דעם לצס, שוין אָנגעוואָקסן איז ער אים אויף ס'ניי.
סע כיכען די געזעלן, שמאי שטורכעט שטרענגער,
אַ פּאַק דעם צונג, אַ שנייד, אַ וואָרף, און טוט אויף אים אַ שפּיי.

מען אַרבעט, און דער צונג — ער ווערט גאַרנישט פאַרמאַטערט
אַלץ אָפּצוּוואַקסן צריק. ווי ווערט מען פּטור פון דער פּלאָג?!
ס'האָט שמאי שוסטער אַלע כּוחות שוין צעפּטרט — — —
פאַרשווונדן איז דער צונג, ווען ס'האָט אַ שפּראָץ געטאָן דער טאָג.

נאָר שפּעטער איז דער ווונדער נאָך געוואָרן גרעסער:
פון זיינע שטיוול אָן די נעזער כאַכעט דער יאַריד...
ער האָט אַליין זיי אָפּגעקוילעט מיט זיין מעסער!...
און פינצטער איז אים נעבעך, שמאי שוסטער, אין געמיט.

---

מיט וואָס האָט שמאי זיך פאַרדינט אַזאַ מין צרה?
(זי זאָל שוין זיין פאַר אַלע זינד אים אַ כּפּרה!)
ווייל ס'זאָגט בפירוש אונדזער הייליקע גמרא:
ווער ס'כעסט זיך, איז גלייך ער דינט עבודה־זרה.

וואַרשע.

## א הערינג און א פיש

אַ הערינג ווייקט זיך אין אַ שיסל וואַסער אויפן טיש
אין קיך. דאַלעבן אין אַ צווייטער מאַטערט זיך אַ פיש.
כאַטש ביידע זענען שטומע, און דער הערינג טויט, —
נאָר אויך אַזעלכע קריגן לשון אין אַ נויט.
און ס'זאָגט דער פיש צום הערינג אויף זיין שטומער שפּראַך:

— איך קוק אַזוי אויף דיר, דו עקס־געזאַלצענער, און לאַך...
און לאַך מיט יאַשטשערקעס... בשעת
דו האָסט געבאָדן זיך אין ליאַג אין פּאַס
און ביסט געווען אַדורך־און־דורך געזאַלצן,

האָסט דו געמיינט, ביסט חריפער צוליב דער זאַלץ,
ביסט כאַרעוער פון אַלע פיש, פון אַלץ,
פון אַלע אַלצן...
אויף אונדז, די אומגעזאַלצענע — אוי, שעפער, גאָט! —
געשפיגן האָסט מיט גאַל געזאַלצענער, מיט שפּאָט:
„זאָל גאָט באַהיטן מיט אַזעלכע זיך צו חברן!
פאַר זייער לעבן נאָך זיי אַווערן,
און נאָכן טויט — ווערט מיילן־ווייט פון זיי זיך שפּירן...
און איך — כ׳וועל אייביק ווי אַ פרישער הערינג עקזיסטירן!״
אַ קלאָג איצט הערינג, צו דיין קאָפּ, אַ קלאָג!
אָט ווייקסטו זיך אַזוי שוין באַלד אַ דריטן טאָג,
טוסט תשובה, האָסט אויף דיינע זינד חרטה,
שווענקסט אָפּ פון זיך די זאַלץ — די בלאָטע
מיט וואַסערן מיט זיבן
און שווערסט זיך, אַז דו ביסט
אַ פיש, ווי איך, פאַרבליבן...
ביין, כ׳זאָג נישט: „סקאָצל־קומט! מיין ברודער, זיי באַגריסט!״
מיך עקלט דיך צו זעען דאָ דאַלעבן אויפן טיש!
אַן אויסגעווייקטער — בלייבסטו אַלץ אַ הערינג, נישט קיין פיש!

דער הערינג האָרכט און ווייקט זיך ווייטער, און צו לעצט — אַ קרעכץ:
— כ׳בין דאָך אַליין זיך מודה, ברודער־לעבן, אין מיין שלעכטס.
ס׳איז אמת, אַז איך האָב אַקעגן אייך גערעדט דאָס אַלץ,
נאָר... א י ך האָב דאָס גערעדט? סע האָט גערעדט פון מיר די זאַלץ.
ערשט איצט פיל־אָפּ איך ווידער ווי אַ פישענעם מיין האַלדז.
איר ווילט זיך איבערצייגן, ברידער — נעמט מיין האַרץ און שפּאַלטס!... —

און שפּעטער, צו דער סעודה ביי דעם יומטובדיקן טיש
מיט אַ פאַרחידושט אייגל קוקט צום הערינג אונדזער פיש:
צום אַלעם ערשט מען איז מכבד גאָר מיט אים די געסט! —
מען עסט דעם הערינג און מע לויבט, מע לויבט אים און מען עסט.
און איינער טוט לסוף הרחבהדיק זיין וואָנס אַ וויש:
— נו, איצטער קאָן מען זיך אַ נעם טאָן צו די פיש.
אַ שטיקל הערינג פאַרן עסן! — גאַרנישט אָפּצושאַצן! —
און ס׳טראַכט דערויף דער קאָפּ דער פישענער: ס׳איז נאָר צום פּלאַצן!

צי דאַרף דער משל זיך אַנטשלייערן? איך מיין:
דער לייענער, וואָס האָט אַ גרידקע זאַלץ אין שכל,
וועט גלייך זיך אַנשטויסן דעם נמשל, און דורך שמייכל
אַ בלענד טאָן וועלן זיינע ציין.

וואַרשע.

## דער מיזאַנטראָפּ

דאָס לעבן באַנטשע שוויגס איז אַלעמען געגוּי באַקאַנט —
ס׳איז דאָך געשטאַלטיקט פון אַ קינסטלערס האַנט.
און דאָך (מיט טיפן דרך־ארץ
פאַר אונדזער גרויסן פּרץ)
כ׳וויל אויסזאָגן דער גאָרער וועלט —
אַ קליינעם עפּיזאָד האָט ער פאַרפעלט:
אַן אָפּגעשליסענער און הונגעריק און קראַנק
געשטאַנען איז אַ מאָל זיך באַנטשע שעהענלאַנג
לעם אַ פאַרקלאַפּטער טיר
פון דעם באַרימטן האַרצפאַרקלאַפּטן גביר.
ער האָט געוואַרט דאָ אויף זיין לוין:
אָט באַלד... אָט־אָט שוין...
נאָר ס׳ברעכן זיך די פיס שוין אונטער אים,
אַ נאָדל שטעכט אין האַרץ און ציט נאָך זיך אַ דרים...
דער טאָג פאַרגייט... די נאַכט פאַלט צו אין שאַרבן...
סע בילן הינט... צי וועט ער, ווי אַ הונט, דאָ שטאַרבן?
דאָ עפנט זיך פּאַמעלעכן די טיר
און אויף איר שוועל — דער גביר.
— קום מאָרגן! — טוט אַ זאָג ער מיט אַ קוויטש,
מיט ווייסן לעבער.
טוט באַנטשע, ווי אַן אָקס אַ נישט־דערשאָכטענער, אַ ריטש:
— אַ בראַנד אין בויך דיר! זאָל ער ווערן גרעבער... —
נאָר גלייך באַקומט ער מיט אַ שטעקן פעסט אין קאָפּ:
— דו מיזאַנטראָפּ!

וואַרשע, 1936

## די פליספעדער און דאס הענטל־פען

אַ פליספעדער פליסט פלייסיק אויף פּאַפּיר,
ווי זיך בנעימותדיק געגאַנגען אויף שפּאַציר,
גלייך ווי געלאָפן און געשטיפט.
דערזעט זי אויפן שרייבטיש קעגנאיבער
ווי ס'אַרבעט שווער אַ פּשוט הענטל־פען.
זי וווּנדערט זיך, און ס'צינגל האָניק טריפט:
— מיין ליבער!
דו האָרעווסט, וואָס אמת איז. ווי דען?
דאָס לעבן איז אַזוי־אָ שוין געשטעלט —
אָן אַרבעט זעט מען נישט קיין וועלט.
נאָר האָט עס דען אַ זינען,
די אַרבעט איבעררייסן אַלע מאָל אין מיטן דרינען
און צו דעם טינטער לויפן, ווי אַ זויפער?
אָט נעם, למשל, מיר —
איך אַרבעט אָן אָן אויפהער
(זאָל עדות זאָגן דאָס פּאַפּיר),
איך פליס! איך לויף אַהין, אַהער,
איך שפּרינג אַראָפּ, אַרויף,
איך הער...

— אָט הער שוין אויף! —
טוט הייזעריק דאָס הענטל־פען אַ קריץ
מיט היץ. —
ס'איז וואָר, דו ביסט אַן אַרבעטער, ווי איך,
מיר שטאַמען ביידע פון איין דיך,
נאָר... כ'וועל עס קורץ און שוואַרץ אויף ווייס דיר זאָגן:
סע איז אפנים פול מיט טינט דיין מאָגן...
נו, איז דיר גוט און ווויל אַ הונגעריקן מוסר זאָגן.

## די קייטן און די רויטע פאן

ערנסט, טיף־פאַרשוויגן
אין אַ קאַמער־ווינקל ליגן —
אייך פאַרצושטעלן כ'האָב די ערע —
אַרעסטאַנטסקע קייטן שווערע
און שווייגן... האָבן אויך נישט וואָס צו טאָן.

הגם עס שטייט צונויפגעוויקלט לעבן זיי אַ רויטע פאַן.
ערשטנס, איז דאָך שווער — ווי שווער! —
מיט די שווערע צונגען־רינגען פונעם אָרט צו רירן,
צווייטנס — הער נאָר, הער! —
מיט וועמען וועלן זיי אַ שמועס דאָ פאַרפירן?
מיטן שטעקן,
וועלכער שטענדיק האָט ער דיר צווי עקן,
און קיין מאָל איז נישט קלאָר פאַר דיר זיין מיין?
צי — גאָט איינאייגציקער אין הימל, טאַטע! —
מיט דער רויטער ווייבערישער שמאַטע,
וואָס אָן דעם שטעקן אירן,
איין־אַליין,
וואָלט אַ ליאַדע ווינט געקאָנט זי דאָך פאַרפירן,
פאַרשלעפּן זי צון אַל די רויטע יאָר!?
איז גלייכער, קיילעכיקער איינצונעמען שטומעניש און גאָר!
איז רינגלדיקער ליגן
טיף־פאַרשוויגן,
אויסרינגלען מחשבות רינגל־אויס און רינגל־איין,
און פאַר קיינעם נישט אַנטפּלעקן,
נישט פאַר איר, דער שמאַטע, נישט פאַר אים, דעם שטעקן
פונעם שויס די צרות און די פּיין — —

נאָר איין מאָל, אין אַן ערב ערשטן מאַי,
ווען געוועזענער קאַטאָרזשניק, איצטער אויף דער פריי,
איז אַריין אין קאָמער רייניקן און אויסשטויבן די פאָן,
האָבן זיך די קייטן בייז צעבראַזגעט און געטאָן
אים מיט פירהאָלט אַ דערמאָן:
— געדענקסטו גאָרנישט, שקלאַף געוועזענער און איצטער — האַר,
די טעג און יאָרן דיינע, הוילע פּיין און צער,
ווען איך בלויז האָב פאַרויסגעקלונגען טראָט פאַר טראָט דיין גאַנג?
ווען אין דיין איינזאַמקייט בלויז איך געווען בין דיין געזאַנג?...

— כ'געדענק. אַ פראַגע נאָך, צי איך געדענק! —
ענטפערט זיי איראָניש־שטרענג
דער מאַן. —
איר האָט פאַרהאַמעוועט מיין יעדן שפאַן,
מיין לייב געפרעסן מיט די זשאַווערדיקע רינגען.
און... יאָ, בעתן זינגען
צו דער ערד געריסן מיינע ציטעריקע קני...

— און זי,
די רויטע פאָן?
געדענקסטו אויך, וואָס זי האָט דיר געטאָן?
פאַרגלייך אונדז ביידע —
האָט זי דיך נישט געפירט צו דער עקדה?
צו פאַרדאַנקען איר האָסטו פאַרלוירן דאָך די פריי
אין יענעם ערשטן מאַי!...
און פוצסט זי נאָך! כדאַי!
און... קלערסט נאָך אפשר זי צו טראָגן ווידער,
זיך רייסנדיק אויף קולי־קולות: „נידער!”?

— יאָ!
טאַקע מאָרגן אין אַ פייערלעכער שעה! —
ענטפערט דער קאַטאָרזשניק פעסט און הויך.
די קייטן זיך צעבראַזגען וויפל ס'איז אין זיי פאַראַן נאָר כוח:
— אום גאָטעס ווילן! טו זיך אַ באַדענק!
ווענד דיין בליק
צוריק!...

— איר מעגט זיך ציען אין דער ברייט און אין דער לענג!
איך האָב ליב צו קוקן שטענדיק נאָר פאָרויס, —
טוט ער מיטן שטיוול זיי אַ שטויס. —
אויף דער פאָן, וואָס בלוטיקט אַזוי רויט,
וועט אין גיכן זיין מיט פייער אָנגעשריבן: „טויט —
די קנעכטשאַפט איז פאַרטיליקט אויפן שייטער!
עס הערשט די פריי!
דאָס גאַנצע לעבן פון דער מענטשהייט דער באַנייטער
איז אַ פריילעך־ליבער יום־טוב — ערשטער מאַי!”

וואַרשע, 1958

# עפיגראַמען און אַפאָריזמען

1. דעם לעבנס־תוך

מע קאָן אַ מאָל דעם לעבנס תוך
דערזעען דורך אַ בייגלס לאָך.

2. אַ קריטיקער אַזאַ

ער וואָלט מיט שפּיז געשטאָכן מענטשן, נאָר —
ס׳פעלט אויס אים מוט:
סע שאָטנט אים די גרויע פּעטליע פון דער תליה.
איז שטעכט ער קינסטלער מיט זיין פּענע און —
אין שיין פון שפּעפערישן בלוט
סע שימערט אים אַ לייטישע „עליה״...

3. נישט אומזיסט געלערנט.

„חוצפּה העלפט אַפילו קעגן גאָט״ —
אַזוי אין חדר ער געלערנט האָט;
די תורה אין דער פּראַקטיק פּרוווט אויס
און איבערצייגט זיך: דער דערפּאָלג איז גרויס.

4. ריינקייט־קולטור.

דריי מאָל אין טאָג ער בערשטלט זיך די צייִן,
נאָר ס׳בלייבט דאָס מויל אים פאָרט נישט ריין, נישט ריין!
ווי נאָר ער עפנט עס, — אוי פּע!
עס אַווירט: קללה, ניבול־פּה.

### 5. פון ערשטן קוואַל.

זי שעלט מיט טויטע קללות אים, דאָס ווייב.
און ער, עס זאָל אים רירן אויף אַ האָר!
בגנבה טוט ער עפּעס אַ פאַרשרייב:
ער האָט עס! פונעם ערשטן קוואַל — פאָלקלאָר.

### 6. שטאָלצן.

באמת, איר זענט גרויס
ביז... אייער שטאָלצקייט בלויז;
קוים נעמט איר אויף די שטאָלצן גיין,
דערזעט מען ערשט ווי איר אַליין —
זענט קליין.

### 7. אַ באַשיידענער.

ער האָט מיך שטאַרק געלויבט
פאַר האַלטן זיך באַשיידן;
ער טראַכט: זיך האַלטן שטאָלץ —
נאָר אים אַליין טוט קליידן...

### 8. עניוות.

פאַרקלאָגט אַ ייד זיך פאַרן בעש"ט און קלאָגט זיך:
„ווי פיל איך האָב אין יידישקייט געפּלאָגט זיך,
און בין פאַרבליבן ,ווי געוועזן — אַ פּראָסטאַק..."
— דיר קומט אַרויס נאָך רעשט?
פאַרוווּנדערט זיך דער בעש"ט —
דו האָסט דערפאַר עניוות דאָך אַ פולן זאַק...

### 9. די ליבנדיקע אלמנה.

זי האָט אים ליב געהאַט, איר מענדל שוסטער,
אויך נאָכן טויט זי ליבט אים... אָן אַ שיעור!
און פאַר אַ פרעמדער חברטע באַרימט זיך:
— מיין מאַן? ער איז געווען... אַן אינזשעניר!

### 10. היסטעריע.

זי גייט שוין שטאַרבן... נאָך אַ שפּאַן...
כאָטש נעם און גראָב פאַר איר די גרוב.

נאָר באַלד זי פאַדערט פונעם מאַן —
מאָדערן מעבל פאַר דער שטוב.

11. פארביטענע יוצרות.

איר ליבהאָבער איז דאָך אַ שוטה
און פלייצט מיט שטות, ווי פון אַ קראַן,
און זי, די תאווהדיקע סוטה —
זי טיטולירט אַזוי... דעם מאַן.

12. פּחדנות.

ווי גוט ער קאָן פון דעם פּחדנות
ביי פרעמדע לייט דעם מעכאַניזם!
און שטראָפט זיי שטרענג, גאָר אָן רחמנות. —
און וואָס זיין אייגענע? — איז בלויז ליריזם.

13. דער פרייער פילאָסאָף.

קסאַנטיפּע האָט איר מאַן, סאָקראַטעסן, געשטעקט אַ פייג
און פול געמאַכט דאָס צימער מיט איר שיפּען.
נאָר ער האָט שטיל געשמייכלט צו קסאַנטיפּען:
— דער פילאָסאָף איז פריי אפילו מיט אַ שלאַנג אין שטייג.

14. פילאָסאָפישע ריינקייט.

קסאַנטיפּע האָט סאָקראַטעסן אַנומלט
געטאָן אַ שפּיי אין פּנים: — עקלהאַפטער איינער! —
און ער דערויף, לחלוטין נישט צעטומלט:
„אַ דאַנק. מיר זענען ביידע איצט אַ ביסל ריינער...”

15. וואָרע פריינדשאַפט.

וואָרע פריינדשאַפט שטאַרקט זיך מיט איר עלטער,
ווי גוטער וויין — וואָס שפּעטער פונעם קעלטער.

16. אַ וועגעטאַריערין.

זי איז אַ וועגעטאַריערין, זיין ווייב,
און אַלע כללים היט זי אָפּ געטריי, —
דאָך רייסט זי שטיקער פון זיין לייב
און פרעסט עס — אבר־מן־החי.

### 17. אַ צוכט.

פֿאַר אינפֿלייט ציטערט ער, ווי פֿאַר אַ שאָס,
און האָט אַליין — מיט פֿליי אַ פֿולע נאָז...

### 18. אַ לוקסוס־בייטל.

צו וואָס דער לוקסוס־בייטל, שיינע פֿרוי?
ווער ס'רעדט מיט אייך, דער טראַכט אין האַרץ אַזוי:
„ווי פּוסט! וואָס קומט אַרויס וואָס זי איז שיין?
איז נישט איר בייטל אויך פֿון ק ל י נ ג ע ר ס ריין?״

### 19. פֿאַרגאַלאָפּירט.

ער האָט פֿון גאווה זיך פֿאַרגאַלאָפּירט,
אַזש ס'ציטערט אונטער זיינע פֿיס די ערד;
דערמיט האָט ער אַליין דערפֿירט
צו זיכערקייט: ער איז — אַ פֿערד.

### 20. אַ פּאַראַדאָקס.

ער איז אַ פּגע־רע,
און וויל נישט —
פּגרן.

### 21. גרויסקייט.

ער בלאָזט פֿון זיך אַ מענטש אַ גרויסן,
כאָטש כלומרשט איז ער דאָס נישט אויסן,
און פֿילט זיך, ווי אַ פֿיש אין וואַסער ווייל.
באמת: עס איז טאַקע גרויס... זיין מויל.

### 22. אויך אַ שכל.

קיין שכל ביי איר נישט פֿאַראַן,
נו, לערנט זי שכל... דעם מאַן.

### 23. עניוות און חכמה.

אויב ווי ס ט ו, אַז דו ביסט אַן עניו,
איז וואָס זשע פֿאַר אַן עניו ביסטו? —
אויב ווייסטו נ י ש ט: דו ביסט אַ חכם,
איז וואָס זשע פֿאַר אַ חכם ביסטו?

### 24. אַ בומעראַנג.

אַ קללה איז אַ בומעראַנג:
צוריק צום שעלטער טוט זיך אַ דערלאַנג...

### 25. אַ מוסר־זאָגער.

ער מוסרט יעדן דרייסט און אָפן:
„דו האַנדלסט, ווי אַ שווייַן, געמיין!"
און שפּירט נישט, אַז ער האָט געטראָפן
אין סאַמע פּינטל — זיך אַליין.

### 26. אַ קאַלטע לעבער.

דאָס ווייב אים שעלט:
— פאַרשרפעט זאָלסטו ווערן! —
ער שטייט און קווועלט:
„מיט דיר בייַנאַנד? גאַנץ גערן!"

### 27. דער שטענדיק שולדיקער.

זי פאַרבט די האָר. נו, פאַלן זיי איר אויס.
נאָר זי איר צאָרן אויפן מאַן גיסט אויס:
— רק דו ביסט שולדיק! „ווי אַזוי דאָס — איך?"
— דו־דו! ווייל בערשטלסט מיט מיין באַרשט דיין פליך־
מיט דיין באַציל, ווי גאָט איז וואָר,
שטעקסט אָן מיין הויט און מיינע האָר...

### 28. עפּיטאַפיע אויף אַ „דיכטער"

דאָ ליגט אין שטויב און רום באַגראָבן
אַ מאַן פון ווערטער, אָפט געפּאָרט מיט טאַט:
ווען ס'איז אים שווער געוועזן דאָס ה אָ ב ן,
ער האָט זיך אויסגעהאָלפן מיט פּלאַגיאַט.

### 29. אַ „גוטער קריטיקער"

ער קריטיקירט בכתב און אויך בעל־פה,
דינאַמיש שאַפט ער און צעשטערט:
מיט שבחים טריפט זיין טינט פון פען,
מיט שפייעכץ שפּריצט זיין מויל פאַרקערט.

30. **רעדאַקטאָר איקסל.**

רעדאַקטאָר איקסל רעדאַגירט מיט גרויס פאַרשטאַנד —
שטרייכט אויס איעדעס וואָרט... וואָס איז אים נישט באַקאַנט;
דאָס וואָרט איז אים אַ פרעמדס, איז נעמט ער און פאַרשטרייכט —
וואָס גייט אים אָן דער זין, וואָס דורכן וואָרט זיך לייכט?

31. **אַ שטראָף.**

דער דראַמענמאַכער איקס, אין זיין הקפדה,
האָט פעסט באַשלאָסן שטרענג מיך צו באַשטראָפן:
נישט איינצולאַדן מיך אויף דער פרעמיערע,
ווי כ'וואָלט געהאַט דעם נחת... איינצושלאָפן.

32. **אַ העלד.**

אין זיינע ווערק היסטאָרישע באַווייזט ער
פון העלדן און פון העלדישקייט דעם אָרעאָל און חן;
ער מאַכט עס, וואָס אַן אמת, ווי אַ מייסטער,
און דאָס פּחדנות לאָזט ער איבער בלויז... פאַר זיך אַליין.

33. **אַ קראַנץ.**

אין דרייען זיי לייגן אַנידער דעם קראַנץ,
נאָר צווישן זיך זענען זיי אַלע — נישט גאַנץ,
און יעדער דעם צווייטן און דריטן פאַראַכט;
אין ארון דער בר־מנן שמייכלט פאַרשמאַכט.

34. **צו אַ דיכטער**

ס'איז אויסגעשלאָסן זאָלסט אַ גרויסער דיכטער זיין!
ווי וואָלט ער, קליינלעך מענטשעלע, אין דיר אַריין?
דערפאַר ווי הויך אין דיר זאָל שיינען דיין טאַלענט —
אַ קאַרליק וועט צו אים דערלאַנגען מיט די הענט.

35. **געוויסן.**

ווען דעם געוויסן פעלט דאָס וויסן,
וואָס קאָן מען שוין פון אים געניסן?

36. **אַ קריטיקער נאָך יענעמס טויט.**

ער האָט אים פאַר זיין לעבן די חטאים נישט פאַרגונען,
און ער פאַרגינט זיי אים נישט אויך אַצינדער נאָכן טויט.
נאָר איצט, ווען ס'איז זיין מורא אויסגערונען,
ער וועגט זיי עפנטלעך, מיט טרייפקייט, וועגט זיי אויפן לויט...

### 37. אַ געריכטע טענה.

— דו בלוטזייגער! דיין האַרץ איז שלעכט און ביטער־גאַל!
וואָס רייסטו מיך אַוועק ביגוואַלד פון לעבנסקוואַל,
און לאָזט מיך נישט דאָס ביסל זאַפט געניסן?
זאָל דער באַשעפער ברענגען דיך אויף מיין באַשטאַנד! —
אַזוי געיעלהט האָט... אַ פּיאַווקע צו דער האַנט,
וואָס האָט איר פון דער צווייטער אָפּגעריסן.

### 38. אַ דיכטער מיט אַ קראַנץ.

— דער דיכטער טראָגט אַ קראַנץ, באַרעכן!
„פון לאָרבער?" — ניין, דורכויס פון דערנער.
„ווי אַ מאַרטירער?" — ניין, צו שטעכן
קאָלעגן, ווי אַן אָקס מיט הערנער.

### 39. קריטיקער.

פאַר וואָס האָט נישט דער קריטיקער א י כ ר יי ס,
וואָס רייסט אַרונטער קריטיש ממש בערג,
געשריבן וועגן קריטיקער א י כ ב יי ס?
ווייל גאָר אין גיכן גיט ער אויך אַרויס אַ „ווערק",
און יענער וועט אים קאָנען צאָלן מיט אַ ב י ס
פאַר יעדן ר י ס

### 40. אַ בעל־יושר.

— איז יאַנקל דער בעל־יושר טאַקע גוט אַזוי און וויל,
און וועט זיך מיט קיין עוולה ס'פּנים נישט פאַרשוואַרצן?
ער לאָזט דאָך גאָר דעם יושר נישט אַרויס פון מויל!
„נו, יאָ... ווייל ער פאַרמאָגט אים נישט אין האַרצן".

### 41. אַן ארורה.

— פאַר וואָס איז זיך סאָקראַטעס נישט צעגאַנגען מיט זיין ווייב?
„ער האָט געוווּסט: איר גיפט וועט סיי ווי ריזלען אין זיין לייב".

### 42. ס'אַוועקט

— ס'אַווערט! — שרייט ער ווו ער קומט. ער איז זיך טועה:
דאָס פילט זיך פון זיין זויל, וואָס האָט פאַרשלעפּט ווו צואה.

# פון עלטסטע קוואלן

אחרית כל קטטה חרטה. (ספר חסידים סימן פ״ח)
דאָס קעגנזייטיקע באַוואַרפן זיך מיט בלאָטע
לאָזט תמיד אויס זיך מיט חרטה.

★

האמת כבדה, על כן נושאיה מעטים. (מדרש שמואל על אבות)
דער אמת איז שווער,
האָבן ווייניקע צו טראָגן אים באַגער.

★

עד דשמינא איכחש כחשא מאית. (איכ״ר בובר פ״ג כ)
איידער ס׳וועט דער שמאַלציקער זיך דאַרבן,
דער מאָגערער וועט פריער שטאַרבן.

★

אדם רוצה בקב שלו
מתשעה קבין של חברו. (ב״מ, לח.)
אַ מעסטל איינס, אַבי ס׳זאָל א יי ג נ ס זיין,
איידער מעסטלעך פ ר ע מ ד ע גאַנצע ניין.

★

אדם ענק
לפעמים בזבוב נחנק. (מחברת עמנואל נ״ה.)
אַ מענטש אַ ריז, אַ שטאַלט פון זיג,
דערוואַרגט אַ מאָל זיך מיט אַ פליג.

★

אורחא דכלבא כד מחיין ליה באבנה,
איהו אתי ונשיך לחבריה. (זהר שמות מ״ה:)
ס׳אַ הינטישער שטייגער: וואַרפסט אין אים אַ שטיין,
אין אַ צווייטן הונט ער בייסט אַריין די ציין.

★

אין אדם הולך אצל אשת איש,
עד שיצא מדעתו. (במדבר רבה פ"ט ו)
ווער ס'וויל אַן אשת־איש געווינען,
דער איז, נישט אַנדערש — אויסן זינען.

★

דומה לאשה שהיא אצל אהובה ונשבעת בחיי בעלה. (תנחומא אמור ב)
— געליבטע, שווער מיר, אַז דו ליבסט מיך,
ביי עפּעס, וואָס איז שטאַרק דיר טייער.
„עס זאָל מיין מאַן אַזוי מיר לעבן!" —
זי שווערט אים גלייך און ברענט — אַ פייער!

★

מי שנשכו נחש, ירא מפני החבל (משל עממי):
ווער ס'האָט אַ ביס באַקומען פון אַ שלאַנג,
דער פּחד פאַר אַ שטריקל מאַכט אים קראַנק.

# אינהאלט:

זייט

וואָלין — ל. אָליצקי V
וואָלין — פון יידיש: ש. שלום VI
יהדות פּוילן — יצחק למדן VII
דאָס וואָלינער יידנטום,
יצחק למדן VIII

## אין מיין אַלטער־נייער היים:

מיין לאַנד, 9
פאַר אַ שול אין געבוי 11
אַ פרעמדער אויפן ברעג פון אונ־דזער ים 12
מיין פריינד, דעם טרויעריקן דיכ־טער 14
פאַר די אַראָפּגעלאָזטע וויעס מיינע 15
צו דער וויסטע־ערד 17
איר חוזקט 19
דער נס — ערד 20
פאַר דעם טויער דיינעם, צפת 22
אַ, יידן, יידן 30
יידן זענען מיר דאָך אַלע 31
צו געוויסע בירגער 31
די יינגלעך פון נח״ל אין אַלמגור 32
יחיא מנשה, פאַרפייניקטער אין תדמור 34
פלעמלעך 34
צום עלטערזיידן מיינעם 35
כמאַרעס 38

## פאָלקסטימלעכע באַלאַדן:

דאָס ביימל פון קדוש־השם 39
באַלאַדע פון די פאַרשעמטע שבת־ליכט 50
יידישע פישער ביים ים 51
א נסיון 62

זייט

מסירת־נפש 67
בטחון 74
דעם האַלצהעקערס וואָר און חלום 78
דער בעל־תשובה 80
רב שמעון און זיין זון אלחנן 88
דער יורד 96
דאָס לובלינער שניידערל 99
נגינה 108
אויפן ברוקלינער בית־עלמין 122
די געטאָ־קעמפער און משיח ביי די טויערן פון רוים 123

## מיר קאָנען נישט פאַרגעסן:

פרץ אָפּאַטשינסקי 126
שמחה בונעם שאַיעוויטש 128
אַלטער האָפמאַן 132
אַניוטע פיאַטיגאָרסקאַ 132
איך זע דיין לעצטן גאַנג, קאַציזנע 134
צו אָסקאַר שינדלער 136
איציע באַלעגאַלע 137
יזכור 147
יידיש קאָסעוו 148
די רייד פון אָשוויענטשימער בדחן 149
אויף דער כלהס קבר 153
שבת־ליכט אין פוילן 154
יידן אין פוילן 154
רייד פון אַ מטורפן יידן אין געטאָ 155
ביים טויער פון אָשוויענטשים 157
שושנה 159
אין הונדערט יאָר אַרום 165
דאָס בלוט פון פיליפ מילער 167
דער געטאָ־קעמפער פון קראָכמאַל־נע גאַס 167
הימען צו די געטאָ־קעמפער 171
דיין האַרץ — אַ פידל 173

זייט

## נשמה אויף וואָגשאָל:

די חיה אין מענטש 174
אויף דער שוועל 175
רגעס פאַרצווייפלונג 175
איך ווייס נישט, קינד מיינס 176
איך ליג פאַר דיר צעטומלט 177
אפשר 177
לויב 178
פריינדשאַפט 180
מיין אויף־דער־עלטער 181
ליבשאַפט 181
אַן עפּל 181
ביי די ברעגן פון סמבטיון 182
אַ תפילה 183
רב חיים וויטאַל 184
דער יאָ 186
יאָמער־געזאַנג פון אַ בעל־תשובה 186
אייגבראָך 188
אויף דער וואָגשאָל 189
צעצווייאונג 190

## אין דערהייבונג:

דער אָוועקגאַנג פון דזשאָן קענעדי 192
אַ חלום 193
אין זכות פון די סנהען 193
צום חלל־פליער 195
אַ צוואה 196
מאַמע־לשון 198
מאַני לייבן 199
דב סדן 200
פון אַלטע צייטן 201
קאַנטאַטע לכבוד דעם 100־יעריקן געבוירנטאָג פון שלום־עליכם 207
לידוויקאַ וואַווזשינסקאַ 211
מאַהאַטמאַ גאַנדי 211

## אין גאַרן נאָך שלום:

שטערן 213
רויטע גלאַדיאָלן 214
אַ וואָרט פון שלום 214
ליד צום ערשטן מאַי נאָכן וועלט־שלום 215

זייט

צו אַן אויסגעטרוימטן, געשטאָר־בענעם שלום־קעמפער 215
בעלאַיאַניס 216
נקמה 218
פעלקער־פריינדשאַפט 219
באַלאַדע וועגן דעם פּאַרטיזאַן אין לאַפּטיעס 221
באַלאַדע פון דער לבנה מיטן פּאַר־טיזאַן 222

## לידער פון אַ מאָל:

געזאַנג פון לערער צו שול־קינ־דער 225
וויגליד 225
ליד פון דער רויטער פאָן 226
קאַרל מאַרקס 227
באַלעגאַלעס 229
טו־בן 231
עלעגיע 231

## אין שיינקרייז פון אייגענעם לאַמפּ:

אַ ברכה־רעגן 232
ממעמקים 232
איבערבעטונג 235
ליבע־מיראַזשן 238
אין שיינקרייז פון אייגענעם לאַמפּ 240
איך לאַך און וויין 243
דאָס לעצט־ליד 244
אויטאָביאָגראַפיע 244

## נייע לידער:

סאַבּרעס 247
ליד פון אַן עולה חדש 247
ס'וואָרע ווייסע לעבן 248
שלום על ישראל 249
איבערגעשטאַלטונג 249
אין דער נידער 251
די נישט־דערפּאַרבטע ט־ר 251
פריינדשאַפט 252
מאַנדלצוויט 254
רבי חיים וויטאַל 254

זייט

צו אַן ערב־יורד 255
עבודה־זרה 256
שטיינער 257
ביי אַ בוך פון אַ טויטן פריינד 257
צו אַ זעלבסטמערדער 259
זיבן העלע ליכט 260
אַן אַלטער מאַן צו זיין יונגער פרוי 260
מיין פאָלק 262
צו אַ סאַברע אַ יונגער יולדת 262
קאָרטנשפילער 263
די יידישע העלען קעלער אין געטאָ 264
סאַראַ העלע פרייד 267
קנאה 268
עלנטע זיקנה 269
און דו, ווו ביסטו, גאָט 269
אַן אינסעקט 270
פאַרלוירן 271
אַ תפילה „בדממה־דקה" 272
אַ סאָנעטן־בריוו צום דיכטער יעקב פרידמאַן 273
אור־הגנוז 274
אַ מוטער פון אַ חיילת אין בענקשאַפט 276


## משלים:

דער בלינדער און דער לאַמטערן 278
דער בלויער פייערפויגל 279
דעם מלכס אויספרווו 280

זייט

דער מוזיקאַנט און דער טויבער 281
השם־יתברכס זיגלרונג — דער „זוהר" 282
דער גיהנום פון די רשעים 284
צוליב אַ פונק 284
מיטן כוח פונעם וואָרט 285
בלאָנדזשערס 286
ווגן תשובה־טאָן 287
רב אמת און רב משל 289
דער כוח פון אַ פינטל 290
אַ שווערע שאלה 291
האישה מרת טריינע 291
די העלדישע מויז 294
מיין פריינד דער מלך 294
רב פישל דער בעל־תשובה 296
שלמה המלכס דינסט און דער טויטער לייב 297
אַן אַלטער הונט 299
שלענג 299
דעם לצס צונג און שמאַי שוסטערס שטיוול 300
אַ הערינג און אַ פיש 301
דער מיזאַנטראָפּ 303
די בלייפעדער און דאָס הענטל־פען 304
די קייטן און די רויטע פאָן 304

**עפּיגראַמען** 313—307

**פון עלטסטע קוואַלן** 315—314

## ווערק פון ל. אליצקי

### אָ ר י ג י נ ע ל ע :

1. **אין אַן אָקופּירטן שטעטל**, דערציילונג,
פאַרלאַג „קולטור־ליגע”, וואַרשע, 1924.
3. **אין שיין פון פלאַמען**, נאָוועלן,
פאַרלאַג „ב. קלעצקין”, ווילנע־וואַרשע, 1927.
3 **משלים פאַר קליין און גרויס**,
פאַרלאַג „קולטור־ליגע, וואַרשע, 1929.
4. **גערעַנגל**, ראָמאַן אין צוויי בענד,
פאַרלאַג „קולטור־ליגע”, וואַרשע, 1932.
5 **דער זון אַנטקעגן**, דערציילונגען, אילוסטרירט,
פאַרלאַג „ציש״אָ”, וואַרשע, 1933.
6 **הונטמאַן**, ראָמאַן, אין צוויי אויפלאַגעס,
פאַרלאַג „קולטור־ליגע”, וואַרשע, 1937.
7. **דער מענטש וועט גוט זיין**, משלים,
פאַרלאַג „דאָס נייע לעבן”, לאָדזש, 1947.
8. **דורך טויט צום לעבן**, דערציילונג,
פאַרלאַג „איקוף”, בוענאָס־איירעס, 1949.
9. **משלים־בוך**,
פאַרלאַג „יידיש בוך”, לאָדזש, 1949.
10. **מענטשן אין קלעם**, דערציילונג,
פאַרלאַג „יידיש בוך”, וואַרשע, 1952.
11. **מיטן פּנים צו דער זון**, משלים און לידער,
פאַרלאַג „יידיש בוך”, וואַרשע, 1952.
12. **אָפּקלייב**, ראָמאַן,
פאַרלאַג „יידיש בוך”, וואַרשע, 1953.
13. **דאָדיע קאָוואַל**, ראָמאַן אין דריי בענד,
פאַרלאַג „יידיש בוך”, וואַרשע, 1955.
14. **זאָגט די וועלט אַ משל**, משלים,
פאַרלאַג „יידיש בוך”, וואַרשע, 1956.
15. **פאָלקסטימלעכע באַלאַדן; פון דער העברעישער דיכטונג**,
פאַרלאַג „יידיש בוך”, וואַרשע, 1957.
16. **מענטשן פון מיין שטעטל**, דערציילונגען,
פאַרלאַג „יידיש בוך”, וואַרשע, 1958.
17 **מיין האַרץ־רייזע**, לידער,
פאַרלאַג „י. ל. פּרץ”, תל־אביב, 1960.

18. **שפּאַרונעס אין הארצן**, לידער,
פאַרלאַג „טור־אריה״, תל־אביב, 1962.
19. **לידער צו אַ ברודער**, לידער פון ב. ל. און מ. אַליצקי,
פאַרלאַג „נחמני״, תל־אביב, 1964.
20. **פון מיין אייגענעם פעלדז**, לידער, באַלאַדן, משלים און עפּיגראַמען,
אַרויסגעגעבן פון ל. אַליצקי־קאָמיטעט, תל־אביב, 1964.

**איבערזעצונגען:**

21 **ציגיינער**, דראַמאַטישע פּאָעמע פון א. פּושקין,
פאַרלאַג „נידערשלעזיע״, וראָצלאַוו, 1949.
22. **ווייט פון מאָסקווע**, ראָמאַן פון וו. אַזשאַיעוו, רוסיש,
פאַרלאַג „יידיש בוך״, וואַרשע, 1951—52.
23 **פון קרילאָווס משלים**,
פאַרלאַג „יידיש בוך״, וואַרשע, 1957.
24. **פּאַן יאָוויאַלסקי**, קאָמעדיע פון א. פרעדראָ (די משלים און שפּריכווערטער),
פאַרלאַג „יידיש בוך״, וואַרשע, 1950.
25. **דער וועג פון חבר בידע**, ראָמאַן פון א. נעווערלי, פּויליש,
פאַרלאַג „יידיש בוך״, וואַרשע, 1952.
26. **טוווים פאַר קינדער**,
פאַרלאַג „יידיש בוך״, וואַרשע, 1954.
27. **מיצקעוויטש**, פּאָעזיע,
פאַרלאַג „יידיש בוך״, וואַרשע, 1954.
28. **מיינע הונדערט קינדער**, פון ל. קיכלער, פּויליש,
פאַרלאַג „מנורה״, תל־אביב, 1962.
29. **זכרונות פון א מאַראַן**, פון שלמה שאַפּירא, העברעיש,
פאַרלאַג „צ״פ פון פּוילישע יידן אין אַרג״. 1963.
30. **דער טייך גייט**, דערציילונגען פון חיים הזז, העברעאיש,
פאַרלאַג „דער קוואַל״, ניו־יאָרק, 1964.

**זאַמלונגען:**

31. **דימענטן פאַר אַלע**, משלים,
„מלוכה־פאַרלאַג פאַר שולאויסגאַבן״, וואַרשע, 1951.
32. **אייביקע קוואַלן**, פאָלקסשאַפונג,
„מלוכה־פאַרלאַג פאַר שול־אויסגאַבן״, וואַרשע, 1953.
33. **טריט ביי טריט**, כרעסטאָמאַטיע פאַרן ערשטן שוליאָר, צווייטע אויפלאַגעס,
„מלוכה־פאַרלאַג פאַר שולאויסגאַבן״, וואַרשע, 1951.